PURCHASED FOR THE

*University of Toronto Library*

FROM THE

*Joseph and Gertie Schwartz*
*Memorial Library Fund*

FOR THE SUPPORT OF

*Jewish Studies*

3

4719

TORONTO LIBRARY
1978

— וואָס פֿערדרעהט איהר מיר אַקאָפּ, לאָזט מיך אָב! און דער יונגער־מאַן געהט נאָך שרה'לען אין געוועלב אַריין.

— אַ בייזע פֿינסטערע נאַכט צו דיין קאָפּ, חצופה. משומד'ת, אַלע קונים נעמט זי מיר אַוועק — אויסגעריסען זאָלסט דו ווערען.

שרה'לע רופֿט זיך גאָר נישט אָהן.

די אַלטע געהט צוריק און זעצט זיך אַנידער אויף דער שוועל פֿון איהר געוועלב.

---

צווישען דעם שווער און דעם איידעם איז אַגאַנצע וואָך שלום. אין בית־המדרש זיצען זיי ביידע און לערנען; קריגען זיי זיך אמאָל איבער אַתוספֿ'ת'ל, ווערען זיי באַלד שלום.

צווישען דער מאַטען און דער טאָכטער זענען אַגאַנצע וואָך מחלוקת'ן.

די אַלטע ציהט, שלעפּט דעם קונה, מיט געוואַלד נויט זי איהם — די יונגע ווינקט נור.

די אַלטע שרייט, שילט און זידעלט, די יונגע שווייגט.

נאָר שבת איז שלום.

שבת אין דער פֿריה, ווען אַלע קראָמען זענען פֿערמאַכט און אַלאַנג אויסגעצויגענער קול לאָזט זיך הערען אין מיטען גאַס: „יודען אין שוהל אַריין!" געהט די אַלטע יודענע אַרויס פֿון איהר שטוב, פֿערבונדען דעם קאָפּ מיט אַטיכעל, זי געהט צו איהר טאָכטערס לאָדען און קלאַפּט אָן:

שרה, מען האָט שוין אין שוהל גערופֿען!

דאָס פֿערשטויבטע שוואַרצע שויפֿענסטער פֿון ר׳ דוד קו־בערבאַכערס געוועלב איז היינט אָבגעפֿאַרבען, אָבגעוואַשען און אויסגעשטעלט מיט פֿערשידענע פּרוכטען: אַ טהורם פֿאָמעראַנצען בעפוצט מיט ניס, מאַנדלען, עפּעל און באַרנעס פֿון ביידע זייטען ציהט צו זיך יעדען פֿאַרבייגעהער, אַזוי ווי די שוואַרצע אויגען, וואָס בעהאַלטען זיך פֿערשעמט אין דעם אייגעלען געזיכט פֿון דעם יונגען ווייבעל, וואָס שטעהט אויף דער שוועל.

אויף די טהירען, אַנשטאַט די פֿריהערדיגע פֿערשטויבטע שיל־דען מיט אָבגעריבענע ווערטער, הענגען היינט אַ פּאָר נייע אויס־געמאָלטע שילדען מיט פֿערשידענע פּרוכטען, אונטען שטעהט אויפֿגעשריבען דער נאָמען: נחום נעלדמאַן.

אין דעם צווייטען הויז איז אויך אַ פּרוכט־האַנדעל. אין אַלטע פֿערשטויבענע קערב זענען די פּרוכטען, וואָס קוקען אַרויס פֿון דעם שויפֿענסטער, אַזוי ווי דאָס געזיכט פֿון דער אַלטער יודענע, וואָס שטעהט ביי דער טהיר.

אויף די טהירען הענגט אַ שילד יעקב גאָלדשטיין.

ביידע ווייבער שטעהען, אַזוי ווי גרייט מלחמה צו האַלטען.

עס געהט דורך אַ יונגער מאַן. די אַלטע יודענע פֿון דעם אַלטען געוועלב, לויפֿט איהם אַנטקעגען, חאַפּט איהם אָן פֿאַר די האַנד און ציהט איהם.

— זייט מוחל, יונגער מאַן, דאָ, זייט מוחל, וואָלוויל און גוט, ערשט אַנייעס סאָרט געבראַכט פֿון וואַרשוי.

דער יונגער מאַן געהט מיט דער יודענע — זי האַלט איהם פֿעסט ביי דער האַנד און שלעפּט איהם — אָט האָט ער שוין זיין טריט אויף איהר שוועל געשטעלט, און די אַלטע יודענע האָט אַ בליק געוואָרפֿען אַהין צו דער טאַכטער ווי זאָגענדיג: אהא, ווער איז שטאַרקער?

שרה׳לע שטעהט פֿאַר איהר געוועלב און קוקט מיט איהרע שוואַרצע פֿינקעלדיגע אויגען, ווינקענדיג צו דעם יונגען מאַן. זי מאַכט אַ בעוועגונג מיט איהר האַנד, אַרויפֿנעהמענדיג זיך די האָר.

דער יונגער מאַן רייסט זיך אַרויס פֿון דער יודענע און געהט אַהין צו שרה׳לען.

די יודענע לויפֿט איהם נאָך: זייט מוחל, אַ פֿרישען סאָרט־וואָלוועל, בחצי חנם.

פערשטעלט, און די טראָלטען פון איהר הויב בעוועגען זיך.

— גוט דערלעבט, מ'שטיינס געזאגט: מען בעט אויף קינ־דער—האָט זי אמורמעל געטהון, ניט אראָבנעהמענדיג די אויגען פון דעם גרויען בויגען פאפיער.

די טהיר, וואָס פיהרט אין צווייטען חדר, האָט זיך פערהאַקט.

א„גוט נאַכט" האָט זיך געהערט מיט א שטילען בייזערדי־גען טאָן.

— און איך זאָג דיר, אַז אַליץ, אַליץ איז פון זיין קאָפּ. אַליץ ער, אַליץ ער,— זאָגט די יורענע מאַכענדיג מיט די הענד, אזוי ווי מיט זיי וואלט זי דעם מאַן עפּיס וועלען געבען צו פערשטעהן — זי האָט גאָר קיינמאָל דעם שכל נישט געהאַט דערצו.

—אָ, וואָס דיר פאַלט אַליץ איין,—דער אַלטער בלייבט שטיל און אין אַ ווייַלע אַרום זאָגט ער ווידער:

—וואָס וועט מען איצט טהון? עס קומט אוים נאָר די קראָם צומאַכען אויף דער עלטער.

— קוקט איהם נאָר אָן, דו מיינסט טאַקי, איך דאַרף זי? — די אַלטע האָט זיך אויפגעהויבען פון איהר אָרט.—אויף טויזענד כפרות דאַרף איך זי, איך וועל מיר אַליין אויך קענען אַנ'עצה געבען.

דער אַלטער האָט אַליץ געקרעכצט.

---

אין דעם צווייטען חדר.

נחום געהט אַרום הין און צוריק.

—בטלן, צו מיר האָט ער נאָך אַפּיסק, מיך קען ער נאָר יאָגען, און אַז עס האַלט עפּעס ביי'ם טהון, שטעהט ער ווי אַ גולם,— האָט זיך שרה געבייזערט, אראָבנעהמענדיג די נייע פלושענע קאָל־דרים פון די בעטען.

נחום האָט זיך געשטעלט ביי דעם שראַנק. שרה'לע, פער־שטעהסט נישט, איך קען נישט, מיך וועט ער צום רבי'ן שלעפּען— ער געהט צו נעהנטער צו איהר—ער וועט מיך פערקלאָגען, אַז איך וויל פון לערנען אָבשטעהן. דו מעגסט, פאַר דיר פּאַסט עס.

ער נעהמט זי אָן ביי דער האַנד.

זי שטופּט איהם אוועק: געה שוטה...

---

אין אַ פּאָר וואָכען אַרום.

אַלץ מאַכֿען אין גוטען, האָט זיך דער אַלטער אָנגערופֿען, אויפֿהויבענדיג זיך פֿון זײַן פֿאָטערשטוהל. ער געהט צו צו דער טהיר, וואָס פֿיהרט אין אַ צווייטען חדר און קלאַפּט אָן.

— נחום, זײַ מוחל.

עס עפֿענט זיך די טהיר, און נחום, אַ יונגערמאַן פֿון אַ יאָהר 20, בעווייזט זיך. זײַן ווײַס געזיכֿט, וואָס שײַנט אַרויס פֿון דעם שוואַרצען בערדיל, און די ווײַסע אויסגעצויגען נאָז האָבען צו וויסען געגעבען, אַז זײַן האַרץ קלאַפּט.

זאָג, נחום, זײַ מוחל, אדרבה, דו ביזט דאָך אַ בר אורין, אדרבה זאָג, וואָס פֿעהלט דיר בײַ אונז?...

און די אַלטע אויסגעלאָשענע אויגען, וואָס זענען האַלבליך בעהאַלטען אין די ווײַסע ברעמען, שטאַרען נאָך מעהר אַרויס פֿון דעם אויסגעטריקענטען דאַרען פּנים, און עס דאַכֿט זיך, אַז אָט פֿאַלען די אויגען אַרויס און עס בלײַבען איבער נאָר אַ פּאָר שוואַרצע טויטע לעבער.

— אָ, ווײַס איך וואָס? איז בנוגע מיר איז מיר אַלץ אײַנס.

נחום׳ס שטימע האָט געציטערט, און דעמאָלס ווען ער האָט גערעדט, האָבען זיך די לעפֿצען כשר׳דיג איבער די אויגען אַראָבגעלאָזט, אַזוי ווי זיי וואָלטען עדות זאָגען אויף דעם, וואָס ער רעדט.

— נו, האָט זיך דער אַלטער אָנגערופֿען מיט אַ שטײַגער, ווי ער וואָלט געבעטען אום שלום.

— וואָס, נו, — גאָר נישט, איך וויל מײַן געלד און ווײַטער פּטור, אײנמאָל פֿאַר אַלע מאָל, איך בין אַ מענש פֿאַר זיך, וויל איך מיר לעבען פֿאַר זיך, וויל איך פּרוּוען מײַן מזל, טאָמער וועט מיך גאָט אויפֿריכֿטען, שוין גענוג געווען בײַ אײַך ביז אַהער.

נחום האָט געקוקט אויף זײַן ווײַביל. זעהענדיג איהר רויט געזיכֿט און איהרע פֿײַערדיגע ברענענדיגע אויגען האָבען זיך איהם נאָך אַמאָל די לעפלען אַראָבגעלאָזט איבער די אויגען און מיט אַ בעהאַלטענעם נחת האָט ער זיך די הענד געקוועטש. זי האָט געגעבען אַ קוק אויף איהם, האָט זי די ליפּען פֿערביסען.

— אָבער דאָך ניט איצט, אויף די מינוט, דערווײַל איז דאָך נאַכֿט, דערווײַל לעגט מען זיך שלאָפֿען, — האָט דער אַלטער געזאָגט, אויפֿהויבענדיג זיך פֿון זײַן אָרט.

די יודענע זיצט בײַ׳ם טיש, דאָס געזיכֿט מיט די בײדע הענד

# די מַאמֶע מִיט דֶער טָאכְטֶער.

–און דאָס איז דיר נאָך גוט געוועֶן, האָסט דו געהאַט וועֶ-ניג,–נאַ דיר נאָך. אַ שענע, ריינע כפרה אויף מיינע שונאים׳ס קעפּ!–האָט ביילע געענטפערט דער טאָכטער, אַראָבציהענדיג זיך דאָס טיכעל טיעפער איבער די אויערען. דאָס געזיכט בעהאַלטען אין די גערונצעלטע הענד און געבליקט אויף די פלעשער, וואָס זענען פערשטעלט מיט גרויע ביינען פאַפּיר און קוקען אַראָב פון דעם הויכען שראַנק.

דער אַלטער ר׳ יעקב גאָלדשטיין, וואָס זיצט אויבען אָן ביים טיש, האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ מיט דער לאַנגער ווייסער באָרד, און די אויגען האָבען זיך אַרויסגעשפּאַרט דורך דעם טרוקענעם, צוזאַמענגערונצעלטען פּנים.

–נו, זאָג טאָכטער, זאָג אדרבה, וואָס פעהלט דיר ביי אונז, האָסט חלילה נישט צו עסען, צו קליידען, אָדער וואָס, אדרבה פרעג דיין מאַן, לאָז ער זאָגען, אדרבה.

–איין מאָל פאַר אַלע מאָל, איך וויל דאָס מיינינגע און וויי-טער פטור, איהר האָט מיר צוגעזאָגט 500 רובל נדן,–גיט מיר זיי! וואָס, בין איך נישט ווי רחל׳ע, ווי חיים דוד, וואָס האָט איהר צו מיר? גיט דאָס מייניגע און לאָזט מיר געהן.

–געהן, שטייען, וואו, אין דער ערד אַריין?–האָט זיך די אַלטע ביילע צובייזערט. מאַכענדיג מיט די צוזאַמענגעקנייטשטע גע-רונצעלטע הענד. איהרע טרוקענע איינגעצויגענע און איינגעפאַלע-נע ליפען, וואָס זעהען אויס ווי אַ קנייטש אין געזיכט, האָבען זיך פערשפּרייט, גערייטעלט, און דאָס האָט מעהר אויסגעדריקט איהר פערדרוס, ווי די גרויע אויסגעלאָשענע אויגען.

נאָך אַמאָל האָט זי דאָס געזיכט אין די הענד בעהאַלטען, קו-קענדיג אויף די פלעשער פון שראַנק.

–נאָר נישט געבייזערט זיך, נאָר נישט געשריען, מען קען

–הײסט דו צושרײַבען צום חוב־קרעכצט בערקע נאָך אַ מאָל.

–מילא, וואָס קאָן איך מאַכען?

–ביזט נעבעך אַ שלימזל׳ניק, בעדויערט איהם בערקע, שטאַרק אָבזיפֿצענדיג זיך.

זײ שמועסען ווײַטער צווישען זיך.

באַלד הערט מען פֿון נאַניקעל שאַשעס, בערקעס ווײַבס קול.

– בערקע, דאָס מיטאָג איז שוין פֿאַרטיג.

–האָסט דו ווײַטער אַ געשעפֿט. פֿאַרענטפֿערט זיך בערקע פֿאַר דאָס קופּקעלע יודען, און באַלד דרעהט ער זיך אויס, זאָגט עפּעס אַנ׳אויסרײד און געהט אַהײם.

זײ קוקען איהם נאָך.

באַלד קומט בערקע אָן פֿאַר דער שטעל גרינס, וואָס איז פֿאַר זײַן הויז, נעהמט אַ רעטעך אין האַנד, בעקוקט איהם פֿון אַלע זײַטען.

ער נעהמט אַפּיערער אַרויס פֿון קעשענע און גיט איהם דער יודענע, וואָס זיצט פֿאַר דער שטעל.

די יודענע בעקוקט דעם פּיערער, און וואַרפֿט איהם אין אַ קוואָרט אַרײַן.

שוין אַנ׳אויסגערונגענער פּרײַז.

בערקע נעהמט דעם רעטעך און געהט מיט איהם אין הויז אַרײַן.

– ווײַטער געלד אויסגעגעבען, זאָגט ער מיט אַגעלעכטער צו דעם קרעמער, וואָס שטעהט אויף דער שוועל מיט דעם געוועלבעל, וואָס איז אונטער זײַן גאַניק.

דער קרעמער קראַצט זיך אין בערדיל קאַלטבלוטיג.

דארט אין מיטען מארק שטעהען דאס קופקעלע יודען און קוקען איף בערקען, ווי ער העלפט וואצקעל פוהרמאן דעם וואגען אונטערשמירען, און זייערע פערטרוקענטע ליפען, און דאס קלאפען מיט די שטעקענס אויף די שטיינער דריקט עפעס עגמת-נפש אויס אויף זייער נגיד, וואס ווייסט נישט צו האלטען זיך בכבוד און גיט זיך אב מיט אלערע בעל-עגלה.

באלד קומט בערקע אן צו דעם קופקעלע יודען.

— גוט מארגען.

— גוט יאהר.

— וואס הערט מען נייעס? ווער האט אין זאלאראויקע געקויפט?

— ער וויל נישט פערקויפען, איינער — רופט זיך אן איינער פון די יודען.

— אווא, פאר דריי און פערציג אויך נאך נישט, וואונדערט זיך בערקע.

— און איך זאג דיר, אז עס וועט דיר באנג טהון, בערקע, — זאגט צו איהם איינער.

א צווייטער יוד העלפט איהם מיט:

— ווארט, בערקע! דו וועסט נאך אונז בעטען.

— מילא, קרעכצט בערקע, מן הסתם וויל מען טייערער געבען, וועט א גאסטעניגער קויפען.

— און אונז דארף מען נישט לאזען לעבען, צעבייזערט זיך שוין איינער.

— עך, קרעכצט בערקע, און ווינקט צו איינגען מאן פון דער קופקע.

— זרח, זיי נאר מוחל.

יענער קומט צו איהם, און עפיס ווי וועלענדיג בערקען איבערבעטען זאגט ער צו איהם נאך אמאל זיין אייגענעם גוט מארגען:

— שוין היינט מאנטאג, נעכטען נאך צייט געווען, קרעכצט בערקע.

גלויבט מיר, איך ווייס דאס, אין וואס קאן איך טהון.

— איך האב דאך אויך א ווייב מיט קינדערלעך, בעט זיך בערקע און די קנייטשען פון זיין געזיכט זעהען אויס ווי וויינענדיג.

— די צייט איז שלעכט, פערענטפערט זיך זרח.

— די צייט איז ביטער — זאגט בערקע, פארזאגענדיג דערמיט זרח'ן...

– זעסט דאָך בערקע (אַלע אין שטאָט רופען בערקען) מען שמירט דעם וואָגען און מען פאָהרט.

– וואו אַהין דאָס?

– וואו דען? אַז נישט קיין גאָסטעניִן.

דערווייל קומען זיי אָן צו האַצקעלס וואָגען, איינגעשפּאַנט אין צוויי אויסגעמאָגערטע גנאַדעס. בערקע געהט צו, קלאַפּט אויפ׳ן פערדס רוקען, זאָגענדיג צו האַצקלען.

– וואָס מאַכט דיין חיה עפּים? אוי, גאָר נישט קיין בריה, שוין צייט זי איבערצוטוישען, האַצקעל. און האַצקעלס גנאַדע שטעהט אויסגעשטרעקט די אויערען, האָרכט אויס דעם שמועס – און פערקלערט זיך: מען מיינט זי אפשר?

האַצקעל דרעהט אַראָב דאָס ראָד, שפּאַרט אונטער דעם וואָגען מיט׳ן רוקען.

בערקע געהט צו, שטעקט אַרונטער אונטער דעם וואָגען זיין דיקען שטעקען און וויל האַצקלען העלפען דעם וואָגען אונטערהייבען. און פרעהענדיג זיך אויף די טובה, וואָס ער טהוט דאָ איצט האַצקלען, זאָגט ער מיט בעהאַלטענעם נחת:

– ווייסט וואָס, האַצקעל? אין זאַכאַראַוקע זענען דאָ גוטע פערד צו קויפען. פאָהר אַרויס און זוך דיר עפּים אויס אַ סחורה׳לע פאַר דיר, ער וועט דיר וואָלוועל פערקויפען, ברוך.

האַצקעל, אַרונטער שטעקענדיג דעם קאָפּ אונטער דעם וואָגען, דעם אַקס שמירענדיג, ענטפערט איהם פון אונטער׳ן וואָגען:

– יאָ, ברוך. גאָר נישט מיט איהם וואָס צו מאַכען, זיבען און צוואַנציג רובל שוין געוואָלט איהם געבען און ער וויל נישט הערען און געדענקען.

– אַזוי, וויל נאָך נישט – וואונדערט זיך בערקע, האַ, האַ, האַ,–ער קנייטשט איין דעם שטערן, און עס דאַכט זיך, אַז ער האָט ענמת-נפש פון זיין רושאָנדצע, וואָס ער וויל קיין זיבען און צוואַנציג רובל נישט נעהמען.

– וואָלט איהם אַ בריוועל אַרויסגעשריבען,– רעדט האַצקעל פון אונטער דעם וואָגען אַרויס.

– עך, ביטערע צייטען!--קרעכצט בערקע און נעהמט אַרויס אַ פּישקעלע מיט שמעק-טאַבאַק און איז מכבד האַצקלען,--עס זעהט אויס, אַז בערקע איז זיך זעהר מצער דערויף.

נאָר געה און שמועס מיט אַמענש, וואָס האָט קיין שליטה אויף זיין איינענע געלד נישט. ענטפערט ער זיי:

– דערווייל קיין גראָשין געלד נישט, דערנאָך וועט איהר צייט האָבען.

פאַר דעם האָט מען איהם געקנס'עט. – זיך נישט צו ריבּ־רען ביז פופציג רויטע וועלען נישט ליגען אויפ'ן טיש.

און דער גבאי פון חברה־קדישא בעזונדער מיינט, אַז ווי־פיעל בערקע וועט געבען וועט מען אַלץ נישט די סמה מיט'ן נייעם טוך בערעקען.

אַנדערע בעלי־בתים האָבען תרעומות; וואָס זאָל ער נעבעך טהון, אַז ער קאָן נישט, אַז ער האָט קיין שליטה נישט?

---

## III.

## דער נגיד צו די שטעדטלעך.

בערקע אַליין איז זעהר אַ רייכער מענש פון דער נאַטור, אַ גוטער ברודער; האַלט זיך נישט גרויס מיט זיין פערמעגען, דרעהט זיך אַ גאַנצען טאָג אַרום אין דער גאַס, אָנגעטהון אין אַן'אַלטע פאָ־פיעלאַטע קאַפּאָטע, אָבגעפלאַקערט פון דער זון, מיט נייע בענ־דער און קנעפ בענעהט, דאָס היטעל אויסגעריבען, האַלט אַן'אַל־טען שמעקען אין האַנד, וואָס אויבען ביים אָנגעהמער איז ער גלאַ־טיג, אַסימן אַז ער דיענט שוין לאַנג זיין בעל־הבית. קוקענדיג אויף בערקען, אויף זיין אויסגעטריקענט געזיכט, אויף די קאַלטע האַרטע קנייטשען, וואָס פאַלטען זיך אין זיין פנים, קריגט מען אויף איהם גרויס רחמנות – ער זאָגט מיט שרעק, ווי אַ כושל, יעדען ציטעריג „גוט מאָרגען", שמייכעלט צו אַלעמען ליעבליך און חנפ'עט אַלעמען, ווי ער וואָלט חלילה געבראָכט יענעמס לאַסקע, און קרעכצט תמיד אויף דער ביטערער צייט.

– גוט מאָרגען, חאַצקעל, חאַצקעל, וואָס מאַכסט דו עפּעס גוטס? זאָגט ער צו חאַצקלען דעם בעל־עגלה, ווען דער לעצטער געהט פון אַ געוועלב אַרויס און האַלט אין האַנד אַ קעסטעל מיט שטירעכטס.

נעַנע מענשען, וואָס דער אפּטייקער פּלעגט פון זיי די הויט רייסען, דורך דעם האָט נישט דער אַפּטייקער און נישט בערקע קיין שליטה דערצו. זיי זענען נאָר שומרים איבער דעם געלד.

דעריבער איז דאָך שוין קיין וואונדער נישט, וואָס בערקע איז אַ קאַרגער, אַז ער האָט קיין שליטה נישט אויף זיין אייגען געלד. טאַקי ער וויל העלפען, מיט'ן גאַנצען הארץ וויל ער, מען זעהט דאָך טאַקי ווי ער וויינט פּשוט מיט טרערען, בשעת יענער קלאָגט זיך פאַר איהם, נאָר העלפען קאָן ער דאָך נישט... אַז עס איז נישט זיין געלד.

און חאָטש אין גאָמבין אַליין איז בערקע אַזוי שפּל'דיג — טאַקי ביי די גאָמבינער בעלי־בתים — אָבער אין דער פרעמד האַלטען גאָמבינער בעלי־בתים זעהר פיעל פון זייער בערקע, שטאָלצירען מיט זיין רייכקייט און בעריהמען זיך מיט זיין דאָרף „זאַפּאַראַווקע“, וואָס שם'ט אין די סביבות — און זאָגט אַ גאָמבינער בעל־הבית, אַז אַ קוטנער נגיד איז רייכער פון בערקען, איז ער איינגרייט אַלעבערדיגען אויף צו עסען.

גאָמבין וואַרט אויף בערקעס טויט ווי יודען וואַרטען אויף משיח'ן, אַ פּלויט צום בית־עולם, דאָס בית־המדרש — אַ דאַך, די מקוה — אַ נייעם קעסעל, די שוהל — אַנ' ארון: אַלץ אויף בערקעס טויט. קוים מאַכט בערקע „דאָס עסק...“ וועט שוין אויף אַלעם קלעקען.

גאָסטענין וואַרט אויך אויף בערקעס טויט — אַי וואָס? גאָר נישט! דאַכט זיך אַזוי גלאַט וועט שוין נישט דורכגעהן: זיי זענען דאָך אויך יודען און דאַרפען אויך: איינס זייערע זיהן זענען גאָמבינער איידעמס, גאָמבינער בעלי־בתים — זייערע מחותנים. און גאָמבין שפּאַרט זיך איין: זיי קענען וואַרטען ביז משיח וועט קומען. זעצען זיי אַ בית־דין: ווי הייסט? זיי זענען דאָך אויך אָרעמע לייט — מאַכט מען אַפשרה: זיי וועלען אויך אַ חלק'ל קריגען — עס קומט זיי טאַקי נישט — נאָר גלאַט, זאָלען זיי וויסען, אַז גאָמבין איז גאָמבין.

און בערקע געהט דערווייל אַרום און לאַכט.

נאָך דער שרפה שיקען די ראשי־הקהל צו איהם: ר' בערקע קרוין — וואָס איהר האָט צו געבען, גיט שוין, מיר זענען דאָך אין איין עת־צרה, וועט מען שפּעטער וועלוועלער לאָזען.

אין מיטען מארק שטעהען אקופקעלע יודלעך, אנגעטהון אין לאנגע קאפאטעס, מיט שטעקענס אין די הענד און שמועסען צווישען זיך, איינער שטעהט ביים דראנג און שרייבט עפעס אין א ביכעל אריין.

פאר די געוועלבלעך שטעהען ווייבער מיט שטריק־נאדלען אין די הענד, שטריקען, שמועסען צווישען זיך; פון ערגעץ וואו הערט מען א וויינענדיג געשריי פון קינדער: א חדר א ודאי נישט וויט...

אין דעם מארק, טאקי אין דעם געלבען הויז, זיצט בערקע, דער שטאדט־נגיד. פון וואנען ער איז נגיד געווארען? נישט קיין באהנען געמאכט, נישט קיין שיפען אויפ'ן ים? איין גאט ווייסט עס! אין דעם מארק צווישען די צעבראכענע אבגעריסענע פלויטלעך דערצעהלט מען אזוי:

אין אפטייקערס הויז אונטער די טרעפ איז אנ'איינגעלייג־טער אויבען דא, דארט האט אמאל א בעקער געוואהנט, אפילו ביי טאג איז אויך א סכנה דורך דעם הויז דורכגעהן, איניגע ווייבער האבען שוין דארט, נישט דא גערעדט, גע'מפיל'ט, ווען זיי זענען אליין דורך געגאנגען. נטע הירש דער וואסער־טרעגער האט דארט געזעהען אייער ליגען, מיינט ער, אז עס האט זיי ווער אנידערגע־לעגט און פרעהט זיך אויף דער כשר'ע מציאה, וואס גאט האט איהם געשיקט. און נאר אזוי ווי ער שטרעקט זיין האנד אויס: שטעה! עס פלאצען די אייער, און פערשיעדענע מענטשלעך פלי־העו ארויס מיט א גרויס געלעכטער, און זענען ערגעץ וואו פער־שוואונדען געווארען.

און אויף בערקען פלעגט מען זאגען נאך פון קליינערהייט אן, אז ער האט צו טהון מיט „יענע לייט”. דארט אין אפטייקערס הויז אויפ'ן אויבען פלעגט ער טאקי נעכטיגען, צוועלף א זייגער ביי טאג זעהט מען איהם תמיד אליין צום בית־עולם געהן און דער ריכטיגער סימן איז, וואס זומער טראגט ער שטענדיג א גראבען פעלץ און עס פלעגט איהם נישט הייס זיין, ווינטער אלייכט חאלא־טעל און נישט קאלט זיין.

און בערקע האט אמאל „אזא איינעם” בעשווארען, און יענער האט איהם געוויזען פיעל טעפ רענדלעך, וואס דער אלטער אפטייקער האט אין אויבען געהאט איינגעמויערט.

געוועזען איז עס ארעם יודיש געלד, פון קראנקע דערשלא־

# II.

## די שְׁטֶעדְטְלֶעךְ צוּם נָגִיד.

דער מאַרק אין גאָמבין איז מיט קלײנע הילצערנע הײזלעך אַרום גערינגעלט, וואָס פֿון דערווײַטען זעהען זײ אויס ווי קלײנע שטיקלעך אָבגעבראָכענע פּלויטלעך, און צווישען די שטיקלעך פּלויטלעך פֿון אײן זײַט מאַרק קוקט אַ געלב אָבגעפֿאַרבט הויז אַרויס העכער פֿון אַלע, און דער נײַער אָבגעשמירטער דאַך גלאַנצט מיט עזות אין דער גאַס אַרײַן, אויף אַ האָלצערנעם אַלט־מאָדישען גאַניקעל, וואָס הענגט איבער אַ נידריג געוועלב, טאַקי אין דעם זעלבען הויז זיצט שאָשע, בערקע דעם נגיד׳ס ווײַב, אַ דיקע, ברײטע פֿרוי אָנגעטהון אין אַ ברײט פֿאַרטוך, און דאָס בונט שלײסעלעך, וואָס איז אַרײַנגעשטעקט אין דעם פֿאַרטוך, און די גרויסע גאָלדענע באָמבעס, וואָס הענגען איהר אַראָב פֿון די גרויסע אויערען, שאָקלען זיך יעדע ווײַלע אַזוי ווי נאָר די יודענע בעוועגט זיך. בײַ איהר זײַט אויף דעם גאַניקעל שטעהט עפּיס אַ יונגעל אָנגעטהון אין אַ לאַנגע קאַפּאָטע מיט אַ ספר אונטערן אָרעם און ציהט זי בײַ דעם פֿאַרטוך און קוויטשעט עפּיס וויינענדיג.

פֿון דער צווײטער זײַט מאַרק פֿאַר אַ ווײַס הויז, וואו עס גלאַנצט זיך אַ שילד, שטעהען אײניגע פֿײַער־קענדלעך מיט וואַסער און עפּעס אַ סטראַזשניק, עפּעס אַ גוי מיט אָבגעפּוצטע שטיוועל און הויזען, מיט בלויע לאַמפּאַסען און אַ היטעל מיט לאַמפּאַסען, דרהעט זיך אין מאַרק אַרום.

אין מיטען גאַס שטעהט אַדראָנג, אויפֿ׳ן דראָנג איז אַ ברעט אָנגעשלאָגען מיט אָבגעריבענע אותיות, בײַם דראָנג הענגט אַ לאַמטער מיט אַ פֿערײַכערט גלעזעל, בײַ דער לאַמטער שטעהט אײַן אָבגעריסענער יוד, מיט אַ צעריסען פֿערדרעהט היטעל, און קראַצט זיך אין דעם שוואַרצען אָבגעברענטען לײַב, וואָס קוקט אַרויס פֿון די צעריסענע קאַפּאָטע, און דער יוד שטעהט, קוקט אין גאַס און לאַכט.

אַ יונגעלע געהט דורך און שרײַט: וועלוועל משוגע׳נער! וועלוועל לאַכט; באַלד דערמאָהנט זיך דאָס יונגעלע, אַז עס איז שוין שפּעט, אײַלט ער זיך אין חדר אַרײַן.

א ברוגז זיך אַ ודאי אין דער היים געמאַכט, לויפט ער צו אַ זיידען אָדער צו אַ פעטער... און אַז עס קומט חול־המועד געפינען זיך גאַסטענינער בעלי־בתים אין גאַמבין – גאַמבינער בעלי־בתים קומען צו גאַסט נאָך גאַסטענין.

דער וועג, וואָס פיהרט פון איין שטעדטיל אין צווייטען אריין, הייסט אין גאַמבין: „דער גאַסטענינער וועג", אין גאַסטענין רופט מען איהם: „דער גאַמבינער וועג", און אַז עס קומט שבת געהען גאַמבינער מיידלעך אויף איין זייט וועג שפּאַציערען, גאַסטענינער בחורים אויפ'ן צווייטען זייט וועג שפּאַציערען, און ווען נישט דער תחום־שבת וואָלטען זיי זיך צוזאַמען געטראָפען...

שבת נאָכ'ן עסען, אַזוי ווי דאָס שטעדטיל ווערט נאָר איינגעשלאָפען, לאָזט זיך אַ בחור פון גאַסטענין אויף דעם „גאַמבינער וועג" אַרויס, ער טראָגט אַ לאַנגען ראָק מיט צוויי שניטען, איין אומגעלייגט קעלנערל אויפ'ן האַלז. און דער בחור געהט, ווייטער... ווייטער... קוקט זיך אַלע מאָל מיט שרעק אום, אויב עס געהט איהם, חלילה, נישט ווער נאָך, און ער געהט, און אַ ווינד בלאָזט, דערהייבט דעם שטויב און ער ווערט אין קאָרזש פון מענשענס אויגען בעהאַלטען.

שבת נאָכ'ן עסען, אַזוי ווי דאָס שטעדטיל ווערט נאָר איינגעשלאָפען, לאָזט זיך אַ מיידעל פון גאַמבין אויף דעם „גאַסטענינער וועג" אַרויס, זי טראָגט אַ לאַנג גרין קליידעל מיט אַ זומער פאַלדרענדיגען זשאַקעט, און דאָס מיידעל געהט ווייטער... ווייטער... קוקט זיך אַלע מאָל מיט שרעק אום, אויב עס געהט איהר, חלילה, נישט ווער נאָך, און זי געהט, און אַ ווינד בלאָזט, דערהייבט דעם שטויב און זי ווערד אין קאָרזש פון מענשענס אויגען בעהאַלטען.

אין מיטען וועג טרעפען זיי זיך צוזאַמען.

– פייגעלע! מיין מאַנד!

– שמערל! מיין זעעלע!

אַ געליבטער מיט אַ געליבטע זענען דאָס, וואָס לעזען ביידע שמר'ס ראָמאַנען.

---

# אַ יוּדִישֶׁער נָגִיד.

## I.

### צְווֵיי שְׁטֶעדְטְלֶעךְ.

גאָמבּין און גאָסטעָנין זעָנעָן צוויי קליינע שטעָדטלעָך, וואָס אײנס ליעגט האַרט נעָבּעָן דעָם צווייטעָן, דאָס לעָצטעָ איז נאָר אַ טפל, אַ צולייג צום עָרשטעָן (חאָטש גאָסטעָנין זאָגט דאָס זעָלבּעָ אויף גאָמבּין). ווארום גאָמבּין איז אַ מקום, וואָס עָרציהט מאַנספּעָרשוינען, גאָסטעָנין איז ווייטער אַ מקום, וואָס איז מגדל פרויעָנצימעָר, און גאָט ברוך הוא האָט געָקליגט צו בּעָשאַפעָן איין שטעָדטעָל האַרט נעָבּעָן צווייטעָן, כּדי נאָר אַז יודעָן זאָלעָן זיך קעָנעָן צוזאַמעָן משדך זיין (אין איין שטאָדט אַ שדוך טהון, וואָס דאָרט זאָל זיך דעָר חתן מיט דעָר כּלה געָפינעָן, פּאַסט דאָך נישט, זיי קעָנעָן זיך דאָך נאָך אַמאָל אין דעָר גאַס צוזאַמעָן טרעָפעָן), און חאָטש גאָסטעָנין עָרציהט אויך מאַנספּעָרשוינעָן, דאָך איז עָס נאָר אַ צולייג צו גאָמבּין, ווייל די יונגעָ לייטלעָך קומעָן דאָך צו די שוועָהרס קעָסטעָן, קומט אויס, אַז גאָסטעָנין ווערט וואָס אַמאָל קלעָנעָר, גאָמבּין — גרעָסעָר.

אויף דעָם וועָג פון גאָמבּין קיין גאָסטעָנין איז פאַרהאַן אַ יודישעָ קרעָטשמעָ, כּדי דאָרט זאָל זיין דעָר צוזאַמעָן-פאָהר פון בּיידעָ צדדים. אַ בּעָזונדערעָ שטוב איז דירעָקט אין דעָר קרעָטשמעָ געָמאַכט געָוואָרעָן, אַז חתן כּלה זאָל צווישעָן זיך אַ וואָרט חאַפּעָן, און דאָרט שרייבּט מעָן תּנאים.

אלעָ גאָמבּינעָר יונגלעָך האָבּעָן זיידעָס און פעָטעָרס אין גאָסטעָנין, אַלעָ גאָסטעָנינעָר יונגלעָך האָבּעָן בּאָבּעָס און מומעָס אין גאָמבּין, און אַז איהר פאָהרט אויף דעָם וועָג פון איין שטעָדטיל אין צווייטעָן, זעָהט איהר טהיילמאָל ווי יונגלעָך מיט אויסגעָווייניטעָ אויגעָן לויפעָן מיט שרעָק פון איין שטעָדטיל אין צווייטעָן אַריין.

— טאטע, מאמע — שרײַט א יונגערמאנטשיק — אין א הויכֿען סאמעט־הוט. מיט א נײַער קאפּאטע. אין א נײַע שירם מיט א פּאר נײַע קאלאָשען, פֿון וועלכֿע מען האט אָנגעזעהען, אז ער איז טאקי דער אמת'ער חתן.

— וועה איז מיר, שמואל מאך פּליטה — ווארפֿט איהם אונטער ר' יצחק.

אין דעם אויגענבליק — דער חתן איז נישט דאָ.

די מחותנים שטעהען פֿערגאפֿט, קוקען זיך ארום.

— נו, וואס שטעהט איהר יונגע לײַטלעך? איהר זענט דאָך חתן־בחורים. אָט האָט איהר דאָך דעם חתן, — רופֿט ר' יצחק. די בחורים שטעהען און גאפֿען.

— נעהמט איהם. — גיט ער א ווינק צו די יונגע לײַטלעך?

די בחורים גיבען מיך א רינגעל ארום. מען גיט מיר אָב „שלום עליכם" — איך לאָז מיך: ווארט, איך וועל אײַך שוין ווײַזען, טראכֿט איך מיר.

שווײַגענדיגערהייד פֿאָהרען מיר צו קיין קראָקוי. מיר קומען אָן אויף די סטאנציע. איך חאפּ מײַן פּעקעל, גיב מיך א לאָז ארויס און חאפּ א דראָשקע:

— פֿאָהרען!

— חתן, חתן — דאָ, דאָ, העך איך הינטער מיר קולות רופֿען.

— פֿאָהרען! — בעפֿעהל איך נאך א מאל דעם פֿוהרמאן.

— דאָ, דאָ, חתן — רופֿט מען הינטער מיר.

די דראָשקע פֿאָהרט מיט מיר אוועק.

— לאָזט, לאָזט איהם — דאָ איז דער חתן, דאָ — רופֿט ר' יצחק.

און וואס דער סוף איז דאָרטען געוואָרען. ווײס איך נאָך נישט עד היום.

— נו, ק'טשאָרטו, איך פאָהר מיט אייך, זשידקעס, אויף דער חתונה מיט — רופט ער זיך אָן.

פינסטער איז מיר, פינסטער איז ר׳ יצחק'ן אין די אויגען געוואָרען.

און ר׳ יצחק שמייכעלט נאָך: — הונדערט יאָהר זאָלסטו דו מיר לעבען דערפאַר, פריין לעבען, דער „חתן" טאַנצט פאַר פרייד.

וואָס נייַן. חתן? — ווענדט ער זיך צו מיר.

„זאָלסט אַזוי לעבען". — טראַכט איך מיר, און הויב מיר אויפ'ם נייַ אָן צו חזר'ן: שמואל גאָלדמאַן, שמואל גאָלדמאַן, שמואל גאָלדמאַן.

די הערצער קלאַפּען אין אונז און ר׳ יצחק מיט רייזען זענען מלא שמחה.

מיר פאָהרען דערווייל ווייטער, איך שפּיעל דערווייל די ראָלע אַלס „אַ חתן". ר׳ יצחק רופט צוזאַמען די גאַליציאַנער יודלעך און שטעלט מיך פאָר פאַר זיי. מען ווינשט מיר מזל-טוב, דער זיווג זאָל „עולה יפה" זיין.

— און וואָס וועט דער סוף זיין?

און חלעבען, איך האָב מורא, טאָמער איז דאָס גאָר נישט קיין שפּיעל, קיין אָנשטעל. אַ קשיא אויף גאַליציען, מיר הערען זיך אַזוי פּיעל אָן: אַרייַנגעחאַפּט אַ מיידעל אין אַ קאַטוילישען קלויסטער אַריין. אָבגעשמד'ט און פערפאַלען, אַ גויה'טע. האָטש דער טאַטע לויפט צום קייסער, די מאַמע צום גלח — דאָס מיידעל וויל נישט עסען קיין טרפה, און זאָגט „מודה אני" — פערפאַלען, געשמד'ט. ווער ווייסט, מען האָט מיך אַרייַנגענאַרט אין זאַק אַריין און געמאַכט מיך פאַר אַ „חתן". מען וועט מיר געבען אַ כלה — און גיה שרייַ „חי וקים".

און וואָס וועל איך זאָגען פאַר מיין ווייב אין דער היים?

מיר קומען אָן אויף אַ סטאַנציע פאַר קראָקוי. עס קומען אַרויף יונגע לייטלעך — שבת'דיג אָנגעטהון, מלא שמחה. אינמיטען עפּעס ווייבער:

— דאָ זענען דאָ אונזערע מחותנים? — פרעגט מען אין דער לופט.

— פינסטער איז מיר! — רופט ר׳ יצחק אויס:

— אז מען דארף נישט. ווייסט ער, —בּײַזערט זיך ר׳ יצחק, מיר קומען אָן צום רויטען קלאָטץ—פון דער צווייטער זײַט קוקט אַהער דער עסטרײַכישער; מיר גיבען איבער דעם סאָלדאַט דאָס קוויטעל, מען לאָזט אונז אַריבער.

נו, אָט איז מען שוין אויף דער צווייטער זײַט. מיר געהען אַרײַן צום „עסטרײַכישען". דאָרט איז ר׳ יצחק אין דער היים, רעדט יודיש ווי אין מיט׳ן בית־המדרש און חאַפּט פון דעם „עסטרײַכישען" מיט׳ן שפּיציגען בערדיל א ציגאַרעל.

— דאָס מאַך איך אַ האָכצײַט הײַנט, אַ חתונה הייסט דאָס, מיט מײַן עלטערן זוהן אין קראָקוי — דערצעהלט ער איהם.

— שמואל גאָלדמאַן—רוף איך אויס מײַן נאָמען.

— דאָ דאַרף מען נישט—ציהט מיך ר׳ יצחק בײַם אַרבעל.

די באַהן איז באַלד בײַ דער גרעניץ, גאַליציאַנער יודלעך אין צילינדערלעך. אַלע טראָגען זיי צילינדערלעך, אַפילו שוין אָבגעלעבטע, אײַנגעבויגענע, נאָר דאָך צילינדערלעך, אין א פּראָס-טען מיטוואָך. עפּעס זעהט עס אויס ווי חול־המועד, און אײנער ניט דעם צווייטען כּבוד אָב און „שפּרעכען" זיך דײַטש מיט אַ יו-דישען נוסח. אַנשטאָט „האַ? האַ?" וואָס איין יוד פרעגט דעם צווייטען בשעת׳ן רעדען, חאָטש ער דערהערט וואָס מען רעדט, איז בײַ זיי דער נוסח: ביטע, ביטע. אין מיטען דעם עולם דרעהט זיך אַ יודענע אַרום מיט אַ גרויסען, אַלט מאָדישען טײַסטער מיט פערשיעדען־לענדיש געלד: — אפשר ברויכען זי עסטרײַכישעס, דײַטשעס, ענגלישעס, אָדער דעראיבעריגעס (רוסישעס)? —און איך דרעה מיך שוין פראַנק און פרײַ אַרום מיט מײַן אײגענעם נאָמען און מיט מײַן אייגענעם „איך" און „אויס חתן" און קיינער זאָגט מיר שוין נישט קיין וואָרט...

איך האָב מיר געקויפט אַ בילעט פאַר „קרייצער" שוין מיט „קראָנען" און בין מיר אין וואַגאָן אַרײַן אינאײנעם מיט די מחותּנים.

— נו, „חתן" ווערסט דו חאָטש קומען אויף דער חתונה?— פרעגט מיך ר׳ יצחק.

— אַודאי, וואָס דען?

און איך וויל מיר שוין דעם סאַמעט־הוט אויסטהון, ערשט עס קומט אַרײַן דער אייגענער געזונדער, שטאַרקער פריץ אין וואַגאָן אַרײַן, מיר בעהאַלטען זיך צוערשט—ער זוכט אונז אָבער אויף:

— ער שעמט זיךצו קושען מיט א יורענע, — זאָגט ר' יצחק.

— עס איז דאָך א מאַמע, — זאָגט דער פּריץ.

— ביי אונז איז אזא „זוויטשיי" (מנהג).

איך האָב בעמערקט אין די יודענעס אויגען הייסע טרע־דען און איך האָב געצווייפעלט: צי מיינט זי עס ערנסט. (זי פּשר האָט זי זיך פערגעסען), אָדער פאַלש, בכדי דעם פּריץ אָבצונאַרען.

— ווי הייסט דו? — פרעגט מיך איינער דערוויל פון „די לייטלעך".

— שמואל גאָלדמאַן, — ענטפערט פאַר מיר יצחק עקספּערי־רער און כדי איהם פון חשד אַרויסצונעהמען געהט ער צו: — מיט מיר רייד, פּריץ לעבען, ער איז דאָך היינט א חתן, ער פאַסט היינט, איז ער שוואך, — און באַלד ווענדט ער זיך צום פּריץ:

— נו, זאָל דער פּריץ דערלעבען זיינע קינדער חתונה צו מאַכען, און זיינע איניקלעך, און זיינע אור־איניקלעך — זאָגט ער צו איהם דאָס גלאָז דערלאַנגענדיג.

נו, אויף דיין געזונד, „פּאַן מלאָדי", — זאָגט צו מיר דער פּריץ, די האַנד אויסשטרעקענדיג: — דאָ האָסט דו אַרובל „קאָפּקע נעלד". גיב דער כלה צו בעהאַלטען.

„יעקב שלייפמאַן, יעקב שלייפמאַן. יעקב שלייפמאַן" — חזר איך מיר דערוויל.

— עס איז דאָך נאָך אַ קעלבל, עס ווייסט דאָך נאָך פון גאָר נישט, — פערענטפערט מיך ר' יצחק צונעהמענדיג דעם רובל.

— איך חזר מיר: יעקב גאָלדמאַן, יעקב גאָלדמאַן, יעקב גאָלדמאַן.

— האָסטו נאָר גאָר נישט ביי דיר — זאָגט צו איהם דער פּריץ, בעטאַפּענדיג.

— ע, פּריץ, דו בעליידיגסט מיך, — זאָגט צו איהם דער יוד.

— חלעבען, פּריץ, אין אַזאַ טאָג, — העלפט איהם אונטער רייזע.

באַלד האָט אונז דער שרייבער דאָס קוויטעל דערלאַנגט.

— נו, קום חתן? ציהט מיך ר' יצחק.

דאָס צווייטע מאָל האָט ער נישט געדאַרפט איבערחזר'ן.

— נו, חתן! — ווי הייסט דו?

— שמואל גאָלדמאַן, ענטפער איך איהם.

האָט אונז מקבל פנים געווען מיט אַ געלעכטער: וואָס איז דאָס עפּעס היינט ביי דיר פֿאַר אַ שמחה?

— זעהסט, פֿאַני לעבען, אונזער זוהן, אונזער חתן, וואָס מיר מאַכען איהם היינט מיט גאָט'ס הילף חתונה. מיר זענען געקומען דיך בעטען, פֿאַני לעבען, אויף דער חתונה, דו מוזט מיט אונז מיט פֿאָהרען, מיר ריהרען זיך נישט פֿון אָרט, — זאָגט צו איהם ר' יצחק.

דער הויכער פּריץ שטעהט און בעטראַכט מיך פֿון קאָפּ ביז די פֿיס, מיר אויף די ליפּען איז אָנגעגרייט, ווי עפּעס אַ קוויטש: יעקב שליימאַן — (נור געוואוסט האָב איך, אַז איך הייס שמואל גאָלדמאַן).

— גאָר אַ פֿיינער בחור, — זאָגט צו מיר דער הויכער, דיקער פּריץ, — דו האָסט עפּים ליעב די כלה?

איך חזר מיר אין זיך: שמואל גאָלדמאַן, שמואל גאָלדמאַן, שמואל גאָלדמאַן.

— ער שעמט זיך, — פֿערענטפֿערט מיך ר' יצחק פֿאַר'ן פּריץ,

— ביי אונז זעהסט דו, גנעדיגער פּריץ, איז דאָך אַנדערש ווי ביי אייך, ביי אונז זיצט דאָך אַזאַ בחור ווי ער אין „באָזשניצע“ און לערנט. —

— דער בעסטער לערנער אין שטאָדט, כּעה איהם פֿאַסט ניט זעהען די כלה, די מאַמע זעהט די כלה פֿריהער, דערנאָך ערשט איז די חתונה — דערקלערט איהם רייזע.

— נו, יעצט האָטש מוז דער „יאַסנע פּאַן“ מיט אונז „זשידקעס“ בראָנפֿען טרינקען, אַז גאָט האָט מיר שוין יאָ געהאָלפֿען און דערלעבט חתונה צו מאַכען אַ קינד, — זאָגט ר' יצחק, בראָנפֿען אָנגיסענדיג.

— אַז גאָט האָט אונז דערלעבט — העלפֿט אונטער רייזע און טרערען הויבען אָן איהר צו קאַפּען פֿון די אויגען. די יודענע געהט צו צו מיר: — מיין זוהן, מיין קרוין, מיין נחת — און פֿאַלט ארויף אויף מיר, און הויבט מיך אָן צו קושען, צו האַלזען: — מיין קרוין, מיין לעבען!

איך דערשרעק מיך, און רוק מיך אָב פֿון איהר, אַ שוואַרץ יאָהר, די יודענע האָט זיך געמוזט פֿערגעסען.

דער הויכער, שטאַרקער פּריץ קוקט אויף אונז.

צו מיר, און דער וואָגען מיט די רעדער קלאַפּען מיר: נײַן, יעקב שלײַפֿמאַן. און איך אַרבײַט מיט מיר: נײַן, שמואל גאָלדמאַן, און דערווײַל קומט גאָר מײַן אײַגענער נאָמען און גיט זיך מיר אַ מיש אַרײַן. איך קען שוין גאָר נישט אַרויס — איך קלער שוין פֿון גאָר נישט.

אין דעם רופֿט זיך אָן ר' יצחק עקספּעדירער:

— חתן, וואָס זיצט דו אַזוי פֿערקלערט? ווי הײַסט דו חתן?

— יעקב שלײַפֿמאַן.

— אַזוי איז גוט. וועל איך האָבען אַ שענע חתונה, — רופֿט זיך אָן ר' יצחק, — וואָס פֿאַר'אַ „שלײַפֿמאַן" איז אויף מיר געקומען? שמואל גאָלדמאַן הײַסט דו דאָך גאָר.

— יאָ, שמואל גאָלדמאַן, שמואל גאָלדמאַן, שמואל גאָלדמאַן. הויב איך אויפֿ'ס נײַ אָן צו חזרן.

דערווײַל זענען מיר שוין אָנגעקומען צו דער „טאַמאָזשנע". אונז זענען אַקעגען געקומען צוויי פֿון יענע יונגע לײַטלעך מיט די בלאָהע קאַנטען, און בלאָהע היטלען. מײַן האַרץ הויבט אין מיר אָן צו קלאַפּען: „שמואל גאָלדמאַן". „יעקב שלײַפֿמאַן". מײַן ר' יצחק לויפֿט זיי אַ קעגען מיט דער פֿלאַש אין דער האַנד. און הויבט אָן טײַלען כבודים. „זעהט, דאָס איז מײַן זוהן, דער חתן, ער האָט הײַנט חתונה", ווײַזט ר' יצחק אויף מיר מיט'ן פֿינגער, און די מחותנת'טע רײַזע הויבט מיך אָן צו בענשען, און דערזעהענדיג אַז ר' יצחק איז מיט די לײַטלעך אַזוי „פֿאַן בראַט" ווער איך אַ ביסעל שטאַרקער בײַ מיר און דער „שמואל גאָלדמאַן" הויבט זיך מיר אָן אויסצוקלערען.

מען פֿיהרט אונז אין טאַמאָזשנע אַרײַן, ר' יצחק וואַרפֿט אויף דער שוועל אַ ווינק צו מיר: — נו חתן, שמואל גאָלדמאַן. ווי פֿיהלסט דו דיך — צום סטראַזשניק, וואָס איז דאָרט נעבען אונז געשטאַנען. כדי ער זאָל נישט חושד זײַן! — ער פּאַסט דאָך נעבעך הײַנט.

מיר זענען אַרײַן אין „טאַמאָזשנע". אינווייניג זענען געשטאַנען גאַליציאַנער יודלעך. האַלב נאַקעט, מען האָט זיי אַרומגעזוכט. און זייערע לאַנגע פּאות האָבען זיך געטרייסעלט פֿאַר שרעק. אַ דיקער הויכער, שטאַרקער פּריץ, האַלב אָנגעטהון ווי אַ אָפֿיציער

— שמואל גאָלדמאַן, ענטפֿער איך איהם.

— אָט, גוט אַזוי, — קלאַפּט ער מיר איף די פּלייצעס — נור דאָס ועט קאָסטען אַ גאַנצען צעהנער, — רוימט ער מיר איין און זאָגט דערביי היך צום ווייב: — רייזע! וואו האָסט דו דאָס גוטע גלעזיל בראָנפֿען מיטען שטיקעל לעקעך, איך מאַך דאָך עפּעס היינט אַ זוהן חתונה מיט גאָט'ס היל͏ף.

איך בין מיט איהם דורכגעקומען וועגען לוין. מען האָט מיר אַ סאַמעט־הוט אָנגעטהון, אויף דעם וואָגען צווישען די מחותּנים און די מחותּנת'טעס אַרויפֿגעזעצט. דער עולם איז געווען פֿרעהליך אַזוי ווי מען פֿאָהרט אויף אַ חתונה. אַ ביסעל בגילופֿין, איז דער וועג אויך געווען אַ פֿרעהליכער. מען האָט גענומען צו ביסלעך בראָנפֿען. מיך האָט מען נישט אויפֿגעהערט צו רופֿען „חתן“, אַזוי די מחותּנים, אַזוי די מחותּנת'טעס.

מילא. וואָס אַרט עס מיך? בין איך מיר דערוויייל אַ חתן, עס איז דאָך נור ביז „איבער דער גרעניץ“— זאָל איך נור אַריבער־קומען... איך זיץ מיר דערוויייל און חזר מיר אַלץ איין, ווי איך הייס: שמואל גאָלדמאַן, שמואל גאָלדמאַן, שמואל גאָלדמאַן.

נור פֿון פֿיעל חזר'ן. פֿערגעס איך טיילמאָל דעם פֿאָדער־שטען, טיילמאָל דעם הינטערשטען נאָמען. טיילמאָל מישען זיי זיך, מיין נאָמען און יענעמ'ס נאָמען אַזוי צוזאַמען, אַז עס איז מיר שווער אַרויסצוקריכען. און אַמאָל דאַכט זיך מיר גאָר, אַז איך בין שוין אויס „איך“ געוואָרען. און אָנגעגומען אַנ'אַנדער פּער־זענליכקייט מיט אַנ'אַנדער מזל, אַנדערע גליקען און אַנדערע אומ־גליקען. און מיר בענקט זיך צוריק נאָך מיין „איך“, צו מיין פֿאָ־ריגען מענש מיט מיין וועלטעלע... צום סוף האָב איך גאָר מורא. טאָמער זאָל זיך נישט מיין „שגין“, בשעת מעשה איינ־שפּאַרען, ווען מען וועט מיך פֿרעגען ווי איך הייס און גאָר אָנרו־פֿען אַ פֿרעמדען נאָמען, אָדער ווייס איך וואָס? פֿאַר וואָס דען נישט? וואָס פֿאַר אַ שייכות האָב איך מיט'ן נאָמען שמואל גאָלדמאַן? פֿאַר וואָס נישט יעקב שלייפֿמאַן?

און אַזוי ווי איך קלער פֿון יעקב שלייפֿמאַן האַקט זיך מיר אין קאָפּ אַריין אַ יעקב שלייפֿמאַן, און וויל מיר נישט באַין אופֿן אַרויס פֿון קאָפּ, מיט איין וואָרט: איך הייס יעקב שלייפֿמאַן, און, געוואַלד, איך הייס דאָך גאָר שמואל גאָלדמאַן, טענה איך

# אַ פֿערשטעלטער חתן.

אַ בריעף האָב איך מיטגעהאַט פֿון זיינם אַ גוטען ברודער און אַ „געשעפֿט-מענש" צו ר' יצחק עסקפעדירער. — דער „גרעניץ מוֹליבער" אין שטעדטיל סל. וואָס ליגט האַרט ביי דער עסטרייכישער גרעניץ, אַז ער זאָל מיך „אָרענטליך בעהאַנדלען". ווי איך בין נור אין שטעדטיל אַריינגעקומען, האָב איך מיך באַלד צו איהם אַהין געאיילט. ער האָט געוואָהנט האַרט ביי דער גרעניץ, טאַקע דער לעצטער שטוב פֿון רוסלאַנד מיט'ן „עסטרייכער". דורך דעם אַודאי איז ער אַזאַ „פֿאַן בראַט" געוועזען מיט איהם. איך קום אַריין צו איהם, איך געפֿין דאָס שטיבעל פֿול מיט מחותנת'טעס אין יום-טוב'דיגע היטלען און ברייטע זיידענע קליידער, גרייטען זיך אין וועג אַריין. און איינע שרייט איבער די צווייטע. ר' יצחק, אַ קורץ יודעל מיט אַ ברייטער באָרד, אין אַ ברייטען סאַמעט ברוינעם הוט, שטעהט און מיטען רעדעל, אין האַנד אַ פֿלאַש בראָנפֿען און לעקעך, טיילט כבודים און קוויטשעט שוין היזעריג איבער די וויבער. איך האָב מיך קוים דערשלאָגען צו איהם, אין אַ ווינקעל איהם גערופֿען, און דאָס בריעוועל איהם איבערגעגעבען.

— מזל האָט איהר, יונגערמאַנטשיק — זאָגט ער צו מיר, איבערלייענענדיג דעם בריעף, און קלאַפּענדיג מיר אויף די פּלייצעס: מזל, זאָל איך שוין אַזוי לעבען. אָט מאַך איך היינט אַ זוהן חתונה אין קראָקוי; דער חתן מיט'ן עלטערן זוהן זענען היינט גע-פֿאָהרען אין דער פֿריה דורך גריחאָוו, מיר וועלען פֿאָהרען דורך באָר, איהר פֿאָהרט מיט אונז אַלס דער חתן, און פֿון איצט אָן הייסט איהר שמואל גאָלדמאַן, נאָך אַמאָל, ווי הייסט איהר? — פֿרעגט ער מיך מיט אַ קשיא'דיגען טאָן.

דו אָפּען זײַן, מיט דער גאַנצער נשמה אָפּען זײַן...

---

די נאַכט איז שוואַרץ געװען, ער איז אױסער דער שטאָדט אַרױסגעקומען, בײַ אַ הױכען דונקעלען מױער, פֿון װעלכען אַליץ איז געװען גרױ בעלױכטען מיט אַ שײַן פֿון אַ לעמפּעל, איז געשטאַנען אַ הױכער שטאַם פֿון אַ בױם אַ דורכגעװײקטער אין רעגען. ער האָט זיך בײַ דעם שטאַם אָבגעשטעלט. דער װעג פֿאַר איהם איז געװען אין אײן שװאַרץ געדיכטעניש פֿערהילט, און הינטער איהם האָבען קלײנע ליכטלעך אַרױסגערונגען פֿון אַ דונקעלען גרױען נעבעל. געשטאַנען איז ער אײנער אַלײן בײַם שטאַם און ער האָט ערגעץ װאו אין דער װעלט געקוקט. עס האָט איהם אַרומגענומען אַ גרױס בענקשאַפֿט און אַ רחמנות אױף זיך אַלײן, ער האָט זיך פֿאַר װעמען קלאָגען געװאָלט, אַ מאַמע האָט ער געװאָלט, אַ געטרײַע מאַמע אױף װעלכע ער זאָל זײַן שמוציג פּנים קענען בעהאַלטען און זאָגען װער ער איז.

ער האָט זיך אַרומגעקוקט. אַרום איז קײנעם, קײנעם נישט געװען צו זעהן, האָט ער זײַן פּנים צום נאַסען שטאַם פֿון בױם צוגעקװעטשט, פֿעסט אַרומגעאַרעמט דעם שטאַם צו זיך, און איהם האָט זיך געדאַכט װי ער װאָלט אין זײַן מאַמעס הױז אַ הײם געקומען און ער רעדט מיט זײַן מוטער:

— מאַמע איך בין דעם שמש זוהן פֿון קראָטשנעװיץ, איך בין דער אָרימער משה, דער ליגנער, איך פֿערדין קײן זעכציג רובל אַ חודש נישט, איך קען קײן דרײַ שפּראַכען נישט, איך בין איך — — — —

די נאַכט איז געװען װעדער שװאַרץ און שטיל — און עס האָט זיך געדאַכט, אַז די נאַכט האָט אױערן און זײַנע װערטער דריקען ערגעץ־װאו אין אַ האַרץ אַרײַן.

אַ הויז מיט אַ הויכען אַלטען אײַנפאָהר-טהויער, וואָס שטעהט אויף איהם אַ נומער „156“ אויפ׳ן פינפטען שטאָק אין אַ פינסטערען קאָרידאָר געפינט זיך אַ קליין שטיבעל, דאָרט איז דאָ אַ מענש, וואָס ער קאָן אַרויפגעהען און אַניעדערזעצען זיך, און קוקען אויפ׳ן מענשען און זאָגען איהם: „איך בין גאָלדמאַן דעם שמש״ם זוהן, פון קראָשנעוויטץ ...“

אַמאָל איז ער אַ היים געקומען אויף דער נאַכט. אין שטוב איז קיינער נישט געוועזען, דער שניידער איז אַוועק מיט אַרבייט. דבורה זיצט בײַ דעם לאָמפּ און נייהט אויף דער מאַשין. ער איז צוגעקומען צום טיש.

— גוט׳ן אָבענד.

— זעצט אײַך.

און ער האָט זיך אַנידערגעזעצט. און ער האָט איהר געוואָלט זאָגען אַלעס. גענומען ער איהר האַנד אין זײַנע, און זאָגט אַזוי:

— דבורה׳לע, ווילסט זײַן מײַנע?

(אַך, ווי האָט ער בשעת מעשה געמוזט אויסזעהן, ער האָט מורא נאָכצוקלערען איבער דעם).

— איך ווייס נישט, ענטפערט זי.

— נו, ווער דען ווייסט?

— מײַן פרנסה האָב איך, גאָט צו דאַנקען, איך האָב אויף 60 רובל אַ חודש לעקציעס. איך בין נאָר אָבגעלאָזט, דורך דעם, געה איך אַזוי אָרים, איך שיק מײַן טאַטען אַ היים געלד.

— און זי ווילען דען מיך? אַ שניידער מיידעל?

— יאָ, געבען זי מיר די האַנד. זי זענען בײַ מיר ליעבער ווי הונדערט אַנדערע בעל-בתי׳שע טעכטער. איך שפּײַ אויף זיי, וויפיעל זיי האָבען מיר שוין שדוכים אויסגערעדט.

און זי האָט געשמייכעלט:

— און פאַר וואָס האָבען זי נישט געוואָלט?

— ווײַל נאָר זי זענען מיר געפעהלען ...“

„...— דו גאָלדמאַן נאָר, דו גאָלדמאַן שמש זוהן פון קראָ-שנעוויטץ פאַר וואָס האָסטו דו איהר נישט דערצעהלט דעם אמת ווער דו ביסט, אַז דו ביסט אַ אָרימער מענש, אַז דו זאָגסט ליגען, און פאַר איהר אַליין, איין נפש אין דער וועלט ווילסט

## דריַי שפּראַך — חאַ=חאַ=חאַ: „ספּיק יו ענגליש!“

טייַלמאָל וואָלט ער געוואָלט קריִעגען אַ גוטען ברודער, וואָס זאָל זייַן אַ מענש. אַ בחור צו אַ בתולה, עס איז איהם קיין חילוק ניִשט. נאָר אַזוי אַ גוטען ברודער. פאַר איהם זאָל ער זייַן אָפען, אין גאַנצען אָפען=הערציג; זעהסט, איך בין גאָלדמאַן, דעם שמש זוהן. גאָלדמאַנען דעם ליִנגנער, גאָלדמאַנען דעם שליִם=מזל'ניק, גאָלדמאַנען אָהן ענגליש, דייַטש, רוסיש, דעם גאָלדמאַנען. זייַן גאָלדמאַנען, און ער דערמאָנט זיך אָן דבורה'לען.

שבת נאָך מיטאָג איז עס געווען. ער האָט געוואָהנט בייַ אַ שנייַדער, דער פאָטער איז געשלאָפען הינטער די דעק, די מוטער איז אַרייַן צו אַ שכנה מיט'ן „צאינה וראינה“. שנייַדער געזעלען זענען געקומען, האָבען מעשיות געלעזען, שמר"ס ראָמאַנען און האָבען זיך „פערווייַלט“.

ער האָט געוואָהנט בייַ זיי אין אַלקערישעל אויף די פראַנציִשקאַנער. ער האָט אייניגע מאָל די טהיר אויפגעעפענט און געוואָלט אַרייַנגעהען צו „זיי“ דעריִנען מיט=פערווייַלען זיך, נור ער האָט ניִשט געוואוסט ווי אַזוי. ער האָט זיך אייניגע מאָל אַרייַן און אַרויס געדרעהט. ער האָט געוואָלט אין שטוב איבערבלייַבען, נאָר בייַ זייַן ערשייַנען זייַנען אַלע שטיל געוואָרען, האָט ער נאָר די טהיר פון זייַן אַלקערישעל פערמאַכט הינטער זיך. האָט ער שוין דערהערט דאָס פרעהליכע געזאַנג פון די מיידלעך מיט די שנייַדער־געזעלען הינטער זיך.

קומט ער אַהיים אויף דער נאַכט קוקט זי אויף איהם ווייך, פרעגט איהם אויב ער וויל ניִשט טהעע טריִנקען?

ער ענטפערט איהר ניִשט, קוקט נור אויף איהר, טיעף קוקט ער אויף איהר. ער וויל איהר מיט זייַן בליק אַזוי פיעל זאָגען.

ווי גוט איז איהם דעמסטמאָל געווען.

נאָך גאָרניִשט האָט ער מיט איהר גערעדט, נאָר ער האָט געפיהלט, אַז עס איז דאָ ווער, וואָס פיהלט איהם, וואָס ליִעבט איהם, אָט אַזוי ווי ער איז, דעם גאָלדמאַן, דעם שמש זוהן, דעם ליִנגנער. אָהן די דריַי שפּראַכען.

און איז ער געווען אין גאַס צווישען די פיעל אייַלענדע מענשען, האָט ער געוואוסט אַז עס איז ערגעץ וואו דאָ אויף גאָט'ס ערד

הויז, איינציגוויים, איך וועל זיך פערליבען אין אַ מיידעל דאָרט, צוערשט וועט זיין אַ סקאנדאל. דער נאָך וועלען זיי מענשען שיקען, מיר וועלען חתונה האָבען, איך וועל ווערען אַ שותף אין געשעפט, פאַר וואָס דען נישט? פאַר וואָס דען נישט?״

און די נאַקעטע פינגער פון זיינע פיס, וואָס האָבען זיך אַרויסגעגליטשט פון זיינע אָפּענע און שמוציגע שטיוועל, האָבען איצט געדרעפּטעט אין דער קאַלטער בלאָטע, אַ ווינד האָט איהם געבלאָזען אין זיינע ביינער און ער האָט זיך איינגעוויקעלט אין זיין ראָק, ערגעץ וואו געגאַנגען די געדאַנקען האָבען איהם פערנאַרט.

„און אַמאָל אַ שענעם פאַרנאַכט, ער קומט אַזוי אַריין אין הויז אויף די לעקציע, קיינער איז נישט דאָ אין שטוב, עס איז טונקעל, זי זיצט ביי דער פיאַנע און שפּיעלט, זעהר שטיל, ער זעצט זיך אַנידער און הוסט אָב זעהר שטיל.– זי דערנעהנט זיך צו איהם און שמועסען זעהר טרויעריג און שטיל, ניין, זיי שווייגען גאָר, און שמועסען ווייטער פון עפּעס דאָס, פון עפּעס דאָס, ביז מען רעדט זיך אָב, – ער בעהאַלט זיין קאָפּ אויף איהרע קניען, ער וויינט פאַר איהר, און זי וויינט אויך, פאַר וואָס דען נישט? פאַר וואָס דען נישט?..״

„און מיט איהרע צערטליכע הענד האָט זי זיין קאָפּ צו איהרע ברוסט געדריקט״ האָט עס איהם ערגעץ וואו אַ זאַץ פון אַ ראָמאַן דערמאָנט.

נאָר באַלד טאַפּט ער זיך אָן דעם קאָפּ מיט זיינע הענד, און שמייכעלט, מיין קאָפּ, גאָלדמאַן דעם שמש זוהן׳ס קאָפּ, אַח! שעמען זאָלסט דו דיך.

און ער האָט זיך טאַקע פאַר זיך אַליין פערשעמט, עפּעס מאָרגענע די ליפּען פערקריכט, און דאָס געזיכט פון אַ לייכטענדע לאַמטער (וואָס איז געוועזען גענגען איבער איהם) אַוועק־גענומען.

– שלים־מזל! נאָר דו מוזט קלערען וועגען די לעקציע כדי דו זאָלסט זי נישט ערשט בעקומען.

און כדי מאַכענדיג זיך פערגעסען פון די אַלע גוטע זאַכען, וועגען וועלכע ער האָט געקלערט, האָט ער זיך געוואָלט פאָרשטעלען די ענדערונג פון דער זאַך.

– לעקציע ווילען זיי בעקומען יונגער־מאַן, איהר גאָלדמאַן, קענען זיי עפּעס? האָבען זיי עפּעס געלייענט? געלערענט?

און ווייל ער האָט נישט דעם מוטה עס צו זאָגען מיט דעם מויל נאָר ער וויל עס פערבעסערען, זיך פערבעסערען אין יענעמ'ס אויגען און איז גרייט אָבצוקומען דעם עונש באַלד פאַר דעם גע'גנבה'ריי. און איז גרייט אַוועק צו געבען דאָס וואָס ער האָט עס בעקומען מיט זיין אויסנאַרען.

ער פרעגט נישט, ער שטעלט זיך נישט אָב פאַר וואָס איז עס אַזוי, און וויל גאָרנישט, אַז עס זאָל אַנדערש זיין. אַזוי דאַכט זיך איהם, איז'ן גאַנץ גוט, אַזוי דאַרף טאַקע זיין.

אַלע מענשען טהוען מיט איהם חסדים, אַלע איז ער שולדיג אויף דעם, וואָס מען קוקט אויף איהם ווי אויף אַ מענש, וואָס מען לאָזט איהם אַ שוועל דורכטרעטען. און ער וויל בעצאָהלען פאַר דעם, בעצאָהלען מיט עפעס. מיט דעם וואָס ער ווייזט זיך אויס פאַר אַ אַנדערען. אָט איך בין נישט דער גאָלדמאַן. דער שפּיל, וואָס ליגט אויף'ן פינפטען שטאָק, בעהאַלטען אויף זיין שעניק, און איז אַ שמש אַ זוהן, פון קראָשנעוויץ, ניין, איך בין גאָלדמאַן. מיין טאַטע איז אַ רב, איך אַליין בין אַ משכיל, קען דריי שפּראַכען, דייטש, רוסיש, ענגליש, איהר רעדט מיט אַ גאַנץ אַנדערן גאָלדמאַן.

און אין הארץ ווייס-ער, אַז מען וועט זיך באַלד דערוויסען ווער ער איז, אוי — וועט מען זיך דערוויסען — נאָר ער איז שוין מוכן ומזומן דעם עונש צו ערהאַלטען.

אָבער איצט, די מינוט ווייסט מען דאָך נאָך נישט...

---

נאָר טהיילמאָל, חאַפּט זיך איהם אָן אַ ווילען אַנידער שטעלען זיך אין מיט'ן מאַרק און שרייען הויך אויפ'ן גאַנצען קול: איך בין גאָלדמאַן דעם שמש זוהן פון קראָשנעוויץ. אַזוי בין איך! אַזוי האָט מיך גאָט בעשאַפען!

נאָר דאָס טרעפט זיך זעהר, זעהר זעלטען...

---

שוואַרץ האָט די נאַכט די וועלט אַרומגענומען, פון אַ הויך הויז פינקעלן ליכט אין די פענסטער. דאָרט מוז איצט וואַרם זיין, און מענשען זיצען אַרום אַ ווייס-געדעקטען טיש, און טרינקען טהע, האָט זיך גאָלדמאַן געטראַכט, טרעטענדיג מיט די האַלב אָפענע שטיוועל אין דער נאַסער בלאָטע.

„פאַר וואָס דען נישט. — ווערען אַ גאַנצער בעל בית אין דעם

אומעטום די איינענע מעשה, נאָר דאָך האָט ער מיט די ליפּען געקלאַפּט:

— צעהן רובל, גאַנצע צעהן רובל אַ חודש.

ער האָט געהאַט אַ סימן ביי זיך, אַז אין דעם וואָס ער גלייבט, אַז עס וועט זיין — איז עס נישט, נאָר אין דעם אין וואָס ער גלויבט נישט, קומט עס יאָ.

און ער האָט נישט געוואָלט גלויבען — ער האָט זיך געשטאַרקט נישט צו גלויבען, אַז די צעהן רובל וועלען ניט זיין — כדי, אַז זיי זאָלען יאָ זיין, און ער האָט געוואָלט זיין איבערצייגט, אַז זיי וועלען נישט זיין — נור ווי איהם צו להכעים האָט זיך איהם אַזוי אויסגעדוכט, אַז אָט שוין, שוין האָט ער די לעקציע פון די צעהן רובל.

פאַר וואָס דען נישט? — האָט ער זיך אין האַרץ געטראַכט, זעהר פריינדליך מיט מיר גערעדט. דאַכט זיך, איך האָב אויסגענומען, וואָס נייין? — אויסגענומען — נאָר באַלד האָט ער מיט די ליפען געשטאַמעלט: ברודער רעד דיר נישט איין, גאָר נישט וועט פון דעם זיין, גאָרנישט.

דריי שפּראַכען, ענגליש, דייטש און רוסיש, חאַ־חאַ־חאַ! ווען זי גיט מיך אַ פרעג.

— שפּיק יו ענגליש.

— יעס, מיסס — יעס. און ווייטער פּטור. קען איך דען קיין ענגליש נישט רעדען.

איהם האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס ליעגענד וואָס ער זאָגט, איז אַ גאַנץ אַנדערש ליעגענד פון אַ אַנדערן, ער זאָגט נאָר ליעגענד אויף דערווייל: ער וויל די לעקציע בעקומען. און וואָס אַרט עס יענעם דען?

ער פיהלט זיך נידריגער פאַר יעדען אַנדערן, אַז אין אמת'ן איז ער אַ גאָר־נישט און אַ גאָר־נישט. אַלעס וואָס ער וויל האָבען, דאָס ברויט עסען, דאָס וואַסער טרינקען, דאָס מוז ער אויסנאַרען, און היינט מאָרגען קען ווער קומען און דעם ברודיגען שטיק פון הינטער זיין לייב רייסען.

די באַקען זיינע זענען שטענדיג גרייט פעטש צו בעקומען, און איז שטענדיג גרייט שטראָף צו הערען אויף דעם וואָס ער האָט די חוצפה אויך צו וועלען

וואָהן אין וואַרשא, איך בין בוכהאַלטער געוועזן, מיין פּרינציפּאַל האָט באַנקראָטירט.

די מאַדאַם האָט אויף'ן ערנסט געקוקט, נאָר דאָך, דאַכט זיך, זיינע ווערטער נישט געהערט.

ער האָט איהר דאַנקען געוואָלט. — ער האָט נישט געוואוסט מיט וואָס. אַ מינוט האָט ער זיך געטראַכט, וואָס טהו איך דאָ? באַלד האָט עס אין איהם די בעקאַנטע שטימע גע'טענה'ט: לאָז זי זיך אויפהענגען, וועמען געהט עס אָן? —

ער האָט זיך געוואָלט אויפהייבען און אַוועקגעהן. ער האָט ניט געוואוסט ווי אַזוי מען שטעלט זיך פון טיש אויף; — ער האָט געוואָלט ווייטער זיטצען; נור ער האָט געפיהלט, אַז ער איז שוין איבריג, געוואוסט האָט ער, מען דאַרף עפּעס טהון, נאָר סיי ווי סיי: „וואָס געהט עס מיך אָן?

— צייט דעם אויוועזן צו הייטצען, — האָט זיך די מאַדאַם געווענדעט צום שטוב מיידעל.

גאָלדמאַן האָט געפיהלט אַז יעצט איז די צייט, ווי אַ מויז האָט ער זיך פון שטול אויפגעהויבען, און מיט'ן קאָפּ אָבגעשאָקעלט, ערגעץ וואו אַ וואָרט געוואָרפען:

אַדיע! איך וועל שפּעטער קומען, וואָס ניין?

— יאָ, יאָ שפּעטער — האָט די מאַדאַם ווי אין מיטען דערינגען זיך אָן עפּעס דערמאָנט.

ער האָט געוואָלט, אַז עס זאָל עפּעס געשעהען אַ זאַך. דער באַלקען זאָל זיך חאָטש עפּענען און פליעגלען זאָל ער קריעגען און זאָל פלוצלונג אַרויס פליהען און די מאַדאַם זאָל קוקען מיט אַ אויפגעעפּענטע מויל, אָדער גאָר, אָט ער, דאָס קליינע שפּל'דיגע מענשעלע זאָל זיך מיט אַמאָל געבען אַ ציה אויס דעם שמוציגען אויבער-ראָק און זאָל בלייבען שטעהען אין אַ גאָלדענעם מאַנטעל אָנגעטוהן: מיניסטער, קייסער גאָר, נאַ, זעה, מיט וועמען דו האָסט גערעדט!"

ווי מען וואָלט איהם מיט קאַלט וואַסער איבערגעגאָסען איז ער פון די טרעפּ אַראָב, אַרונטערגעשאַרט די פּיאות אונטער די אויערען אַראָבגעגליטשט זיך פון די טרעפּ — צעהן רובל וועלען זיין, צי וועלען נישט זיין?

אין האַרץ איז ער שוין זיכער געוועזן, „פערפעל" ברודער,

# דער ליגנער.

גאָלדמאַן האָט זיך איַינגעבויגען. משונה ווילד די הענד פֿער־וואָרפֿען, און געקוקט מיט א ליבליכען רחמנות־געלעכטער אויף די מאַדאַם גרינבערג, וועלכע איז געשטאַנען אָנגעלעהנט ביי דעם שראַנק און איהר קלייד נאָך זיך געלאָזט נאָכשלעפּען.

די מאַדאַם האָט גוט געשמייכעלט. און דער שמייכעל וואָס האָט אַרומגעבלאָנדזשעט אין די פּאַלבען פֿון איהר געזיכט אַרום דעם מויל האָבען צו וויסען געגעבען, אַז די מאַדאַם איז אין דער מינוט זעהר צופֿריעדען, וואָס זי טהוט א חסד מיט א מענשען — דאָס געלעכטעריל האָט גאָלדמאַנען מעהר האָפֿענונג געגעבען און ער האָט זיך געטראַכט אין הארץ: ווי גוטע מענשען דאָס זענען.

— זיצען זיי יונגערמאַן — האָט די מאַדאַם מעהר מיט דער האַנד ווי מיט'ן מויל געזאָגט.

גאָלדמאַן האָט זיך אַרומגעקוקט, געשמייכעלט קינדיש און געקוקט אויף דעם גרויסען, גלעזערנעם הענג־לייכטער, ווי ער וואָלט ביי איהם רשות געבעטען צו זיצען, ביני לבינו האָט ער געזעהען זיין געזיכט אין א שפּיגעל — און אין הארץ האָט ער זיך געטראַכט בשעת מעשה. שלים־מזל, וואָס איז מיט דיר די שמחה אַזוי? — — —

מיין מאַן קומט באַלד וועט ער מיט איהן רעדען.

ער האָט איהר דאַנקען געוואָלט, איינינגע מאָל האָט ער שוין דאָס מויל געוואָלט עפּענען עפּעס צו זאָגען, נאָר ער האָט נישט גע־וואוסט וואָס, איז ער זיצען געבליבען שווייגענדיג.

— איך קען דריי שפּראַכען, דייטש, רוסיש, ענגליש; אויסער העברעאיש, פּויליש פֿערשטעה איך אויך, אָבער איך רעד גאָר נישט. דאָס האָב איך מיך אַליין אויסגעלערנט, אין דער היים זיך געלערנט, מיין טאַטע איז געווען אַ רב, ער האָט מיך פֿאַר אַ רב געוואָלט מאַכען. געגוג מלחמה געהאַלטען. צוויי יאָהר ווי איך

אַלמנה מלבד געווען ר' אַהרן=ליב'ן מיט יולבדין מיט קוואַ=טערשאַפט.

פון דענסטמאָל אָן האָט זיך ר' אהרן=ליב ליכטענבערג א נדר געמאַכט: באַנקראָטירען — יאָ, נאָר פון יודישע אַלמנות מיט יתומים — האַלט זיך פון דערווייטענס—א מאוס'ע אומה...

און לאָזען נישט אַרײַן אין בעט אַרײַן, זענען זײ בעפֿאַלען די יתומים מיט די יתומות מיט געוואַלדען, מיט געשרײען: „געוואַלד, ער הרג'עט די טראָגעדיגע עגונה! געוואַלד, ער הרג'עט די טראָגעדיגע עגונה!‟ און חיה־רײַצע'ס קול קלינגט העכער פֿון אַלע: „ער הרג'עט די יתומים! די יתומים‟!

קומען דאָך ווײַטער צולויפֿען ווײַבער און מעדען און יודען מיט יונגען, און חיה־רײַצע שרײַט צו זײ:

— געוואַלד, העלפֿט מיר, די יתומה געהט צו־קינד, די עגונה צו־קינד!

זענען די ווײַבער אַרײַן אין שלאָף־צימער מיט נעהען דער בעקבען בראש. קודם כל האָבען זײ אָנגעחאַפּט ר' אַהרן־ליב'ן און הינטער די טהיר אַרויסגעשטופּט: אַ מאַנספּאַרשוין!...

דאָרטען זענען זײ צו צו יוכבד'ס וועש־אַלמער, די טהיר אויפֿגעריסען און אַרויסגענומען ווײַסע לײַלעכער; אין קיך האָט שוין אַ פֿײַער געקנאַקט, און מען האָט הײס וואַסער געקאָכט.

די עגונה איז געלעגען אין ר' אַהרן־ליב'ס בעט און האָט געקרעכצעט אַ גאַנצע נאַכט; חיה־רײַצע האָט אָן אַלע אָבות דערמאָהנט און ר' אַהרן־ליב איז געלעגען אַ גאַנצע נאַכט אויף אַ קאַנאַפּע אין עס־צימער, און קײן אויג נישט צוגעמאַכט.

הכלל, וואָס האָב איך אַ סך צו בריען, ר' אַהרן־ליב ליכטענבערג האָט דורכגעלעבט אַ שבת—זאָל אײן גאָט שומר און מציל ומרחם זײַן. ער האָט קוים דערלעבט, אז עס זאָל שוין קומען דער שבת־צו־נאַכט, און האָט אַרײַנגערופֿען חיה־רײַצע'ן אין אַ בעזונדער שטוב, אָבגענומען די וועקסלען און יוכבד האָט פֿון אונטער'ן קאַפּטען אַרויסגענומען די הונדערטער, און בעצאָהלט דרײַ הונדערט און פֿופֿציג קאַרבוינים במזומנים.

נאָר בינו לבינו האָט זיך געמאַכט, אַז די אָבות האָבען זיך געמיהט און די יתומה, די וויסטע עגונה, האָט געוואונען מיט מזל אַ בן זכר, מילא וועט מען דאָך אַ קינפּעטאָרין נישט איבערטראָגען אין די אַכט טעג.—האָט די וויסטע עגונה אָבגעהאַלטען דעם קימפּעט אין ר' אַהרן־ליב ליכטענבערג'ס בעט. יוכבד האָט געבאָרגט געפֿעס אויפ'ן ברית, דערפֿאַר האָט די

אַז מען דערלאַנגט דאָס פלייש, נעמט שוין יאָכבד דאָס פלייש צו איהר טישעל, טיילט איין בעזונדער און פערבעגט איהר מאַן צו זיך אין ווינקעל אַריין. נאָר חיה רייצע איז זיך אַודאי נישט פויל, פאָלגט זיך אַ גאַנג צו יאָכבד'ן אין ווינקעל אַריין און נעהמט אַוועק דעם גאַנצען טעלער פלייש צו איהרע קינדערלעך: „כ'לעבען — זאָגט זי — די יתומים קינדערלעך וועלען זיך דאָס האַרץ דערחאַפּען. אַ גאַנצע וואָך זעהען זיי דאָס אין די איגען נישט אָן, און פאַר זייער גראָשען געלד מעגען זיי הנאה האָבען".

לויפט דאָך יאָכבד צו און וויל דעם טעלער מיט'ן פלייש צוריק אַרויסרייסען, בעפאַלען איהר די יתומים מיט די יתומות ווי די ווערים: „געוואַלד, זי שלאָגט די אַלמנה" און חיה רייצעס קיל קלינגט העכער פון אַלע: „געוואַלד, זי שלאָגט מיר די יתומים!!"

קומט זיך ווייטער דאָס געסיל צולויפען, מיט קללות און חרמות, און מיט גרויס געלעכטער און שפּאַט.

שוין קוים דערלעבט דעם טיש דורכצוקומען, מען האַלט שוין בייס בענטשען, הויבט אָן די יתומה, די טראָגעדיגע עגונה, צו קרעכצען: דער רוקען ברעכט איהר און זי האָט בויכוועהטאָג.

חיה-רייצע איז נישט פויל און גיט אַ פיהר אַריין די יתומה, די טראָגעדיגע עגונה, צו ר' אַהרן ליב'ן אין שלאָף-צימער, גיט זיך אַ לעג אַריין אין ר' אַהרן-ליב'ס בעט אַריין און זאָגט צו איהר:

— נישקשה, מיין טאָכטער. גאָט וועט דיר העלפען, און דו וועסט בשלום דורכקומען מיט זיין הילף. וואָרום ער איז אַנ'אַב ליתומים ואבי אלמנות, ווי אין פסוק שטעהט געשריבען, און ווענדענדיג זיך צו אַ יתומ'ל, וואָס איז געשטאַנען הינטער איהר האַנד, זאָגט זי צו איהם:

— געה, מיין קינד, אַריבער נאָך נעהנע דער באָבען און זאָג איהר, אַז עס רוקט זיך צו די ריכטיגע מינוט, אַז זי זאָל זיך צו-איילען צו ר' אַהרן ליב'ן ליכטענבערג, וואו מיר וועלען וואוינען פון היינט אָן, מיט מזל פאַר אונז און פאַר כל ישראל, אָמן.

ר' אַהרן-ליב מיט יאָכבד'ן האָבען דערהערט אַזאַ מעשה, ווערט דאָך אַ גרויס געוואַלד, לויפען זיי אַריין אין שלאָף-צימער

יתומים!" און קודם כל דעם סטרוזש פון די טרעפ אראבגעוואָרפען און צו צו ר' אהרן ליב'ן.

עס האט זיך אָבגעשטילט, אָבגערוהט אביסעל פון געדרודער; ר' אהרן ליב האט זיך די באָרד גלייך געמאַכט, צורעכט געמאַכט דעם גארטעל איף דער אַטלעסענער קאפאטע און דאס שטריימעל אויפ'ן קאפ: עס איז דאָך פאָרט שבת, און האט זיך גענומען צו'ם קדוש.

קדוש געמאכט, האט די אלמנה מיט די יתומים אָבגעענטפערט „אָמן", און ר' אהרן ליב איז זיך געגעגאנגען וואשען צו די חלות.

מען האט דערלאַנגט דעם גרויסען קארפען־קאָפּ ר' אהרן ליב'ן, געהט צו חיה רייצע און רוקט־צו צו זיך דעם טעלער, צו־ברעכט דעם קארפען־קאָפּ און טיילט ארום איהרע יתומים מיט די יתומות. זי נעמט איך די חלה, איבער וועלכע ר' אהרן ליב האט זיך געוואַשען, און טיילט ארום מוציא'ס. איינטיילענדיג יעדען זיין חלק, ווינשט זי נאָך צו:

— עסט, קינדערלאך, עסט געזונדערהייד, זאל עס אייך וואויל בעקומען, איהר עסט חלילה נישט ביי קיין פרעמדען. אייער מאַמעס פראַצע מיט אייער טאַטענס, עליו השלום.

קוקט זי אהרן ליב אָן: ווי הייסט? און דער יושר?

— עס וואָלט רעכט געווען. — זאָגט זי צו ר' אהרן ליב'ן, — אז אַזא יוד, ווי איהר זענט, זאל זינגען זמירות פריטאָג־צו־נאכט ביים טיש. נישקשה, מיין זוהן, דער גרוש, און מיינע קינדער, די יתומים, וועלען אייך צוהעלפען.

ר' אהרן ליב דערלאנגט א קוק אויף יוכבד'ן, זעהט ער ווי זי זיצט אין דעם ווייסען שבת־שלייפעל אויפ'ן קאפ, מיט די ברי־ליאנטען אין די אויערן, און ברעכט זיך די הענד.

— „אַנ'אומגליק איז צו מיר געקומען, אַנ'־אומגליק".

מיט דעם יויך דערלאַנגען ווארט מען. מען ווארט אהין, מען ווארט אהער, חיה רייצע האט צייט צו ווארטען.

— וואס וועט זיין דער סוף? — פרעגט ער.

— וואס זאל זיין דער סוף? מיינע קינדער זענען הונגעריג, עס וואלט א יושר געווען, פאני יוכבד, איהר זאלט הייסען די יויך דערלאנגען. כ'לעבען, מיין יתום דוד'ל דארף אביסעל יויך ווי מיט'ן לעבען. א גאנצען טאג ניט געגעסען.

רײַצע, זאָל לעבען, מיט איהרע זעקס יתומים, איינס קלענער פון צווייטען, מיט איהרם אַטאָלטער אַטראָגענדיגער אַלמנה און מיט איהר זוהן אַ גרוש און מיט זייערע קינדערלאַך, זאָלען לעבען, זי־צען זיך אַרום טיש. זאָגט ער „גוט שבת״, הויבען זיך אויף אַלע פון טיש, און ענטפערן איהם: גוט שבת, ר׳ אַהרן ליב, גוט שבת, גוט יאָהר.

קוקט ער אָן דאָס ווייב, זיצט דאָס ווייב זײַנס יוכבד אין אַ ווינקעל מיט אויסגעווייִנטע אויגען, און אַרום שטעהען די קינ־דערלעך און ברעכען זיך די הענד: אַרײַנגעקומען די גאַנצע קאָ־מאַנדע און האָבען זיך אַרום טיש געזעצט.

געהט ער צו צו חיה רײַצע:

– געוואַלד, ווי הייסט?

– ווי עס הייסט – הייסט עס – ענטפערט זי איהם.

– און דער יושר וואו איז? – פרעגט ער.

– דער יושר איז דאָרט, וואו ער איז – ענטפערט זי איהם;

– מיר זענען אַרויפגעקומען, זאָגט זי ווײַטער – הערען אײַער קדוש. מען זאָגט, אַז איהר מאַכט קדוש גאָר נישקשה. נו, וואָס שטעהט איהר, ר׳ אַהרן ליב? כ׳לעבען, מײַנע יתומים׳לעך זענען הונגעריג, הײַנט אַ גאַנצען טאָג אין מויל נישט געהאַט.

מאַכט ר׳ אַהרן ליב אַ געוואַלד:

– יוכבד, וואו איז דער סטרוזש?

קומט אַרויף דער סטרוזש און שטעהט בײַ דער טהיר. ווײַזט ר׳ אַהרן ליב אָן אויף חיה־רײַצען.

געהט דער סטרוזש צו צו חיה רײַצען. ווערט אַ געוואַלד, אַ געשרײַ פון קינדער און קינדערלעך: געוואַלד, ער הרג׳עט די אַלמנה! געוואַלד! ער הרג׳עט די אַלמנה, און זיי בעפאַלען אַלע ווי גרוים ווי קליין ר׳ אַהרן ליב׳ן: „געוואַלד, די אַלמנה! גע־וואַלד, די אַלמנה!״

און פון די געשרייען הערט זיך חיה־רײַצעס קול, העכער פון אַלע: „געוואַלד, ער הרג׳עט מײַנע יתומים! געוואַלד, ער הרגע׳ט מײַנע יתומים.״

אויף די געשרייען זענען אָנגעקומען צולויפען דאָס גאַנצע געסיל ווייבער. יודען, ווײַבער, בחורים און בתולות מיט געוואַל־דען, מיט געשרייען: „ער הרג׳עט די אַלמנה, ער הרג׳עט די

– וואָס וועט איהר עֶפּעֶס זאָגען גוטעֶס, חיה רייַצעֶ? – פרעֶגט צום סוֹף ר׳ אַהרן ליב.

– מייַן יתומה – זאָגט זי, ווייַזעֶנדיג אויפ׳ן כלה-מעֶדעֶל – איז אַרויפגעֶקומעֶן נאָכ׳ן נדן.

– אַזוי, זאָגט עֶר. – אַז-וֹי-וֹי – נאָכ׳ן נדן. האָט איהר דעֶן, חיה רייַצעֶ, נישט געֶהעֶרט אין שטאָדט?

– יאָ געֶהעֶרט אָדעֶר נישט געֶהעֶרט, וואָס געֶהט אונז אָן, וואָס מעֶנשעֶן פּלוידעֶרעֶן.

– אמת נעֶביך, חיה רייַצעֶ, הלואי וואָלט עֶס נישט געֶוועֶן אמת, ווי עֶס איז יאָ אמת.

— וואָס איז אמת, — פרעֶגט חיה רייַצעֶ איבעֶר.

– אַז איך האָב נישט צו בעֶצאָהלעֶן, אַז איך קאָן נישט צאָה-לעֶן. מעֶן האָט מיר פיעֶל געֶלד צוגעֶנומעֶן, זעֶהר פיעֶל געֶלד. איך וועֶל אייַך ווייַזעֶן די ביכעֶר; מילא עֶס וועֶלעֶן דאָך זייַן מעֶנשעֶן, זיי וועֶלעֶן דאָך זעֶהן.

– ווי הייסט, איהר האָט נישט צו בעֶצאָהלעֶן?

– אַזוי ווי איהר העֶרט.

– און וועֶמעֶנס זעֶנעֶן די שאַנקעֶן מיט די שפּיגלעֶן, מיט דעֶם זילבעֶרוואַרג, און דאָס דרייַ-שטאָקעֶנדיג הויז, און נאָך, און נאָך?

– דאָס איז אַלץ מייַן ווייבס, זאָל לעֶבעֶן און מייַן שוועֶר׳ס — זייעֶר פּראַצעֶ. איך אַליין בין אַנ׳אָרימאַן, אַ גרויסעֶר אָרימאַן. אַזוי ווי איהר קוקט מיך אָן, נאָר די קאַפּאָטעֶ, בלויז די קאַפּאָטעֶ אויף זיך; נאָר צו נעֶמעֶן דעֶם שטעֶקעֶן, בלויז דעֶם שטעֶקעֶן, און אין די הייַזעֶר אַרומצוגעֶהן.

— קומט אַריין צו מיר אויך, וועֶל איך אייַך אַ שטיקעֶל ברויט געֶבעֶן — זאָגט חיה רייַצעֶ, און הויבט זיך אויף, און נעֶמט זיך מיט די יתומה, און זאָגט זיך נאָך אַ גאַנץ גוטעֶן טאָג, און געֶהט זיך איהר וועֶגס.

מייַנט דאָך ר׳ אַהרן ליב ליכטעֶנבעֶרג, אַז עֶר איז שוין פון איהר פּטור, איז אָבּעֶר אַזוי נישט געֶוועֶן.

ר׳ אַהרן ליב ליכטעֶנבעֶרג קומט אַהיים פרייַטאָג צו נאַכט פון דאַווגעֶן, פון שטיבעֶל, טרעֶפט עֶר אַרום דעֶם ווייס העֶל געֶ-דעֶקטעֶן טיש, מיט די גרויסעֶ זילבעֶרנעֶ לייַכטעֶר, אַ גריזעֶר געֶזינ-דעֶל; וואונדעֶרט עֶר זיך, קומט עֶר נעֶהנטעֶר, דעֶרזעֶהט עֶר חיה

געלד, פיעל געלד, זעהר פיעל געלד, יא, האבע קיין אנדערן „ראטה" געהאט. יא, וואס מאכט מען?

הויבט זיך דער דייטש אויף פון שטוהל, פאמעליך, גאר פאמעליך, רוקט זיך אב הינטערווייליך, נעהנטער צו צום טהיר, און אז ער איז שוין נאָהענט בײ'ם טהיר, און האלט שוין די קליאמקע אין האנד און דעם צילענדער-הוט אין דער צווייטער האנד, ווענדעט ער זיך צו'ם יודען מיט א הויכער שטים:

— דו דיעב! דו פערפלוכטער דיעב!

און דער דייטש חאפט די פיס אויף די פלייצעס און מאכט היידא, אראב פון טרעפ, ווי דער פייל פון בויגען, מורא האָ-בענדיג, אז ר' אהרן ליב ליכטענבערג זאָל איהם נישט נאָכלויפען, איהם נאָכווארפען די וויזיטען-קארטען און פאָדערן אויף א דועל.

ר' אהרן ליב ליכטענבערג זיצט זיך אָבער ווייטער רוהיג בײ'ם טיש און פערענדיגט דאָס אָנגעהויבענע טייגעל, וואָס ער האָט גע-קנעטען בײ'ם דייטש'ס אריינקומען, אויסטרינקענדיג דעם רעשט טהע פון גלאָז.

נאָר וואָלטען אלע געוועזען ווי דער נארישער דייטש, מוז אָבער פונקט דער גורל טרעפען, אז צווישען די וועקסלען געפינט זיך א יודענעס א וועקסעל, דאָרט עפעס אנ'אלמנה'ס, חיה רייצע'ס א וועקסעלע פון גאנצע דריי הונדערט און פופציג קארבונים!

האָט די יודענע אָנגעטהון, זאָל גאָט שומר און מציל און מרחם זיין!

געוואָהר געוואָרען א יודענע ווי חיה רייצע, אז אהרן ליב ליכטענבערג האָט באנקראָטירט, ווישט זי זיך דאָס מויל אָב און רעדט גאָרנישט. „דאָס מייניגע, זאָגט זי, וועט ער אָבגעבען, זאָל איך אזוי לעבען".

זי טהוט זיך אָן דאָס שווארצע ראש-חודש-שלייפעל אויפ'ן שייטעל מיט'ן שווארצען באנד אויפ'ן האלז, נעהמט מיט איהר יתומה, דאָס כלה-מעדעל און געהט ארויף צו ר' אהרן ליב ליכ-טענבערג.

ארויפגעקומען, נעמט זיי יוכבד שען אויף, בעט זיי זיצען. ר' אהרן ליב אליין קומט אויך אריין און זאָגט „גוט מאָרגען", און מען ווינשט זיך „גוט יאָהר".

זיצען אַרום טיש, און עס איז „מאָהל־צייט”. איז ער דאָך אַ דייטש׳ „מאָהל־צייט” זאיז „מאָהל־צייט”. האַלט ער זיך אויף אין פאָדער־ צימער און ווינשט נאָך אַריין דורך די אָפענע טהיר: „גוטען אַפּעטיט”.

נאָכ׳ן „מאָהל־צייט” פערבעט ר׳ אהרן ליב דעם דייטש אויף טהע. ר׳ אהרן ליב זיצט ביי׳ם טיש אויבען־אָן, דאָס פולע גע־ זיכט שיינט אָהן עין־הרע, (זעהט זיך אוים, דער מיטאָג איז איהם געפעלען); ער קעמט זיך אוים מיט די פינגער די לאַנגע צוויי־שפּי־ ציגע באָרד און קנעט זיך צו מיט׳ן פינגער ברויט־טייגלעך. קומט דער דייטש אַריין, בעט ער איהם שען זיצען, רוקט איהם צו אַ שטוהל צו זיך און איז איהם מכבד מיט אַ פיינעם ציגאַר. העלענ־ שע׳לע (דאָס יונגסטע טעכטעריל) און יוכבד, דאָס ווייב, דערלאַנגט פיין איינגעמאַכטס אויף אַ גלעזערן טעלעריל און קרעכצט בי־ טער דערצו.

— אַזוי מיין הערר, אַזוי מיין הערר.

איז עס דאָך אַ דייטש, וועט ער דאָך באַלד ניט אַרוים מיט׳ן שנץ, זיצט מען און מען רעדט וועגען פערשידענע זאַכען, ווי מיט קאָרן שטעהט היינט, און ווייץ איז געפאַלען, און ווי עס קאָן נאָך זיין, אַז ביז יום־טוב וועט אַ שנע אַראָבפאַלען, און ווי די „זאָנע” שיינט היינט, און וועגען נאָך אַזעלכע זאַכען, און די „פרוי” בעט שען טרינקען:

— ערלויבען זי דאָך, ערלויבען זי דאָך.

אַ דייטש איז דאָך אַ דייטש, נאָר אַפילו ביי אַ דייטש געהט שוין אויך די גאַל אַריבער, רופט ער זיך אָן זעהר עדעל, מיט האַלבע ווערטער, קוקענדיג צום פענסטער:

— מיין הערר... מיין גנעדיגער הערר... איך גלויבע... יאַ— גלויבע... עס וואר איין מיספערשטענדניס... דאָס... דאָס -- און ער וויזט איהם אויף די אומגעצאָהלטע וועקסלען, וואָס ער האָט פון בוזעם־קעשענע אַרויסגענומען.

— זעהען זי, מיין הערר דייטש, — ענטפערט איהם ר׳ אהרן ליב גלייכגילטיג, גאַנץ גלייכגילטיג, קנעטענדיג די טייגלעך ווייטער און קעמענדיג די באָרד ווייטער מיט די פינגער — זעהען זי, מיין הערר דייטש, שלעכטע צייטען. יאָ, מען האָט מיר צוגענומען מיין

# באַנקראָט

(הומאָרעסקע).

ר׳ אהרן ליב ליכטענבערג האָט באַנקראָטירט.

דאָס איז קיין נייעס נישט. שוין ניט דאָס ערשטע מאָל, ווי ר׳ אַהרן ליב ליכטענבערג באַנקראָטירט,נישט דאָס לעצטע מאָל. גלייך נאָך דעם באַנקראָט מאַכט די וועלט אַ געוואַלד, אַ געשריי: „ווי הייסט? עוקר מן השורש זיין דאַרף מען איהם". פאָהרט ר׳ אַהרן ליב אויף די ערשטע טעג צו זיינעם אַ שוואָגער במקום שאין מכירין אותו, דאָס הייסט, אין אַן׳אָרט וואו מען קאָן איהם נישט, און דאָס ווייב געהט אַרום אָנגעפילט דעם קאַפּטען מיט די הונדערטער און קרעכצעט: „זעהט, וואָס פאַר אַן׳אומגליק עס איז אויף מיר געקומען". דערנאָך קומט ר׳ אַהרן ליב ליכטענבערג צופאָהרען, און ווערט מושוה מיט די בעלי־חובות, בעצאָהלט אַ גאַנץ פיינעם פראָצענט, אַ 45־גער למשל, און דאַן ווערט מען ערשט אַ גאַנץ גוטער בטוח. באַנקראָטירט מען ווייטער אַ מאָל, ווערט ווייטער אַ געוואַלד, אַ געשריי; איז מען זיך ווייטער משוה מיט די בעל־חובות, ווערט מען ווייטער אַ בטוח, און אַזוי דרעהט זיך דאָס ראָד ווייטער אַרום—ווי עס שטעהט אין פסוק געשריבען.

נו, האָט ר׳ אַהרן ליב ליכטענבערג ווייטער אַ מאָל באַנקראָטירט, דרעהט זיך דאָס ווייב ווייטער אַרום מיט דעם קאַפּטען, אויסגעבעט פון הונדערט־רובל־שטיקער, און ברעכט זיך די הענד אויפ׳ן אומגליק, וואָס איז איהר געשעהן.

מילאָ דער דייטש פון לייפּציג, וואָס האָט ביי ר׳ אַהרן ליב׳ן אַ חוב פאַר סחורה אויף צעהן־טויזענד מאַרק, ווי ער האָט בעקומען צוריק דאָס ערשטע וועקסעלע אויף צוויי טויזענד מאַרק אומגעצאָהלט, חאַפּט זיך מיט׳ן ערשטען צוג אין דאָס שטעדטיל אריין צו ר׳ אַהרן ליב׳ן.

טרעפען טרעפט ער פונקט, ווען ר׳ אַהרן ליב מיט׳ן ווייב, זאָל געזונד זיין, און מיט׳ן גאַנצען הויז־געזינד, זאָל געזונד זיין,

און וועגדענדיג זיך צום סטראַזשניק, מאַכט ער אויף זיין לשון: דיערזשי, דיערזשי?

– נישט דערקענט–שאָקעלט דער יונגערמאַנטשיק מיט'ן קאָפּ, רויט־טויט פאַר חרפה.

– אַז עשו וויל ניט, דערקענט ער נישט–זאָגט אַ יוד.

– אין אוטשאַסטאָק–וועל איך איהם שוין ווייזען–שטאַמעלט דער יונגערמאַנטשיק, פאַר חרפה.

און אַזוי האָט מען אין גאַס שפּאַצירט ביז עס האָט זיך געהאַט אָנגעזאַמעלט אַ שטיק 20–30–האָט מען אונז אין צירקעל אָבגע־פיהרט.

פאַר דער טהיר פון צירקעל האָט מען בעגעגענט אייניגע אַזעלכע „קאָמפּאַניעס" און מיר האָבען בעגריסט איינער דעם צווייטען.

אַז מיר זענען אין פאָדער־צימער פון צירקעל געשטאַנען–האָט מען געהערט פון אינעווענדיג שרעקליכע געוואַלטען, געשרייען, אַזוי ווי פון אונטער דער רוט.

דער יונג פון הערינג איז צוגעגאַנגען צו דעם יודען, וואָס האָט זיך דורכאויס אַהיים געאיילט אויף דריי אַ זייגער צו מיטאָג, און קלאַפּענדיג איהם אין רוקען, מאַכט ער אַזוי:

– גרייט אייך צו, פעטער, צו די „לאָקשען", וואָס מען טהיילט דרינגען.

דער יוד איז בלאַס־טוידט געוואָרען.

און ער גערט שוין צווישען אונז.

— איך האב איהם אין דר'ערד, איך קום אין צירקעל אריין, גער איך צו צום קאמיסאר,—וועט איהר זעהען, לאפט ער די עליה: מיינער א גוטער בעקאנטער. ווארט, טאמער טרעף איך דא דעם פאמאטשניק, א רעווירעווע פון צירקעל אויפ'ן וועג — איך זאג נור איין ווארט... זאגט דער יונגערמאנטשיק, וואס האט א „פאס".

— הערר לעבען! — הויבט זיך אן צו בעטען ביי'ם „מאכער" די יודינע, — א לעבען אויף אייך, ראטעוועט ארויס אן אומגליקליכע מאמע, כ'האב די קינדער אין קעלער איינגעשלאסען.

— קאוואלעווסקי — שטעלט זיך פאר פאר איהם דער יונגער־מאנטשיק, וואס איז געפאהרען נאך דער הייבאמע,—און רוימט איהם עפעס אריין אין אויער.

— עס וועט שוין רעכט זיין, שוין רעכט זיין... ווינקט דער יונגערמאנטשיק, וואס האט א „פאס".

— יונגער מענש, אז איהר זייט שוין יא אזא בריה — טא לאז מען זעהען אייערע גבורות — זאגט צו איהם דער יוד פון מיטאג, און נעהמט אונז אלע ארויס פאר דריי א זייגער, מיר זענען דאך גאט די נשמה שולדיג.

— לאז מיך נור א שטיקעל רעווירעווע הינטער די האנד ארונ־טער קריגען — וועלען מיר שוין דערנאך רעדען.

— אט גערט, גערט א רעווירעווע שרייט איינער פון די „פאר־טיע", דערזעהענדיג א רעווירעווע אויפ'ן טראטואר.

דער יונגערמאן, דער „מאכער" קוקט לאנג.

— בעקאנטער? פרעגט מען איהם.

— יא, א בעקאנטער, סטעפאן מיכאילאוויטש.

— פאזוואלטיע, פאזוואלטיע—שרייט דער יונגערמאן און מאפט מיט די הענד—ווי איינער וואס ראטעוועט זיך פון וואסער ארויס.

דער רעווירעווע קומט צו.

— גאספאדין סטעפאן טיכאילאוויטש—שטעקט דער יונגער־מאן צו איהם די האנד אויס אויף „שלום עליכם", ניע אוזנאלי?"

— א קטא טי טאקאי? פרעגט איהם דער רעווירעווע.

— יא ח־י־י־ם גאלד־מא־כער — דריקט אויס דער יונגערמאן שארף זיין נ־אמען.

— ניע זנאיו, קאקוי גאלמאכער—רופט זיך אן דער רעווירעווע

פראָווינצער יוד לויפט איינקויפען, און אהיים לאפען זיך, — ווייל די באהנען וועלען זיך שטעלען.

אַ יודינע מיט עפעל שטעהט ביי אַ לאמטערן און פערקויפט עפעליך חדר־יונגלעך.

דעם סטראַזשניק געפעהלט נישט די יודינע, אודאי „אַ אינ־טעליגענטקע", אַ „רעוואָלוציאָניסטקע", אַ קשיא אויף אַ מעשה, אַז מיר זענען געוואָרען איבערגעגעבען אויף דעם סטראַזשניק׳ס פסיכאָ־לאָגיע.

ער נעמט די יודינע.

— אַ בייזע נאַכט אויף זיין קאָפּ! איינגעשלאָסען די קינדער־לעך אין דער היים, אַרויסגעלאָפען אַ פּאָר גראָשען לייזען און אַ ברויטעל קויפען.

— יודען, געוואַלד! וואָס טהוט מען? די קינדער קענען דאָך אין דערהיים פאר הונגער אויסגעהן.

אַן עצה איז דאָ דערויף? — מיר געהען וויַטער.

— ווי לאַנג קען דער שפּאַציער דויערען?

— עס זאָל זיך לאָטש ענדיגען פאַר דריי, איך האָב מיטאָג פונקט דריי אַ זייגער. מיין ווייב וואָלט מיר דעם טויט געמאַכט, ווען איך וואָלט מיך פערשפּעטיגט. — רופט זיך אַן איינער צווישען אונז.

— איהר וועט עסען מיטאָג, ברוך השם, אָהן דעם ווייב, אין אַן אנדערע חברותא — איז איהם מבשר בשורה דער יונג פון הערינג.

— אודאי נישט דאָס ערשטע מאָל ביי איהם — טרעפען טהייל אויף דעם יונג — מיטגעמאַכט שוין אמאָל די חתונה? העַ?

— מיטגעמאַכט. וואָס דען?

— נו?

— איהר וועט פערזוכען — וועט איהר געניסען...

ביי ענדע קרולעווסקאַ גאַס האָט דער סטראַזשניק אַ יונגענ־מאַנטשיק, וואָס האָט געוואָלט פלינק אויף יענער זייט טראָטואַר דורכגעהן, אָבגעשטעלט.

— שטעה?

— איך האָב אַ פאַס, — זאָגט דער יונגערמאַנטשיק — און נ׳עהמט אַרויס אַ ביכעל פון קעשענע — „חיים גולדמאַכער".

— וסיאָ ראַוונאָ — זאָגט דער סטראַזשניק. — אין צירקעל וועט מען זעהען.

ברויט־פיהרט ער מיך גאר אין צירקעל (אוטשאסטאק) אריין — זי קעהר אין דערהיים שוין לאנג ווארטען.— זאגט דער יונג צו אונז.

— עס דערוויייל דעם הערינג אויף, מען קען דיר נאך איהם קאנפיסקירען אין צירקעל.

— אודאי וועל איך אזוי טהון, וואס דען מיינט איהר — ברעכט דער יונג דעם הערינג אויף צוויי — אפשר ווילט איהר, פעטער, פערזוכען? — דערלאנגט ער די צווייטע העלפט מיר מיט מיין שכן.

דער יוד וויל ניט.

— חאטשעש, בראט? — ווענדעט ער זיך מיט'ן האלבען הערינג צו דעם זעלנער, וואס געהמ נעבען איהם.

— דאוואי, בראט! — מאכט דער זעלנער, און נעהמט דעם הערינג אריין אין ארבעל, און זויגט איהם בעהאלטענערהייד, ווי ער וואלט א פאפיראס גערויכערט, שטעהענדיג אויפ'ן קאראאול.

— טי סטאי! — שרייט דער סטראזשניק צו א דורכפאהרענדע דראשקע, און דער זעלנער האלט שוין דאס פערד איין.

א דערשראקענער יונגערמאנטשיק, עלעגאנט געקליידעט, קוקט ארוים פון דראשקע.

— ווילעזאי — בעפעהלט דער סטראזשניק.

— גוואלד, מיין ווייב געהט מיר צו קינד, איך פאהר נאך די העבאמע, — שרייט און בעט זיך דער יונגערמאנטשיק מיט טרערען אין די אויגען.

— ניטשעוואָ, בראט, ווילעזאי — בעפעהלט דער סטראזשניק.

ער איז נעבין אראבגעקראכען פון דראשקע. א ברירה האט ער געהאט?

— זי מיז שוין געווינען — קרעכצט דער יונגערמאנטשיק.

— מזל טוב, א בן־זכר — זאגט דער יוד.

— שטעלט, פעטער, לעקעך און בראנפען.

יענע לאכען.

— א חורבן נאך דעם געלעכטער.

אזוי שפאצירען מיר איבער טווארדא נאס.

און דא לויפען מענשען, האנדלען און וואנדלען, שאפען זיך געלד, וועקסלען צו צאהלען, — א פינף זעקלעך מעהל קויפען. א

# הַקָפּוֹת;

איך בין אין גאַס אַרוים. אַ טריט צוויי=דריי פאַר מיין טהיר בעגעגענט מיך אַ פּאַטרול. דעם סטראַזשניק, וואָס האָט געפיהרט דעם פּאַטרול, האָט אַודאַי מיין מיינונג נישט געמוזט געפעלען. געהט ער צו צו מיר און מען נעהמט מיך אין מיטען אַריין און מען הייסט מיר געהן. געה איך. אַ מינוט בין איך אַ בן יחיד; באַלד געהט דורך אַ צווייטער יוד, און האָט זיך אומגעקוקט הינ=טער זיך, דער סטראַזשניק האָט עס בעמערקט, געגעבען אַ ווינק צו אַ זעלנער, ער זאָל איהם הייסען מוחל זיין. און מיר געהען שוין געפּאָרט.

– שלום עליכם, אַ יוד.

– עליכם שלום, פעטער.

– אָבגעדראַוועט, אָנגעביסען און געגאַנגען אין גאַס אַרוים–מוכן ומזומן אַ גראָשען געלד פערדינען. דאָס ווייב וואַרט מיט'ן מיטאָג אויף מיר, האָסט דו דיר אַ התונה, זייער קאָפּ זאָל אַזוי שטעהן צו טאַנצען, ווי מיינער שטעהט מיר יעצט מיט זיי שפּאַצירען צו געהן.

– וואָס קענען מיר טהון?

– אַז מיר זענען אין גלות–לייגט ער צו. – אָבער ווי לאַנג קען ער אונז פיהרען?

– ווי לאַנג עס וועט איהם געפעלען.

נישט לאַנג זענען מיר געווען אַ פּאָר'ל. מיר דערזעהען אַ דריטען צווישען זיך; געוועזען איז עס אַנ'אַרבייטער=יונגעל מיט אַ פּעקעל אין דער האַנד.

– שליעדושאַ מאַם (איך האָב אַ הערינג) – ווייזט דאָס יונגעל דעם סטראַזשניק דעם אויפגעוויקעלטען הערינג, פון וועלכען ס'האָבען געריגען טראָפּען זאַלץ.

ניטשעוואָ, אידי, אידי!

– מיך האָט די מייסטערין געשיקט נאָך אַ הערינג מיט אַ

— מה־יפיתניק?

האָט דער צווייטער איהם אָבגעענטפערט:

— בורזשואי!

איז דאָרט, אין בית־המדרש אַרויסגעקומען אַ „חתונה“...

טאַקי אַ מהומה וואָס זיי, די „אַחדות“־לייט, רופען עס „דיסקוסיע“...

---

די „אַחדות“־לייט האָבען אַזאַ חורבן אָנגעמאַכט אין שטעדטעל, אַז אויב אַ טאַטע האָט צוויי זיהן, מוז איינער זיין — אַ בורזשואי, דער צווייטער — אַ מה־יפית׳ניק.

און עס מאַכט זיך, אַז זיי קומען זיך צוזאַמען ביי׳ם טיש צום מיטאָג, מאַכט איינער צום צווייטען מיט׳ן טאָן פון זיין „אַחדות“־מאַן:

-- איהר מה־יפית׳ניקעס, וואָס האָט נישט דאָס דרייסטיגקייט צו פערלאַנגען קולטורעלע אויטאָנאָמיע פאַר׳ן יודישען פאָלק.

רופט זיך דער צווייטער אָן מיט דעם טאָן פון זיין „אַחדות“־מאַן:

— איהר בורזשוען, ציוניסטען־שאָוויניסטען, וואָס זענט דער שונא פון פראָלעטאַריאַט און קומט צו פערטונקלען דעם קלאַסען־קאַמפף.

און עס פאַלט אַ לעפעל פון איין זייט.

און עס פאַלט אַ טעלער פון דער צווייטער זייט...

און דאָס הייסט אויף „אַחדות“־לשון: „דיסקוסיע“...

האָבען די קרעמער נישט געוואוסט, וואָס צו טהון. האָבען זײ די קרעמלעך אָפען געהאַלטען—איז געקומען צולויפען אַ „אחדות׳ניק" פון צר טבנגרו און האָט די טהירען פערקלאַפּט; האָבען די קרע־מער די קרעמלעך געהאַלטען פערמאַכט—איז געקומען צו לויפען אַ „אחדות׳ניק" פון יענעס צר, און האָט די טהירען אויפגעריסען...

די „אחדות׳ניקעס" האָבען זיך בשום אופן נישט געקענט אויס־גלייכען. (ראַכט זיך, זײ האָבען בײדע געוואָלט עפּעס אײנס, נאָר דער האָט געזאָגט אַזוי, און יענער האָט געזאָגט אַזוי—) זענען זײ אַוועק אין בית־המדרש אַרײן צו האָבען אַ „דיסקוסיע" פאַר׳ן גאַנ־צען עולם.

אין בית־המדרש אויפ׳ן בעלעמער איז געשטאַנען אַ יוד אַ מגיד און האָט געהאַלטען, צווישען מנחה־מעריב, אַ דרשה פאַר׳ן עולם. דער מגיד האָט פערצעהלט פון חבלי־משיח און אויסגע־טײַטשט אַ פסוק פון ישעיה. זענען אַרײַן די אחדות־לײַט, אַרויף אויפ׳ן בעלעמער און פערמאַכט, נעבּיך, דעם מגיד דאָס מויל, און זײ האָבען אָנגעהויבען צו האַלטען דרשות! און אײן „אחדות"־מאַן האָט אַזוי געזאָגט:

— הערט נישט, יודען, וואָס זײ, די ציוניסטען־שאָוויניסטען (אויך אַ נײַ וואָרט אָחן אַ טײַטש) וואָס זײ זינגען אײַך זײער טע־ריטאָריום־ליעדעל. דאָס זענען ריכטיגע בורזשועז וואָס זײ זענען די גרעסטע שונאים פון פראָלעטאַריאַט, וואָס קומען נאָר פערטונקעלן דעם קלאַסען־קאַמפף. — קענט איהר מיר אפשר זאָגען, וואָס דאָס איז דער טײַטש?

און דער צווײטער „אחדות"־מאַן האָט אַזוי געשריען צום עולם.

— לאָזט אײַך יודען נישט פערפיהרען פון די מה־יפית׳ניקעס, וואָס האָבען נישט דאָס דרײַסטיגקײט צו פערלאַנגען קולטורעלע אויטאָנאָמיע פאַר׳ן יודישען פאָלק. דאָס זענען מה־יפית׳ניקעס, וואָס קריכען הינטען אַרום... זעהט — וואָס איז דאָס?

נאָר די יודען האָבען נישט געהערט נישט די „מה־יפית׳ני־קעס" נישט די „בורזשועז", וואָרום זײ זענען זיך אַלע צולאָפען וואו דער פעפער וואַקסט.

נאָר די „אחדות"־לײַט זענען געשטאַנען אײנער אויפ׳ן בעלע־מער, און דער צווײטער אויף די טרעפּלעך פאַר׳ן אָרון־קודש, און אײנער האָט געפרעגט אַ קשיא:

„אַחדות=מאַן" פֿון די ס׳מכ׳ן) נעהמען זיך נישט אונטער די אָרים און שפּאַצירען נישט געאָרימטערהייד איבער דעם מארק צווישען די ביידע אלעען. די „אַחדות׳ניקעס"–דערזעהענדיג, אַז די „גענעראַלען" געהען געאָרימט–שטילען זיי זיך איין, און יעדער געהט צוריק אין זיין „בערזע" אריין...

---

מיט אַ מאָל איז אָנגעקומען אַ טאָג, וואָס איז געווען דער טאָג „פֿון דעם פֿעהנדיל".

דאָרט אין די גרויסע „מקומות" האָט עפּעס וואָס געמוזט געשעהן. וואָרום באַלד אין דער פֿריה האָבען זיך געפֿעדערט די אַחדות=לייט, אָנגעטהון נאָר יום=טוב׳דיג, מיט רויטע בענדלעך אויף די קלאַפּעס, און האָבען זיך געדרעהט=אַהין, געדרעהט זיך=אַהער. מיט אַמאָל האָבען זיי אַרויסגעבּרענגט דאָס „פֿעהנדיל", איז עס געווען אויסגעפּיצט און אויסגעשלייערט; האָט מען עס אַרומגערינגעלט און אָבגעהיטען ווי אַ ספר=תורה׳לע להבדיל. געגען זיי איז אַרויס פֿון דער צווייטער „בערזע" די צווייטע חברה „אַחדות׳ניקעס" אויך מיט זייער פֿעהנדיל און זייער אַחדות=מאַן. האָבען זיך די ביידע „פֿעהנדליך" צוזאַמען געטראָפֿען אין מיטען מארק ביי דער פּלומפּ. די חברה „אַחדות=ניקעס" – האָבען געזונגען אַזאַ ליעד, און די צווייטע חברה אַחדות׳ניקעס האָט געזונגען אַנ׳אַנדער ליעד. אַזוי ווי זיי האָבען זיך צוזאַמענגעטראָפֿען האָט יעדער חברה גע=וואָלט איהר „פֿעהנדיל" פֿאָראויס אַרויסשיקען. און זיי האָבען זיך אַזוי אָבגעשטופּט איינס דאָס צווייטע, ביז זיי זענען אָנגעקומען פֿאַר דער קאַנצעלאַריע. דאָרט האָט יעדע חברה אַנידערגע=טעלט אַ טיש, אויף וועלכען עס איז אַרויף אַ „אַחדות=מאַן" און האָט אַ דרשה געהאַלטען פֿאַר זיינע אַחדות=לייט. דער צוויי=טער „אַחדות=מאַן" האָט איהם פֿון זיין טיש אַריבער אַ קשיא געפֿרעגט, האָט יענער איהם פֿון זיין טיש אַ תירוץ געענטפֿערט. איז דער תירוץ דעם צווייטען נישט געפֿאָלען און אַזוי ווייטער. האָט זיך געמאַכט טאַקי „אַ זוינס", וואָס די „אַחדות"=לייט רופֿען עס „דיסקוסיע"... דאָס הייסט אַ פּנים, אַ מהומה.

און אַזוי איז געגאַנגען ווייטער:

האָט איין „אַחדות"=חברה געהייסען, מען זאָל די געוועלב=לעך צומאַכען, האָט די צווייטע חברה געזאָגט: טאַקי נישט!

זיך צוזאמען יעדען פארנאלט און סוד'ען זיך און שושקען זיך, און שטעקען עפעס איינער דעם צווייטען אין האנד אריין.

נאר ניט לאנג זענען זיי געווען איינ-אונ-איינציג אין שטעד-טעל. עס איז דאך יודען, מוז עמיץ באלד משיג גבול זיין... איז אנגעקומען און עס האט זיך געוויזען אין שטעדטיל א צווייטער „אחדות"-מאן נאר פון א אנדערער חברה „אחדות". און דער האט זיך אויך אנגעהויבען צו סוד'ען און צו רוימען מיט די געזעלען. און זיי אויך גערופען אין וואלד אריין אונטער דער שטאדט. און ער האט זיך אויך געוויזען און איז פערשוואונדען און ווידער א מאל זיך געוויזען און פערשוואונדען ווי יענער „אחדות"-מאן ביז עס איז ניט אוועק א שטיק צייט, און עס איז שוין דא אין „שטעד-טעל" נאך א חברה „אחדות'ניקעס" מיט א בעזונדער „פעהנדיל" מיט איין אנדערן שפרוך, וואס אויך איהם האט קיינער ניט גע-קענט איבערלעזען.

האבען יענע חברה „אחדות'ניקעס" אבגענומען די צווייטע אלע פון נייען-מארק, פון דער לינקער זייט, און האבען דעם ארט א נאמען געגעבען די „בערזע" פון די „צוויי ס'מלען".

ווערט טיילמאל א וכוח צווישען די צוויי אלעע'ן — זאל גאט דער איינציגער אויסהיטען. נאר די פענסטער צו פערמאכען, די טהירען צו פערקלאפען און אונטער'ן איבען זיך צו בעהאלטען...

און פון אנדערע גרעסערע מקומות ווערען צוגעשיקט צו אונז אין שטעדטיל פאר די „בערזעס" עפיס אזאלכע „קוויטלעך", וואס אין די „קוויטלעך" ווערט אויסגערעכענט פון אלעס גוטען, וואס א הארץ קאן זיך נאר פערגליסטען... און יעדע „בערזע" האט זיך איהרע „קוויטלעך". זירעלט איין „בערזע" אויס די צווייטע... און אז עס קומט אראבגעשיקט „קוויטלעך" אין איין „בערזע" אריין, ווערט די „בערזע" לעבענדיג און שטעלט אויס די אויגען מיט די „קוויטלעך" די „אחדות'לייט" פון דער צווייטער „בערזע": אז ביי זיי אין די „קוויטלעך" שטעהט אזוי און אזוי, און ווילען איבערדבר'ן די „אחדות'ניקעס" פון יענע „חברה", זיי זאלען איבערגעהן צו זייער חברה... נו... ווערט דארט א מחיה... פאלען דארט פעטש... פליהען דארט שטיינער פון איין „בערזע" אין דער צוויי-טער אריין... און עס שטילט זיך ניט איין, ביז עס נעהמען זיך ניט ביידע „אחדות-לייט" (דער „אחדות-מאן" פון „בונד" און דער

דאָס אַליין האָט מיטגעבּרענגט מיט זיך דער אחדות־מאַן פון לאָדז.

אַמאָל האָט ער מיטגעבּרענגט דעם שטעדטעל אַ מתּנה—אַ רויט פעהנדיל, אויף דעם פעהנדיל איז געשטאַנען אָנגעשריבּען אויף עברי־כּתב, עפּעס אַזאָלכעס, וואָס קיין יוד פון שטעדטיל האָט נישט געוואוסט, ווי דאָס מאַכט...

און אין אַ שיינעם העלען טאָג, עס איז אין שטעדטעל קיין חתונה, קיין לויה, קיין שרפה נישט געווען, ווערט אַ גרויס „געַ־שטעהע" אין מאַרק. אַלע שניידער־יונגען, אַלע שוסטער־יונגען, אַלע טישלערס, אַלע קאַמאַשען־מאַכער געהען פון איין עק מאַרק אין צווייטען. פאָראויס פאַר זיי געהט דער אחדות־מאַן פון לאָדז, און האַלט אַ רויט „פעהנדיל" אין דער האַנד, און מען זינגט עפּיס אַ ליעד מיט יודישע ווערטער, וואָס קיינער פערשטעהט נישט וואָס דאָס איז.

דאָס שטעדטעל איז נשתּומם געוואָרען, בּעלי־בּתּים האָבּען נישט געוואוסט, מיט וואָס מען עסט דאָס...

. טוליפּאַן איז געשטאַנען פאַר דער טהיר פון דער גמינע און, דערזעהענדיג, אַז אַזוי פיעל יודען געהען מיט אַזאַ מין פעהנדיל—האָט ער געמיינט, אַז זיי געהען דאָס אַקעגען דעם גרויסען „ראַבּין", וואָס איז דאָ פאַר אַ פּאָר אַ דורכגעפאָהרען. און קומט אודאי יעצט צוריק. דענסמאָל האָט מען בּראָנפּין געטיילט, און טוליפּאַן האָט אויך פערזוכט, האָט ער געחאַפּט די פּויק אין איין האַנד, דעם גרעגער אין צווייטער האַנד, און איז פאָראויס פאַר'ן פעהנדיל געגאַנגען—קלאַפּענדיג אויף דער פּויק און גראַגערענדיג מיט'ן גרעגער.

פון דענסמאָל אָן איז אין שטעדטעל צוגעקומען נאָך אַ יום־טוב. דאָס איז דער יום־טוב „ווען מען געהט מיט'ן פעהנדיל"...

---

און איין אָרט האָבּען זיי זיך אָבּגעקליבּען די „אחדות־לייט", וואו זיי זאָלען זיך צוזאַמען־קומען, נישט אַנדערש נאָר אונטער די בּיימער פון דער רעכטער זייט פון נייעם־מאַרק, און האָבּען אַ נאָמען געגעבּען דאָס אָרט די „בּערזע פון בּונד". דאָרט קומען זיי

דער יד אַריין, און וואַרפט אַ וואָרט, וואָס דו קאָנסט עס באין אופ'ן נישט נאָך זאָגען, וואָס לעגט זיך גאָר נישט אויף דער צונג און דאָס גוט יאָהר ווייסט, וואָס דאָס בעדייט.

אַמאָל אין אַ שענעם פרייטאָג גיעט זיך דאָס שטעדטעל אַ חאַפּ־אויף — עס איז נישט דאָ קיין חלות. וואָס איז? די בעקער־יונגען האָבען קיין חלות נישט געבאַקען. נישט דאָ קיין חלות איז נישט, שיקט מען נאָך זעמעל. עס זענען אָבער קיין זעמעל אויך נישט דאָ — שיקט מען נאָך ברויט, מען קריגט קיין ברויט אויך נישט. וואָס איז די מעשה? די בעקער־יונגען האָבען דעם אויבען נישט געהאַט! מען האָט נישט געאַרבייט. ווי הייסט? זיי זענען קראַנק געוואָרען די יונגען? ניין, קראַנק זענען זיי נישט געוואָרען; זיי דרעהען זיך אַרום פוסט און פּאַס צווישען די ביימער, ווי חול־המועד... „מאָרגען" — זאָגען זיי, וועט דער „קאָמיטעט" צושטעלען „פאָדערונגען". וואָס פאַר אַ „קאָמיטעט"? וואָס פאַר אַ „פאָדערונגען"? „וועט איהר לעבען — וועט איהר זעהען"... געענוג, דאָס שטעדטעל האָט דעם שבת נישט געהאַט איבער וואָס זיך צו וואַשען, און אויף דער נייער וואָך איז צוגעקומען אַ ניי־וואָרט אין שטעדטעל אַריין, אַז מען באַקט אויף שבת קיין חלה נישט — הייסט עס אויף בעקער־לשון: „שטרייק"...

דערנאָך איז מען געוואָר געוואָרען, אַז אויף שניידער־לשון און אויף שוסטער־לשון הייסט נישט אַרבייטען — „שטרייקען"...

האָט זיך געמאַכט ביי אונז אין שטעדטעל אַ מעשה מיט אַ „קאָמיטעט". אוים סאָנד, 1) אוים סטראַזשניק. אוים בית־דין־שטוב, אוים רב. האָט אַ יונג מיט אַ מייסטער אַ דין־תורה־פאָדערט ער איהם אין „קאָמיטעט" אַריין. וואו איז דער קאָמיטעט? וועט איהר שוין זעהן, קומט מיט מיר. געהט דער מייסטער מיט'ן יונג. פיהרט דער יונג איהם צו אַ פלויט צו אין אַ הינטער־געסעל: „דאָ איז דער קאָמיטעט, שטעהט אַ מינוט און מען וועט אייך לעזען די פאָדערונגען" און עס ווייזט זיך אַ צווייטער יונג מיט אַ פאַפיר אין די הענד. דער „קאָמיטעט" האָט בעשלאָסען אַזוי און אַזוי, און געה שריי חי וקים!

---

1) סוד,

דער־געזעלען מיט די דינסט־מיידלעך ... — מען שפּאַצירט!

אָבער ווער האָט זיך געוואָלט רעכענען, אַז דער פּריץ וועט פלאַנצען ביימער — אויף „בערזעס“ פאַר אַחדות׳ניקעס? ...

איז דאָס ביי אונז אַ „שטעדטעל“ געוואָרען! עס האָט זיך נישט צושעמען פאַר די גרעסטע שטעדט ... און בראָש האָבען זיי עפּעס נייע נעמען געקריגען, „בערזעס“! זאָל דיר זיין אַ שטאָדט מיט „בערזעס“ ...

עס איז אַראָב געקומען צו אונז אין שטעדטיל אַריין אַ „אַחדות־מאַן“ פון לאָדז. מן־הסתם, אַז עס ווייזט זיך אַ יונגער מאַן „דייטש“ געקליידעט, ווערט מען ביי אונז נייגעריג צו וויסען: פון וואַנען קומט אַ יונגער־מאַן? צו וואָס איז געקומען דער יונגער־מאַן? אַוודאי תבואה קויפען. מילא, און אַוודאי נאָך אַ בחור. הייבט מען איהם אָן שדוכים צו רעדען, און מאַמעס מאַכען די מיידלעך נייע קליידלעך. אונזער יונגער־מאַן הערט אַלץ צו און שאָקעלט אַלץ צו מיט׳ן קאָפּ. תבואה־קויפען? יאָ. אַ שדוך טהון? יאָ. אפשר ווילט איהר מיט איהם איבער אַ תוספת׳ל רעדען — רעדט ער. נאָר איין צרה! דאָ ווייזט ער זיך, דאָ ווערט ער פערשוואונדען .. דאָ שטעלט ער זיך, דאָ מעקט ער זיך ... דאָ איז ער דאָ, אַ מינוט אַרום — יאָג נאָך דעם ווינד אין פעלד ... ווי הייסט איהר פעטער? — אַ נאָמען. וואו וואָהנט ר׳ קרוב, ? — אין אַ שטוב. און געה האָב מיט אַ זאָלכען געשעפטען ...

נאָר זייט דער „אַחדות־מאַן“ האָט זיך אין אונזער „שטעדטעל“ געוויזען, האָט זיך אָנגעהויבען רעדען צווישען די שניידערישע געזעלען און צווישען די שוסטער־געזעלען. ביי אַ ווערק־שטעל וואו הערט איהר שוין קדושה זאָגען אָדער אַ לכה־דוד׳הלע? אָדער, גאָר, להבדיל, אַ ליבעס־ליד מיט אַ פייגעלע מיט אַ פריידעלע? עפּעס נייע־מאָדנע לידער, עפּעס „מיתה־משונה׳דיגע“ ווערטער, וואָס שטעהען אפילו נישט אין שמ״ר העכסט אינטערעסאַנטע ראָמאַנען.

וואו האָט איהר דעם שבת, וואָס פלעגט זיין ביי אונז אין שטעדטעל? אויס ליבע־שפּילען, וואָס אין סעדער געוועזען; אויס. טייגלעך־מאַכען און אויס אין ניס־שפּילען. יונגען זענען סאַמע צדיקים געוואָרען. קומט אַ שבת, ווערען „דאָס“ ערגעץ וואו פערפאַלען ... אין טיעפען וואַלד ... עס קומט צוריק פון דאָרט און עס סוד׳עט זיך, און עס קאָכט זיך, און איינער שטעקט עפּעס דעם צווייטען אין

# צְוֵויי אַלֶעֶן.

איִז דאָס בּיַי אונז איִן שטעֶדטעֶל אַ מחיה געֶוואָרעֶן; חעֶרט איִהר, פּרעה האָט עֶס אַפִילוּ איִן חלום ניִשט געֶזעֶהעֶן. עֶס איִז דעֶן צו פֿעֶרצעֶהלעֶן?

פֿעֶרהאַן בּיַי אונז איִן שטעֶדטעֶל אַ נייַעֶר מאַרק. זעֶנעֶן דאָרט איִן דעֶם נייַעֶם מאַרק פֿאַר די הייַזעֶר בּיימעֶר פֿעֶרפֿלאַנצט. די בּיימעֶר דאָס זעֶנעֶן ידי־עשו, געֶוועֶן בּיַי אונז אַ נאַטשעֶלניִק איִן שטאָדט — האָט עֶר אַ גזרה אַרויסגעֶגעֶבּעֶן.

איִן אַ שעֶנעֶם פֿריִה־מאָרגעֶן נעֶהמט טוּליִפּאַן דעֶר סטרוזש פֿון ראָטהויז און טהוט זיִך אָן דעֶם הוט מיִט די רויטעֶ קאַנטעֶן, נעֶהמט די פּויק אונטעֶר די אָרים און געֶהט אַרויס איִן מאַרק אַרייַן און פּויקט. מייַנט מעֶן, עֶר פּויקט אויפֿ'ן יאָהר־מאַרק. נעֶהמט אָבּעֶר טוּליִפּאַן און לייֶעֶנט אַ גאַנצעֶ מגילה, וואָס? דעֶר נאַטשאַלניִק האָט געֶהייסעֶן פֿלאַנצעֶן בּיימעֶר פֿאַר די טהיִרעֶן!

לאַכט מעֶן איִהם אויס. וואָס אַ פּריִץ קאָן איינפֿאַלעֶן? מילא, מעֶן איִז דאָך ניִשט מחויב בּאַלד מקיים צו זייַן. שלעֶפּט מעֶן זיִך אָפּ: הייַנט, מאָרגעֶן. וואָס טהוט אָבּעֶר עשו? נעֶהמט עֶר איִן אַ שעֶנעֶם פֿרייַטאָג נאָך־מיִטאָג און פֿעֶרחתמנ'ט די מקוה.

ווערט אַ געֶוואַלד איִן שטאָדט, לויפֿעֶן צו איִהם בּעלי־בּתים... שרייַ חי וקים „וועֶט איִהר פֿלאַנצעֶן בּיימעֶר פֿאַר די הייַזעֶר–עֶפֿעֶן איִך די מקוה אויף"–זאָגט עֶר–„אַז ניִשט – ניִשט". אַ ישוב אַהיִן, אַ ישוב אַהעֶר.–

ווייַבּעֶר קריִכעֶן דעֶרווייַל דורכ'ן דאַך פֿון מקוה–מעֶן האָט געֶמוזט נאָך־געֶבּעֶן דעֶם פּריִצ'ס משוגעת און געֶפֿלאַנצט בּיימעֶר פֿאַר די הייַזעֶר. אַ חילניִת אַ ווייַבּ האָט עֶר געֶהאַט, האָט זי פּריִשעֶ לופֿט געֶדאַרפֿט, טהו עֶפּעֶס! נו, בּיימעֶר וואַקסעֶן דאָך, איִז געֶוואָרעֶן אַ שפּאַציִער צוויִשעֶן די בּיימעֶר: סוחרים, וואָס קומעֶן צו־פֿאָהרעֶן און שטעֶהעֶן אייַן איִן „צוקעֶרניעֶ", דעֶם נגיד'ס טעֶכטעֶר און גלאַט גוים און גויות. און שבּת פֿעֶרנאַכט–שוסטעֶר־און שנייַ־

פריה. יעדער בעל־הבית האט זיך אנגעטהון אין זיין שבת'דיגע קאפאטע, די שטיוועל מיט עהל אויסגעשמירט, דעם בארד אויס־געקאמט און זיך פאר זיין הייזעל מיט זיין פראשעניע געשטעלט ווארטען אויפ'ן גובערנאטאר.

א צוויי שעה זענען די בעלי־בתים געשטאנען און האבען געווארט. דער סטראזשניק אין פאלנע פארם איז ווי א זעלנער פאר דער קאנצעלאריע געשטאנען, געוואונקען און געמאכט מיט די הענד צו די ארומיגע יודען. דער שרייבער איז יענעם טאג אין קאנצעלאריע געוועזען און פון דער פאסט האט מען די וועש ארויסגעטראגען.

געשטאנען זענען די בעלי־בתים אין דער גאס און האבען געווארט — און האבען זיך גע'חזר'ט די שפראך, וואס דער שריי־בער האט זיי אויסגעלערנט, ווען זיי וועלען צוגעהן די פראשע־ניע אבגעבען — און האבען זיך די בערד מיט די פינגער גע־קעמט.

יעדעס מאל האט מען זיך דערשראקען, ווארום א יונג האט געשריען: ער פאהרט! ער פאהרט!

און פלוצלונג איז ווי א בליטץ א קארעטע, אין צוויי פאר פערד געשפאנט, מיט גרויס רעש און נעאייל דורכ'ן מארק דורכ־געפאהרען. אין די קארעטע זענען צוויי עפעס געזעסען, איי־נער אין א ווייסען און איינער אין א רויטען הוט.

— שוין!

און די בעלי בתים האבען אפילו ניט געוואוסט, וועל־כער איז דער גובערנאטאר: צי דער אין רויטען הוט, צי דער אין ווייסען?

און דערנאך, אז די בעלי בתים האבען א קוק געווארפען אויף די הייזלעך האבען זיי נעבאך אין זייערע אויגען אויסגעזעהן ווי אנ'אויסגעפוצטע כלה, וואס דער חתן איז פון איהר אנטלאפען. טאקי געלוינט זיך צו פוצען: נאך וואס, נאך ווען? האבען די בעלי־בתים געקרעכצט.

און ווער ווייסט, ווי לאנג קאזעמער וועט די „נייע קאפא־טע" טראגען? !...

דורכפאהרען, ער וועט זיך זיצען ברייט אין זיין קארעטע, ארויסווארפען א בליק אויף ר' מרדכי אהרן'ס הייזעל: א, וואַ, געבען א פרעג די „צווייטע האנד": וועמעס איז דאס הייזעל? דער צווייטער וועט געבען א פרעג דעם נאטשאלניק, דער נאטשאלניק דעם וואיט, דער וואיט דעם שרייבער און דער שרייבער וועט געבען אן ענטפער: מורדכו אהרונו.

„פאריאדאטשני יעוורעי", וועט דער גובערנאטאר געבען א רוף, „לאז מען עס מיר איינשרייבען אין מיין ספר זכרון". און אמאל וועט זיין „בלילה ההוא נדדה שנת המלך" אין יענער נאכט איז פערוואגעלט געווארען דער שלאף פון קעניג, ויאמר להביא את ספר הזכרונות — גיט ער א בעפעהל זיך צו ברענגען דעם ספר הזכרונות, וימצא כתוב און עס וועט ווערען געפונען געשריבען, אז מרדכי אהרן ... און מרדכי אהרן האט א זוהן, וואס אין צוויי יאהר ארום דארף ער שטעהן צו'ם פריזיוו ...

און „פראשעניעס" האבען זיך יודען אנגעגרייט: יעדער האט אויסגעזוכט לאנגע פערשפיעלטע ספראוועס. ווער עס האט נאר וואס געקאנט האבען א שטיקעל פראטענזיע, איז צו לייזער אהרן דעם שרייבער געקומען. עס איז געוועזען דענסטמאל לייזער אהרן דעם שרייבער'ס יריד. לייזער אהרן אין די ברילען אויף דער נאז, צומאכענדיג אן אויג און גוט איינקנייטשענדיג דעם שטערען, האט יעדען אויסגעהערט און יעדען בעזונדער האט ער א סוד איינגערוימט, אז פאר איהם דירעקט וועט ער נוט נאכזוכען אין די זאקאנעס, ער פלעגט טאקי בשעת מעשה ארויסנעמען פון אלמער א בעפלעקט גראב ביכעל ווי א סדור פון אנאלטען יודען, וואס שמעקט טאבאק, און ציטערענדיג פלעגט לייזער אהרן אין די בלעטלעך מישען, און עפעס אליין רעדען צו זיך. דערנאך פלעגט ער נעמען די פעדער, דריי מאל זי מיט די ליפען נאס מאכען — און געקיצעלט זיך אויף א "Ero„ און פערזיכערענדיג דעם בעל-הבית, אז די פראשעניע וועט מוזען „פא זאקאנו" ווערטער רעדען, פלעגט ער זיך פערטיעפען אין שרייבען.

---

אין דעם יעניגען טאג, ווען דער גובערנאטאר האט געיאלט דורכפאהרען, האבען קאזמערער יודען זיך צו נעגרייט גאנ

האָט זיי פערשלאָפּען. איצט־האָבען זיי אַלע געקענט בעווייזען זייער קענטעניש און יעדער „אומן" האָט ביי די הייזעלעך זיינע „דריי־דעלעך" געמאַכט. איין האַלב הייזעל איז געוואָרען רויט אָבגע־פאַרבט, דאָס צווייטע האַלבע בלוי און ביים דאַך איז געוויזען אַ מין קרענצעל בלוי אויף רויט און ביי די פענסטער איז עס אין אַ ראָד געגאַנגען אַראָב. טייל האָבען אויסגעצייגט זייער השלמה ביים בוידעם־לאָך: דאָס רונדיגע לאָך, וואָס שטעהט העכער איבער אַלע פענסטער, איז עפּעס מסוגל דערצו. די קאַזמערער הייזלעך האָבען ווי געשמייכעלט איבער זיך אַליין... מען נעהמט אַ זקן, וואָס דער קאָפּ איז איהם פערטהון, און ציערט איהם אויס מיט „דריידעלעך" און „שמאָלטעלעך". די ווענד האָט מען אָבגעפאַרבט, דאָס הייסט, אַ קנייפּ זיך אין באַק געגעבען, אז זי זאָל רויט זיין, אָבער די דעכער ווינקען מיט די לעכער אַראָב... אַזוי איז מיט אמאָל קאַזמער פערענדערט געוואָרען, אַראָבגעוואָרפען פון זיך די „קאַפּאָטע", וואָס צעהנדליגער, צעהנדליגער יאָהרען האָט זי אויף זיך געטראָגען, דורכגעלעבט מיט זיי אי פרייד, אי לייד, מיט־געטאַנצט אויף אַלע חתונות, און מיטגעטרויערט מיט אַלע אבלים, אַזוי, אז די קאַפּאָטע איז שוין אַ שטיק פון גוף געוואָרען – און מיט אמאָל נעהמט מען די קאַפּאָטע און מען טהוט זי אויס, מען וואַרפט זי אַוועק און מען טהוט זיך נאָך אַנ׳אַנדערע אָן...

און ווער ווייסט, וואָס פאַר אַ צייטען וועט די נייע קאַפּאָ־טע אַ דורך לעבען. איך שטעל מיר פאָר די לבנה, אז נאָך דעם מולד וועט זי אַ האַלב אויג עפענען און געבען אַ בליק אויף איהר אַלט בעקאַנט קאַזמער, וואָס יאָהרען, יאָהרען קענען זיי זיך שוין בייזאַמען, זי קוקט אַראָב און בעגלענצט איהרע דעכער און קאַזמער קוקט אַרויף און פרעגט נאַרישע קשיות... און עס דאַכט, אז קאַזמער רעדט זיך פאַר דער לבנה איהר טרויעריג האַרץ אויס אין דער שטילער נאַכט... און מיט אַ מאָל וועט די לבנה גע־בען אַ בליק אויף קאַזמער: „וואָס איז דאָס? וואָס טהוט זיך דאָס מיט די אַלטע? אויסגעפוצט זיך?" גאָט מיינער, וואָס פאַר אַ מינע וועט די לבנה מאַכען?!

קאַזמערער בעלי־בתים זענען פאַר די הייזלעך געשטאַנען, געקוקט און געקליבען נחת: אויפגעלעבט, אויסגעפוצט, און עס טראַכט זיך אַ קאַזמערער בעל־הבית: אָט וועט דער גובערנאַטאָר

„בהיות, אַזוי ווי דער גובערנאַטער האָט אַרײַנגעשיקט אין די „פּאַפּירען", אַז ער האָט בדעה אין דעם יאָהר, אין דעם חודש, אין דעם טאָג און אין דער שעה דורך דאָס שטעדטיל דורכצופאָהרען, על־כן זאָלען די בעלי־בתים אויספּוטצען דאָס שטעדטיל, די אָבגעפּליקטע ווענדטליך מיט ליים בעקלעפּען און אָבווײַסען; די געוועלבער־טהירען אָבפאַרבען און פאַר די שוועלען מיט זאַמד אויסשיטען — און די בלאָטע אין גאַס אויסרײַניגען. אויסער דעם זאָל מען דעם טאָג, וואָס דער גובערנאַטאָר וועט זײַן, די שעפער אין די גאַסען נישט גיסען און דאָ וועט נישט העלפען און פועל'ן קיין שום „כופר", נאָר „פּאָ זאַקאָנו" זאָל עס ווערען אויסגעפיהרט אַזוי און אַזוי"...

ווי דער שרײַבער האָט דאָס פּאַפּיער געהאַט נאָר דורכגעלעזען, איז אַ גרויסע מהומה אין שטעדטיל געוואָרען: יודען חוקרים זענען אויף דער באַנק פאַר ר' דוד לייב'ס טהיר געזעסען און מען האָט געשמועסט פון מלחמות, — אַז דער רוס הייבט אָן מיט'ן טערק און דאָס איז די מעשה... יוסיל אָרעלס, אַ יוד אין אַ פּאָר ברילען, דאָס איינציגע „פּאַפּיערענע קראַגענדעל" אין קאַזמער, וואָס דרעהט זיך אַ גאַנצען טאָג אין גאַס אַרום און לאַכט אויס די גאַנצע וועלט — האָט אויך איצט געלאַכט און זײַן דינינקעס שמייכעל, וואָס האָט זיך טרויעריג פערצויגען איבער זײַנע דינע ליפּען, פון זײַן דינעם קלײַנעם געזיכט — האָט, דאַכט זיך — ווי בעהאַלטען אין זיך דעם סוד פון דעם גובערנאַטאָר'ס קומען, נאָר די נאַראָנים זענען עס נישט ווערט צו וויסען...

און מיט איין וואָרט, מען האָט זיך גענומען צו דער אַרבייט: אין שטעדטעל האָט זיך געקאַלעכט קאַלך, קאַלך און קאַלך... טונען, פּעסלעך, שעפּלעך זענען פאַר יעדען הויז געשטאַנען, יעדער בעזעם האָט פאַר אַ פּענזעל געדיענט, און יעדער, וואָס האָט נאָר אַ האַנד געהאַט דעם צו האַלטען און אַ פוס אויף די לייטער צו קריכען, איז אַ מאַליאַר געוואָרען. אין גאַס האָט מען נאָר געזעהען פערקאַלעכטע ווײַבער, פערקאַלעכטע קינדער...

אין ענין מאַלערײַ, האָט יעדער דאָ אַרויסגעוויזען זײַנע „קונצלעך". עס האָבען זיך אויפגעוועקט די פערשידענע „אומן יד'ס", „מושלמים", וואָס אין בחור'שער־צײַט האָבען זיי מיט זייער בריה־שאַפט אין דער וועלט געקלונגען און וואָס נעביך די פּרנסה

דעם מארק, בשעת אין פאסט שטעהט א גויה און וואשט וועש...

נאר דער פעלדשער, דער פעלדשער דער אכזר, דער האט „א פלייה אין דער נאז“ – פאלט איהם גאר איין, לויפט ער אין די חדרים און שטעלט אלע חדר-יונגלך פאקען. די מאמעס מוזען די 50 קאפ. צאהלען און די חדר-יונגלעך מיט אויסגעטהוענע ארבלען און פערבונדענע העגד לויפען אין מארק ארום, און ווילען אין חדר נישט געהן.

און אזוי איז זיך קאזמער – קאזמער, מיט גאטס-הילף, די הייזעלעך אין די „תחתונים“ קוקען איינס דאס צווייטע אן, די בעלי-בתים דרעהען זיך אין מארק ארום, ביי דער פלאמפעל, און דער בארג שטעהט צו קאפענס דעם שטעדטיל. ער קוקט זיך אלץ צו און שווייגט...

---

אמאל אין א שענעם פריה-מארגען, בשעת די חדר-יונגלעך זענען נאכ'ן אנבייסען מיט די בייגעל אין חדר געגאנגען, לאזט זיך פלוצים פון דער פאליציי דער סטראזשניק ארויס אנגעטהון אין „פאלנע-פארם“, מיט די צוויי אויסגעפוצטע מעשענע מעדאלען, האלט א גרויסען, אלטען גראגער אין דער האנד, און דער גראגער לאזט פון זיך ארויס א אלט בייזעריג חריפעדיג קול פון אן אלטען, וועלכער צובייזערט זיך אויף „המן“ ביי דער מגילה.

די יודעלעך האבען זיך אלע ארום דער גראגער צוזאמענגעקליבען, די ווייבער מיט די שטריק-נאדלען אין דער האנד – טייל מיט די קאך-לעפלען, קינדער פון די חדרים, איינס נעביך מיט האלב אראבגעלאזטע הייזעלעך אנטלאפען פון אונטער דעם רבינ'ס קאנטשיק. דער רבי אין זאקען, דער שוסטער מיט דער נאל, און דער שניידער מיט שער און מאס. און אז דאס גאנצע שטעדטיל האט זיך שוין געהאט ארומגעקליבען, און אז דעם רבינ'ס גבאי איז שוין אויך געקומען – אין די האלבע ווייסע שיך, און מיט דעם זיידענעם טיכעל, וואס די צוויי עקען צופליהען זיך אויף די צוויי זייטען קאפאטע -- איז דער שרייבער (אנגעטהון אין פראק, מיט מעשענע קנעפ – און עפעס אין א מין נאפאלעאנישען מגולגול'דיגען צוויי-קאנטיגען הוט, די פעדער אונטער דעם אויער) פלוצלונג אין מיטען דערינען ענטפלעקט געווארען און פון א גרויסען בויגען פאפיער האט ער אנגעהויבען ארויסצולעזען:

# דער גובערנאַטאָר קומט.

זיעבען און צוואַנציג יאָהר האָבען די שטאָרט-הײַזליך אײַן „אַנטהועלמום" געטראָגען: אָבגעריסענע דעכליך מיט שוואַרצע, פער-פוילטע שינדלען בעקלאַפּט! די װענד אָבגעריבען, דער קאַלך אָבגעריבען, און עס האָבען זיך געװיזען די העלצלעך, װאָס זענען װי אַ שתי-וערב אָנגעקלאַפּט, כדי דעם קאַלך אין זיך צו האַלטען. זענען די חדר-יונגלעך אין גאַס אַרויסגעגאַנגען „פּאַ-לענט" שפּילען, האָט מען די העלצערלעך פון די װענד אָבגע-ריסען — און קאַזמער איז געװען קאַזמער. פאַר װעמען זאָל זי זיך דאָ אויספּוצען? משטײַנס געזאָגט, פערשענערן זיך פאַר ר׳ ברוך קרעמער׳ס הײַזעל? עס זענען דאָך אַלץ הײמישע מענשען, אײַן זקן פאַר׳ן צװײטען זיך שען צו מאַכען? און עס האָט קײנער גישט געשטערט. דער שרײַבער, אַ „כפּרה זאָל ער געהן", איז אַ „טוב שבגוים", ער רעדט יודיש אין דער גאַס מיט יודען און מישט בײַ יעדען װאָרט אַרײַן „מײַנע נאמנות", „שבת מלכה", „איך זאָל אַזוי לעבען". ער האָט זײַן געהאַלט: יעדען זונטאָג אַ פונט צוקער מיט אַ 1/4 פונט טהײ און 1 רובל מיט 50 קאָפּ. במזומנים. װער גיט און פון װאָס פאַר אַ געלד דאָס געהט, װײסט ער נישט, מען גיט שוין... דערפאַר זיצט ער אַ גאַנצען טאָג בײַ רחל׳ען אין געװעלב און פערברײנגט זיך מיט יודישע מײדלעך. דער סטראַזש-ניק, זײַן מענש, אויף מײַנע נאמנות, טראָגט אַ לאַנגע קאַפּאָטע, אויפ׳ן הוט נאָר אַ רויטען קאַנט, אַ „זכר אויף אַ סטראַזשניק"... „ער געהט פאַר זיך"... דער נײַער פּאָסט-מײַסטער, איז אפילו „אַנ׳אַנטיסעמיט" דערפאַר, װײַל יודען פערקויפען איהם די גענז, װאָס דער רב מאַכט טרפה, צו 10 גילדען, װאָס זײ האָבען בע-צאָהלט צו 15 גילדען. טהוט ער אָבער קײן בײז נישט קײנעם, ער זיצט זיך אַ גאַנצען טאָג פאַר דער טהיר, קײַעט רויהע אַרבעס און יאָגט מיט שטײנדערלעך זײַנע טויבען, װאָס פליהען אַרום

קבר און וועל פֿון איהר מחילה בעטען. נור וועה איז מיר, ווי וועל איך קענען פֿאר איהר די אויגען אויפֿהויבען!

איז דער מחותן געשטאַנען ביים מחותנ׳ס קבר און האָט מחילה געבעטען, און די מחותנת׳טע איז געשטאַנען ביי דער מחותנת׳טעס קבר און האָט מחילה געבעטען. אָבגערעדט זיך די הערצער, זענען זיי אַהיים אַוועק. ר׳ משה האָט זיך צוזאַמענגענומען זיינע הפֿצים מיט׳ן טלית־זאַק און האָט געזאָגט צו די מחותנת׳טע אַזוי:

– האָט נישט קיין פֿעראיבעל, ר׳ שלמה עליו השלום׳ס ווייב.

– האָט נישט קיין פֿעראיבעל, נחה עליה השלום׳ס מאַן. און זענען זיך צוגאַנגען.

פֿון דענסטמאָל אָן שעמען זיך די אַלטע, ווען זיי טרעפֿען זיך ביי אַ קינד, איינער פֿאַרן צווייטען די אויגען אויפֿצוהויבען

באָבעלעך מיט פֿערפֿעל, און ר׳ שלמה עליו השלום׳ס ווייב האָט דוקא ליעב צו קאָכען באָבעלעך מיט קארטאָפֿעל (דער מחותן עליו השלום, האָט זעהר ליעב געהאַט קארטאָפֿעל. אַ עסער געוועזען, זאָל ער מוחל זיין, כל ימיו...) וועט ער דאָך נישט זאָגען ר׳ שלמה׳ס ווייב, ער וויל דוקא באָבעלעך מיט פֿערפֿעל.— זיין נחה׳ן וואָלט ער געזאָגט, אָבער דעם שותּפֿ׳ס ווייב?...

איז אָבער אָנגעקומען דער הערבסט. פֿון בית המדרש געהט מען אַ היים, קומט ר׳ משה אַ היים, דאַכט זיך ער געפֿינט זיך ביים חבר, ביים שותף, ביים מחותן, אָבער נישט ביי זיך... די מחותנת׳טע זיצט און שטריקט זיך אונטער די וואַרימע זאָקען זעצט ער זיך אַנידער, עס איז געגרייט צום טיש, ווי, להבדיל המת מן החי, פֿאַר׳ן מחותן עליו השלום... טהוט ער זיך אָן די ברילען און נעהמט זיך דעם מדרש, דאַכט זיך איהם, אַז מען דאַרף אַהיים צוגעהן צו זיך, נחה וואַרט שוין אויף איהם...

הויבט ער זיך אויף און וויל זאָגען „גוט נאַכט״, דערזעהט ער זיין בעט שטעהט אין שכנות מיט די מחותנת׳טעס בעט... שעמט זיך דער אַלטער נעבעך זעהר פֿאַר זיין נחה׳ן, עליה השלום...

געלעגען אַ גאַנצע נאַכט אין בעט און געקרעכצט, — האָט ער זיך צו־מאָרגענס געפֿעדערט באַלד נאָכ׳ן דאַווענען, גענומען דעם מעבר יבק און אַרויסגעגאַנגען אויפֿ׳ן בית עולם צו נחה׳ן. געשטעלט זיך צו קאָפּֿענס פֿון איהר מצבה, און האָט איהר אין קבר אַזוי געזאָגט:

— זיי מיר מוחל, נחה מיין ווייב; איך האָב חלילה נישט געמיינט קיין שום שלעכטס...— און האָט אויף איהר קבר אָבגעזאָגט אַ צעהן קאַפּיטלעך תהלים און איז אַוועק מיט אַרוהיג האַרץ צום חבר׳ס, דעם שותּף׳ס, און מחותּן׳ס קבר, בעטען איהם מחילה.

קומט ער אָן צום מחותן׳ס קבר דערזעהט ער די מחותנת׳טע שטעהט אויסער די ד׳ אמות און האַלט דעם מענה לשון אין דער האַנד. דערזעהט זי איהם, זאָגט זי אַזוי:

— איך בין דאָך שוין נעבעך אַ זיווגע אשת איש, טאָר איך דאָך שוין ניט שטעהן אין זיינע ד׳ אמות. לאָז דער מחותן אויף זיין קבר מחילה בעטען און איך וועל געהן צו די מחותנת׳טעס

און נאָך און נאָך, און ווייטער זיך צוגאַנגגען שבת צו־נאַכט, אויף גאַנצע אַכט טעג.

האָט זיך זיי געלעבט טרויעריג, איינזאַם. צו די קינדער האָבען זיי נישט געוואָלט איבערגעהן. „איין מאַמע קען צעהן קינ־דער האַלטען, און צעהן קינדער קענען איין מאַמע נישט אויס־האַלטען“,— זאָגט די וועלט אַ גלייכווערטעל. און צו וואָס פֿאַלען צו־לאַסט? ווען די אויגען זעהען נאָך און די אויערען הערען נאָך.

ווייס מען נאָך נישט עד היום אין שטאָדט, ווי אַזוי דאָס איז געוואָרען. גענוג: אין אַ שענעם פֿריהמאָרגען, ווען דאָס געסעל האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט עס פֿערנומען אַ נייעס: מזל־טוב דאָס אַלטע פּאָר פֿאָלק, ר׳ משה, מיט ר׳ שלמה׳ס ווייב, די חברים, די שותּפים, די מחותּנים, זענען געוואָרען מאַן און ווייב.

מען זאָגט, עס איז דאָרט צו זיי אַריינגעגאַנגגען אַ אידעל אַ דייטש, אַ ל״ו, האָט ער געוואָלט אָבטאָן אַ שטיקעל, אַז דאָס שטעדטעל זאָל האָבען צו זאָגען און צו זינגען, האָט ער דאָס פּאָר פֿאָלק אָנגעשלאָגען.

צוויי משפּחות, איז ביי יעדע בעזונדער געווען דאָס ווירטה־שאַפֿט אַנדערש... אַנדערע בעטען, אַנדערע שענק און בענק, און דאָס איבערציעלעכטץ אויפ׳ן בעטגעוואַנד איז אויך געווען פֿון אַן אַנ־דער קאָליער. אַז זיי האָבען חתונה געהאַט, האָבען זיי דאָס ווירטהשאַפֿט צוזאַמענגעשלעפּט אין איין שטוב און אין איינעם גע־וואָהנט. האָבען זיך אָבער דאָס מעבעל און די ציבער־איינשיטס געקריגט צווישען זיך, עס האָט נישט געפּאַסט איינס מיט׳ן צוויי־טען,—צוויי משפּחות, צוויי וועלטען.

חתונה האָבען זיי געהאַט תּחילת זומער. די טעג זענען לאַנג און די נעכט זענען קורץ. אַ גאַנצען טאָג איז מען אין דער גאַס אויף דער באַנק, פֿאַר דער טהיר, צווישען מענשען. פֿאַלט די נאַכט צו שלעפּט מען די ציעגען פֿון לאָנקע אַהיים, און מען לייגט זיך און די בעטען אַריין — האָבען זיי אַזוי דאָס פֿרעמדקייט נישט געשפּירט. ווייניג געזעהען זיך, איז ער אַ היים געקומען מיטאָג עסען, האָט איהם דעם חבר׳ס, שותּף׳ס און מחותּן׳ס ווייב צום טיש געגרייט— האָט זיך איהם געדאַכט, אַז ער עסט ביים שותּף מיטאָג...

זיין ווייב, עליה השלום, האָט ליעב געהאַט צו קאָכען

# א זיווג;

(ערצעהלונג).

געוועזען צוויי חברים אויף דער וועלט, משה׳לע און שלמה׳לע. צוויי חדר־אינגלעך, אין איין חדר געלעהרענט, אין איין סדור געלעהרענט לייענען, פון איין קאנטשיג שמיץ געקריגען, און ווער ווייסט, צי פון איין קאלב פלייש אויף מיטאג נישט געגעסען. אונטערגעוואקסען — זענען משה׳לע און שלמה׳לע חתנים געווארען, ביידע נאלדענע זייגערס געטראגען און פון די כלות געשמועסט. חתונה געהאט, האבען די ביידע יונגע־לייטלעך, א געשעפט זיך געמאכט, א האלץ־סקלאד,— האט מען זיי אין שטאדט גערופען די „שותפים”. האבען זיי קינדער געהאט, האט זיך איינער מיט׳ן צווייטען משדך געווען, האט מען זיי גערופען: די מחותנים.

מאכט זיך א מאל, אז איינער פון די חברים, שותפים, מחותנים, איז געשטארבען, און ביים צווייטען איז לא עלינו די חבר׳טע, די שותפ׳טע, די מחותנת׳טע געשטארבען. איז איבערגעבליבען א אלמן, א חבר, א שותף, א מחותן. פון צווייטען צד — א אלמנה, א חבר׳טע, א שותפ׳טע, א מחותנת׳טע.

האבען אזוי דאס פאר־פאלק געלעבט א צייט מיט יאהרען. די קינדער האבען זיי שוין אלע גאט צו דאנקען אויסגעגעבען, און די געשעפטען האבען די קינדער איבערגענומען און געלעבט האבען זיי פון די מויערען, וואס זיי האבען אין שטאדט געהאט. א שבת נאכ׳ן שלאף איז איינער צו דער צווייטע צו־גאסט אריבערגעגאנגען און האבען גערעדט פון אלטע זאכען, דערמאהנט אלטע נעמען, וואס קיינער פון די לעבעדיגע האבען זיי שוין נישט געקענט; אויסגערערט זיך איינע פאר די צווייטע דאס הארץ אויף די קינדער מ׳שטיינס געזאגט, וואס ווייסען נישט ווי עלטערן צו שאנעווען,

ערגיץ פון א חסידים־שטיבל איז דער עולם אַרויס און דער
קלייִנער סענדער לייב האָט פאָראויס געטאַנצט. עס איז אַרויס אויך
דער עולם פון שוהל. יעדע חברה מיט איהר הייליג ספר־תורה און
מיט איהרע חברה־לייט האָט זיך אין אַנ׳אַנדער גאַס געלאָזט. אין
גאַס ווערט אַלץ שטילער.

נאָר פון דערווייַטען פינקלען נאָך די ליכטליך און עס הערט
זיך נאָך דאָס זינגען:

– אונזער משה רבינו, שישו ושמחו בשמחת תורה!

מען פרעהט זיך: יעדער האָט דאָך שוין זיינע תבואות פון
פעלד אַראָבגענומען... דער שייַער איז פול...

\- - - - - - - - - - - - - - - - - - - - -

זואָבּען – שמוציג, שבת – האַלב ריין, און יום־טוב קלאָר. ער האַלט אין דער האַנד דער חברה׳ס ספר־תּורה, אַ נאַקעטעס, נע־ביך, און אַ קליינס, – אַנ׳עופּ׳לע פּשוט, און טראָגט, ווי איהרע בעלי־בתּים, אַ ציינען מענטעלע און די עטרה מיט׳ן יד זענען נעביך פער׳ישב׳עט.

באַלד איז מען מכבּד דעם רב פון דער שטאָדט מיט דער שטאָדט׳ס ספר־תּורה, אַ גרויסעס, מיט אַ גאָלדענער „עטרה״ און מיט אַ גרויסען גילדענעם יד.

און דער „חזן״ מיט די „משוררים״ דאָרט ביים „עמוד״, האָבען דעם סיגנאַל געגעבען, און ער איז אַרויס מיט אַ געזאַנג, דעם רב מיט׳ן ספר־תּורה פון פאָרענט, און נאָך איהם ר׳ אפרים דער דעלעגירטער פון דער חברה „תּמימי דרך״ מיט זיינע חברה־לייט און גבאים און חברה־ווייבער און חברה־קינדער, דערנאָך דער דעלעגירטער פון דער חברה קצבים, ר׳ ברוך פישער מיט דער חברה׳ס ספר־תּורה, און חברה־לייט, און מיט די גבאים, און מיט חברה ווייבער, און חברה קינדער, און דערנאָך ר׳ געציל דער דעלעגירטער פון דער חברה „פּועלי צדק״ מיט זיינע חברה־לייט, און דערנאָך דער הויכער יונג מיט׳ן פערבונדענעם אויג מיט׳ן נאַקעטען ספר תּורה אין דער האַנד.

און דער אַרומיגער עולם האָט אַ וועג געמאַכט פאַר דער עולם מיט דעם „עוזר דלים״.

און הינטען ביי דער טיהר, זענען פיעל ווייבער, פיעל מיידלעך געווען יום־טוב׳דיג געקליידעט, און געפּאַטשט מיט די הענד, און געשריען; טיילמאָל האָט זיך אַ בחור׳ל אונטערגעכאַפּט, אויפגעזוכט זיין „געליבטסטע״, וואָס ער האָט זי פון ראש חודש אלול ביז נאָך הושענא רבה, דערוויי׳ל „אַוועקגעוואָרפען״ – און די היי׳ליגע שוהל, האָט איינמאָל אין יאָהר געדיענט אַלס פּלאַץ פאַר אַ „ראַנדעוואו״!..

---

פינסטער איז שוין געווען, און נאָס האָט געבלאָזען אַ קאַלטער הערבסט־ווינד. פון אויבען, פון הימעל האָבען די שטערן קאַלט אַראָבגעשיינט. דאַכט זיך זיי שרעקען עפּיס...

„מוֹרנו״ס. יעקל וואַסערטרעגער האָט זיך אַרויפֿגעכאַפּט אויבען אָן, אויף מתתיהו גאָלדמאַנ'ס שטעל, בּאַלד בּיים רב, אין דער מזרח־וואַנד. און ר' יעקל וואַסערטרעגער רייבּט זיך צו צום קרענציל נגידים, וואָס שטעהען בּיים רב, און ר' יעקל וואַסערטרעגער גיט אַ שאָקעל מיט'ן קאָפּ און זאָגט הויך: „גוט יום־טוֹב, רבּי!" און שאָקעלט זיך פֿרום.

די חברה־לייט קומען זיך צוזאַמען אין שוהל אַריין, יעדער פֿאָלק מיט זיין שטאַב און זיינע פּאָלקאָווניקעס, יעדע חברה מיט איהר הייליג ספר־תּוֹרה, פֿאָראויס, און מיט איהרע גבּאים, מיט לעקיך און בּראָנפֿען, מיט איהרע חברה־לייט, חברה־ווייבּער און חברה־קינדער. יעדע חברה קלויבּט אויס איהר דעלגעירטען און שיקט איהם מיט'ן ספר־תּוֹרה אַרויף אויפֿ'ן בּעלעמער. און דאָ, אויפֿ'ן בּעלעמער קענט איהר דערקענען יעדע חברה מיט איהרע סימנים. אָט זעהט איהר אונזער בּעקאַנטען ר' בּרוך פֿישער (דעלעגירט פֿון דער חברה קצבים). אָט שטעהט ער מיט דעם קאַפּעלושיל אויפֿ'ן קאָפּ, אין די הויזען מיט'ן שפּענצער, און האַלט דער חברה'ס ספר־תּוֹרה, און די חברה־לייט קוקען אויף ר' בּרוך'ן און קוועלען פֿאַר נחת. נעבּען איהם שטעהט דער דעלעגירטער פֿון דער חברה „פּוֹעלי צדק", (שניידערס און שוסטערס), ר' געציל דער טאָג־חזן פֿון בּית המדרש, וואָס זיין רעדען איז שטענדיג מיט דעם נגון פֿון „וישתּבּח". די חברה „פּוֹעלי צדק" האָבּען זיך געלאָזט בּעניגען דערמיט, וואָס זייער דעלעגירטער, ר' געציל, טראָגט אַ פֿערקעהרטע קאַפּאָטע מיט אַ פֿערקעהרטען הוט, און דאָס ספר־תּוֹרה, פֿון דער חברה „פּוֹעלי צדק" האָט אַ שען סאַמעט מענטעלע מיט אויסגעהעפּטע לייבּען. פֿון דער חברה „תּמימי דרך" (בּעלי־בּתּים, סוחרים, אָרענטליכע שניידערס) איז דעלעגירט ר' אפרים עקר, אַ יוד, וואָס האָט קיין קינדער ניט און וואָס האָט פֿאַר זיין אייגען געלד אַ ספר תּורה געלאָזט שרייבּען.

דער דעלעגירטער פֿון דער חברה „תמימי דרך" טראָג אַ פֿאַרטוך אויפֿ'ן קאָפּ, און דאָס ספר תּורה — אַ זילבּערנע „עטרה", מיט אַ זילבּערנעם „יד". פֿון דער חברה „נקי כּפּים" (טרעגער'ס און וואַסער־פֿיהרער'ס) איז דעלעגירט עפּיס אַ הויכער יונג, וואָס האָט תּמיד אַ פֿערבּונדען אויג, אַז מען מיינט, דאָס ער איז געװאָרען מיט'ן טיכיל אויפֿ'ן אויג, און דאָס טיכיל איז אין דער

— און שוהל אַריין, אין שוהל אַריין! — און דער עולם האָט זיך געלאָזט אין שוהל.

צו ערשט זענען געגאַנגען די בחורים מיט אַ פרעהליכען נגון, דערנאָך די קינדער מיט די ברענענדיגע פאָהנעס, און ר' ברוך פישער אין הויזען מיט אַ שפּענצער, מיט דעם קאַפּעלושיל מיט די ווייסע פעדערן אויפ'ן קאָפּ, ער האַלט אין האַנד דאָס ספר־תורה און טאנצט דערמיט אין גאַס, און זינגט הויך אויפ'ן קול.

— שישו ושמחו בשמחת תורה, אונזער הייליגער משה רבינו!

און דער עולם מיט „רבי״ געהען נאָך ר' ברוך'ן, און דער־נאָך געהען די ווייבער פון די חברה־לייט יום־טוב'דיג געקליידעט, פון פאָרענט שפּרינצה, ר' ברוך פישער'ס ווייב, פיהרט דעם פאַראַד.

עס האָט שוין אָנגעהויבען צו טונקלען, און פאַר יעדען פענס־טער האָבען ליכטליך געפינקעלט, און ווייבער, און מיידלעך זענען מיט לייכטער און לאָמפּען פאַר די טהיר אַרוים, צו מאַכען אַנ'איל־ומינאַציע פאַר דער הייליגער תורה.

און ווייבער מיט ברענענדיגע ליכט זענען נאָך דער הייליגער תורה נאָכגעלאָפען.

און טונקעל ווערט. די הערבסט־נאַכט פאַלט שווער איבער דעם שטעדטיל צו, און יודען געהען דאָרט ... ווייט ... עס פינק־לען נאָך די ליכטליך, און עס הערט זיך נאָך פון דערווייטען ר' ברוך פישער'ס קול.

—שישו ושמחו בשמחת תורה, אונזער הייליגער משה רבינו... אונזער משה רבינו!..

---

די יודען האָבען געהאַפּט גאָט אין קרענציל אַריין, און גע־מאַכט, מחילה, מיט איהם אַ טענציל. דאָס אָרון קודש איז אָפען און אַ ליכט ברענט זיך דאָרט, די קינדער האַלטען פאָהנעס אין די הענד, אויף די שטעקעלעך פון די פאָהנעס זענען רויטע עפּע־לעך און אין זיי זענען אַריינגעשטעקט ברענענדיגע ליכטליך. די קינדער שטעהען אויף די בענק און שרייען: „גוט יום־טוב! גוט יום־טוב!״ אויסגעמישט איז דער עולם: נישטאָ היינט קיין אונטער־שיעד, היינט זענען אַלע גלייך. סיי רייך, סיי אָרים — אַלע זענען

— רבי, אַ שטיקעל, אַ פרעהליכעס.

— אַ יום־טוב׳דיגעס, רבי,—האָט דער עולם געזאָגט.

— זיי ווילען אַנ׳אַגדתא, רבי, נישט קיין „הלכה“, האָט ר׳ מרדכי קצב זיין בקיאות פאַר׳ן עולם אַרויסגעוויזען.

דער רבי האָט אַ שמעק טאַבאַק געגאָסען און אָנגעהויבען זאָגען.

— מיר ווילען מסיים זיין אין מדרש.

— אַז עס איז געקומען די צייט, ווען משה רבינו זאָל נפטר ווערען, האָט ער ביי גאָט געבעטען: רבונו של עולם, פערציג טעג, פערציג נעכט בין איך ביי דיר געזיען, בעט איך דיך, זאָלסט מיך נישט איבערגעבען דעם מלאך המות...

— רבי, אַ פרעהליכעס! — שרייט דער עולם.

— ניין, רבי, טאַקי דאָס,— שרייט ר׳ ברוך און טרעהרען בעווייזען זיך איהם אין די אויגען,— אָט אַזוי ווייטער.

דער רבי זאָגט ווייטער.

— דעמאָלט האָט זיך משה געהייליגט ווי אַ מלאך, און גאָט אַליין האָט אַראָבגענידערט צו איהם, צו צונעהמען זיין נשמה, און דריי מלאכים זענען מיט-מיט הקדוש ברוך הוא: מיכאל, גבריאל און זגזגאל.

— אַ רוח זאָל... אָט...— חליפעט ר׳ ברוך און קלאַפּט אין טיש אַריין,—ביער! גבאים, וואָס שלאָפט איהר? אונזער משה רבינו געביך, אונזערער.

און טרערען בעווייזען זיך איהם אין די אויגען.

— אונזער הייליגער משה רבינו,— און ר׳ ברוך פישער איז צו צום אָרון, אויפגעעפענט דאָס פרוכת, און ער האָט דער חברה׳ס ספר־תורה אַרויס גענומען. אָנגעקליידט איז עס געווען מיט דעם נייען ווייס אַטלעסען מענטעלע, און פון זילבער אַ מגן דוד אויס־גענייהט. און ר׳ ברוך האָט מיט דעם ספר־תורה אַ טענצעל אַרום „שלחן“ געמאַכט.

—שישו ושמחו בשמחת תורה, אונזער הייליגער משה רבינו...

און ער האָט געוואַרט ביז דער עולם וועט איהם אונטער־העלפען...

און דער עולם איז אַרויס פון טיש.

— גוט יום־טוב! גוט יום טוב!

דער חברה געווען, און די עפּעל, און די ניס האט מען בעהאל־
טען פאר די ווייבער אין די קעשענעס.

די גבאים, אנגעטהון אין ברייטע פּארטיכער, האבען דער־
לאנגט, דער עולם האט געטרונקען. דער חברה־חזן מיט די
משוררים האבען א פרעהליכען נגון געזונגען, און דאס יונגעל,
דאס קוויטשעריל, האט אין דעם נגון א טרויעריגען „ונתנה־תוקף“,
דיגען טאן אריינגעהאפּט, און דער באס האט א בעמלע געגעבען:
אוי—אוי,—אוי. און דער עולם האט מיטגעהאלפען: אוי—אוי—אוי,—
האט עס אויסגעזעהען עפּיס, ווי א פרעהליכער יום כפור.

און וואס אמאל האט זיך דער „אוי—אוי“ אלץ מעהר פער־
גרעסערט, אלץ שטארקער געהילעכט. און האט א יוד א בליק אין
פענסטער געווארפען און די פערלאפּענע שייבען געזעהן, האט ער
מיטגעברומט: אוי—אוי, אוי—אוי,—דער ווינטער קומט, דער ווינטער
קומט!

א צווייטער יוד האט מיטגעזונגען: „דער אויוועו איז צובראָ־
כען“, און א דריטער יוד האט מיטגעזונגען: „און דער פּעלץ איז
אויסגעקראכען“, און דער איבריגער עולם האט א ברום געגעבען:
און קיין געלד איז נישט דא“ — —

— „אוי—אוי, אוי—אוי“.

און אזוי האט דער עולם אונטערגעהאלפען, ביז עס איז
טרויעריג פרעהליך געווארען, און ר׳ ברוך פישער האט דער ערשטער
זיך פון ארט דערהויבען און האט זיך א לאז געטהון טאנצען.

— שישו ושמחו בשמחת תורה!.. היידא, עולם! היידא! היידא!

— צוויי גילדען א פונט פישלעך... האט אונטערגעהאלפען
זינגענדיג אנטשיל קצב, און איז צו צו ר׳ ברוך׳ן און איהם אנגע־
נומען פאר׳ן לאטץ.

— פערציג גראשען א פונט פלייש... — האט ר׳ ברוך געזונגען
האלטענדיג ר׳ אנטשלען פאר דער האנד, און דער עולם איז ארויס
מיט א הילעך:

— גוט יום־טוב! גוט יום־טוב!

באלד האט זיך דער עולם איינגעשטילט. דער רבי פון דער
חברה האט דער גרויסען „מדרש“ אין האנד גענומען, פון וועלכען
ער פלעגט יעדען שבת לערנען, אויפגעעפענט עס און אנגעהויבען.

— נו, רבותי!

# שִׂמְחַת תּוֹרָה אִין דֶער קַצָבִישֶׁער חֶבְרָה.

דעֶר עוֹלם האָט זִיך נאָך מִיטאָג שמיני־עצרת אִין דעֶר קצבִישעֶר חברה צוזאַמעֶנגעֶקלִיבּעֶן. מִיט מנחה האָט מעֶן ר׳ ברוך פִישעֶר מכבד געֶוועֶן; און ר׳ ברוך, דעֶם טלית אוֹיף איין אַקסעֶל פעֶרלעֶגט און אוֹיפ׳ן קאָפּ אַ קאַפּעֶלוּשׁ מִיט ווייַסעֶ שלייַפעֶרלִיך און ווייַסעֶ פעֶרעֶמלִיך אַרייַנגעֶשטאָלעֶן, שטעֶהט פאַר׳ן עמוּד און זִינגט דִי יוֹם־טוֹבדִיגעֶ שמוֹנה־עֶשרה. אונטעֶר זייַנעֶ פִיס אִיז אַוועֶקגעֶשטעֶלט אַ באַנק, כדי ר׳ ברוך זאָל אומפאַלעֶן ווען עֶר וועֶט דִי שמוֹנה־עֶשרה אויסגעֶהן. מעֶן אִיז עֶפּיס דורך דִי „ימים־נוֹראָים״־צייַט מִיט גאָט נאָהעֶנטעֶ מחוּתנים געֶוואָרעֶן, — „אוֹיף דו״...

ר׳ ברוך האָט שוין שמוֹנה־עשרה אָבגעֶזאָגט, דעֶר עוֹלם אִיז אַרוֹיס מִיט אַ פרעֶהלִיכעֶן קדיש, אַזוֹי ווִי דאָס מאָל וואָלטעֶן דִי געֶשטאָרבעֶנעֶ מוֹחל געֶוועֶן, אַז מעֶן זאָל פאַר זיי בעֶטעֶן... און ר׳ ברוך אִיז שוין אומגעֶפאַלעֶן, ווִי מעֶן האָט געֶוואַרט, מעֶן האָט אִיהם מִיט געֶזאַנג אוֹיפגעֶהוֹיבּעֶן און מִיט גרוֹיס פּאַראַד געֶפִיהרט צוּם טִיש, אַנִידעֶרגעֶזעֶצט אִיהם אוֹיבעֶן אָן, בּייַם „רבי״ן, און מכבּד געֶוועֶן מִיט צווייַ שטִיקעֶר לעֶקִיך.

דעֶר עוֹלם אִיז געֶזעֶסעֶן אַרוּם בּייַ דִי טִישעֶן, און דִי גבאים האָבּעֶן דעֶרלאַנגט.

און לעֶקִיך האָט מעֶן געֶטייַלט אוּמגעֶוואוֹיגעֶן, און בּראָנפעֶן האָט מעֶן געֶגאָסעֶן אוּמגעֶמאָסטעֶן.

בּייַ דעֶר טהִיר זעֶנעֶן געֶזעֶסעֶן זעֶקס בחוּרים׳לעֶך אוֹיף איין זייַט, זעֶקס בחוּרים׳לעֶך אוֹיף דעֶר צווייַטעֶר זייַט: בּעֶהעֶלפעֶר פוּן הדרים, אֶתרוֹג־אַרוּמטראָגעֶרס, הוֹשענה־מאַכעֶרס, לוּלב־בּינדעֶרס. דִי צוועֶלף בחוּרים׳לעֶך האָבּעֶן געֶדִינט אַלס מוּזִיק אוֹיפצוּנעֶהמעֶן יעֶדעֶן חברה־מאַן, וואָס קוּמט אַרייַן, מִיט אַ פרעֶהלִיכעֶן „בּרוּך הבּא״! און אָבּצוּקנאַלעֶן אַ „גוּט יוֹם־טוֹב!״ בּייַ אַ טרוּנק בּראָנפעֶן.

דעֶר עוֹלם האָט נאָר בּיִער געֶטרוּנקעֶן, דעֶם לעֶקִיך האָט יעדער פאָטעֶר צוּטהייַלט דִי קִינדעֶר, וואָס זעֶנעֶן מִיט אִין

מילליגער נאָך אייער – עס איז פערפאַלען, אברהם מילליגער מוז געבען אייער, (אַזוי איז שוין דער מנהג פון קדמונים אָן, אַזוי האָט זיך זיין פאָטער, זיין זיידע, און זיין עלטער־זיידע געפיהרט)...

פון פיאָנטעק דערוויל קומט אָן אַ צווייטע פוהר (אויף חול־המועד איז דאָ אַ בעזונדערער פוהרמאַן אין פיאָנטעק, וואָס פיהרט אָב די חול־המועד׳ניקעס קיין סאָבאָטע, ווארום דער סאָבאָטער מוז דאָך זיינע חול־המועד׳ניקעס אָבפיהרען קיין „פיאָנטעק״). ביידע פוהרען שטעלען זיך אָב פאַר ר׳ אברהם מילליגער׳ס טהיר, און דערט טרעפען זיך און קושען זיך צוויי ק״קים במדינת פוילען...

די חול־המועד׳ניקעס קריכען אַראָפּ פון די וועגען און טהיילען זיך איין אין צוויי מחנות: אויף איין זייט פיאָנטעק מיט איהר פערד און וואָגען, אויף דער צווייטער זייט סאָבאָטע מיט איהר פערד און וואָגען. און איין שטאָט קוקט דער צווייטער אַריבער. אין איין האָריזאָנט ליגען דאָך די צוויי שטעדטלעך, אָבער ווי וויים זענען זיי אָבגעשיידט איינער פון צווייטען. ערעם די חול־המועד שטעקלעך זענען אַנדערש – דאָ זענען פיאָנטיקידיגע שטעקלעך, דאָרטען האַלטען זיי סאָבאָטעריגע שטעקלעך. און די היטעלעך מיט די דאַשעקלעך זענען גאָר אַנדערע. – דאָ פיאָנטיקער מיט קליינע דענקעלעך, דאָרט – סאָבאָטער מיט ברייטע דענקעלעך... און די קליידעלעך! סאָבאָטער קליידעלעך מיט קישעלעך פון הינטען און פיאָנטיגדיגע קליידלעלעך מיט האַרץ־וועסטעלעך פון אויבען...

צוויי שטעדטעלעך – „סאָבאָטע״ און „פיאָנטעק״.

רינגען זיך און צוגיסען זיך איבער די נייע קליידער, איבער די נייע אנצוגען, ווערט דארט א לעבען! — און ר' אהרן פיהרט דאס פערד ביים צוים...

און גאט האט געמאכט אויסטריקענען די בלאטע, וואס איז א גאנץ יאהר אויף דעם וועג צווישען די ביידע קליינע שטעדט-לעך, און עס איז שבית שבנות, און ער האט געמאכט שיינען די חול-המועד זון אויפ'ן הימעל, און די פעלדער וואס פערשפריי-טען זיך איבער ביידע זייטען וועג זיינען פריש, ערשט אראבגע-ווארפען פון זיך דעם ווינטער יאך, דאס ווינטערדיגע וואטען קאפאטקעלע... — און פריש איז די ערד, ווי א פרישער געזונטער בחור, וואס ווארט אויף די כלה. און איהר פערשלאסענער פריהלינג-רייסט זיך ארויס פון דער ערד און טראגט זיך אין לופט און ער-וועקט יעדעס הארץ און גרייט עס אן צום זומער, און די זון בעגריסט אלץ מיט ליכט — און כאלט עס יום-טוב'דיג. און צוויי יונגע מענשען, א יונגער שניידער-געזעלען מיט א חול-המועד שטעקען, און א יונגע שניידערין מיט א חול-המועד שירעמעל פיהלען עפעס אין הארץ, און איינער גיט א ווינק צום צווייטען, און אזוי ווי מען זיצט אויפ'ן וואגען צוזאמענגעקוועטשט, דריקט מען זיך הינטען ביי די הענד, און די הערצער פיהלען עטוואס...

און דער וועג איז א חול-המועד-וועג, ווארום אין אמת'ן איז נור פון איין שטאדט ארויס, אין דער צווייטער שטאט אריין; האפט מען זיך ארויף אויף דער פוהר כדי מען זאל זעהען, אז מען פאהרט אויף חול המועד, און אז מען קומט אויף חול-המועד, אבער אזוי ווי מען קומט נור הינטער דער שטאדט ארונטער, האפט מען זיך פון וואגען אראב, און מען געהט אויפ'ן וועג נאך דער פוהר — לוסטיג און פרעהליך, און מען זינגט ליעדער... יונגע שניידער-געזעלען האפען זיך צו צו די יונגע שניידער-מייד-לעך... און מען האפט א ווינק אויפ'ן וועג... און זיי בעגלייטען נאך א חברה חדר-אינגלעך אנגעזאטעלט מיט מצה און איינגעריבלטע פנים'ער מיט אייער...

אין מיטען, וואו די וועג צושיידעט. זיך שטעהט א היי-זעל. דארט וואוינט א יוד א מילכיגער (א חלבן); דארט שטייגט מען אב, דער בעל עגלה פיהרט זיין פערדעל אנצוטרינקען צו דער ברונען, און די חול-המועד'ניקעס געהען אריין צו ר' אברהם

זיך אַזוי אַביסעל אונטער דער שטאָדט, וואו מען חאַפּט אַ טענצעל אויפ׳ן סאָבאָטער שאָסע... נאָר די נײַע קלײדערלעך און די נײַע אנצוגען זענען געמאַלט אויף חול המועד.

און ניט אַזוי פאַר דער אײגענער שטאָדט, ווי פאַר דער צווײַטער שטאָדט.

גאָלד ווו מען גראָבט עס, האָט עס נישט קײן ווערט; אַ יונגער געזעלען אין זײַן שטעדטעל, איונג מעדעל אין איהר שטעדטעל האָט קײן ווערטה נישט — זײַ ווײס מען ערשט ווי אָבצושאַצען אין צווײטען שטעדטעל.

און קומט אַזאַ חול המועד, נעהמט זיך אַיונגער געזעלען זײַן חול המועד שטעקען אין האַנד אַרײַן, נעהמט זיך אַיונגע מעדעל איהר שירם אין דער האַנד אַרײַן, און די נײַע קלײדער, און די נײַע אַנצוגען, און הײַדאַ אין דער צווײטער שטאָדט אַרײַן.

אַזעלכע יונגע לײַטלעך הײסען: „חול־המועד׳ניקעס", אַזעלכע יונגע מעדלעך הײסען „חול־המועד׳ניצעס". —

און „סאָבאָטע" איז אין „פיאָנטיק", און פיאָנטיק" איז אין „סאָבאָטע".

אײַן פערדעל, אײן בעל עגלה איז דאָ אין די צווײ שטעדטלעך: אײן האַלבען טאָג איז דאָס פערדעל אין סאָבאָטע, אײן האַלבען טאָג אין פיאָנטיק, — און מעהרסטען אויפ׳ן וועג צווישען סאָבאָטע און פיאָנטעק ... דאָס פערדעל פיהרט אויף זיך די סאָבאָטער קײן פיאָנטעק, און די פיאָנטקער קײן סאָבאָטע ... נאָר אַגאַנץ יאָהר געהען די סאָבאָטער קײן פיאָנטעק צו פוס, און דאָס פערדעל מיט׳ן בעל עגלה זענען געמאַלט געוואָרען, כדי ווײַל אין אַ שטעדטעל מוז אַ בעל עגלה זײַן, מוז אַוועגעלע זײַן און אַ פערדעל איבערצופיהרען, אַזוי ווי עס מוז אַ שטאָדט׳ס משוגענער אַ שטאָדט׳ס גנב, אַ שטאָדט׳ס מסור זײַן; אַז עס קומט חול המועד, איז אַ מצוה צו פאָהרען, — צו פאָהרען צו גאַסט ... קומען צו געהען די יונגע געזעלען מיט די שטעקעלעך, קומען צו געהען די מײדעלעך מיט די שירעמלעך, קומען צו געהען די חדר־אינגלעך און אַלע מיט אײער (חול המועד ריהרט מען זיך נישט אָהן אײער), און גאַנץ פיאָנטעק וויל אַרויף אויף די פוהר — און אײנער אויפ׳ן צווײטענס קאָפּ, — און די אײער צו־

פינסטערען ווינטער זיצט דאָס יונגעל אין חדר און פאַנטאַזירט: ווען חול המועד קומען וועט ער צום פעטער קיין סאָבאָטקע פאָהרען, דאָרט וועט ער זיך דערקענען מיט נייע חברים, און אפשר, ווען ער וועט איבער די צווייטע טעג דאָרט איבערבלייבען, איז אַ סברה, אַז ער וועט דאָרט איבער'ן ווינטער אין בית המדרש לערנען.

און אַגאַנצען שווערען ווינטער זיצט דאָס יונגעל אין חדר, אין דעם ווינטערדיגען וואַטענדיגען קאַפּאָטקעלע, און זאַמעלט די צווייערס, וואָס די מאַמע גיט. און קניפּט זיי איין אין ציצה־כנפות'ל און מאַכט זיך אַ „קעזעל"—„די קאַסע" האָט עס געהייסען. דאָ האָט ער... וועט קומען חול המועד... נו, נו וועט ער שוין וויסען...

און נישט איינמאָל געהסט דו דורך פאַר פייגעלע'ס „שטעל", דאָס עפּעלע, דאָס באַרנעלע ווינקט צו דיר אַראָב פון דער מול־טער: קום, יונגעלע, דאָרט אין ציצה־כנפות'ל... וועקט דאָס באַר־נעלע פון מילטער, און אָט שטעקסט דו שוין אַהאַנד צום קניפּעל אויס... נאָר באַלד קומט דער חול המועד, דו דערמאָנסט דיך: פאָהרסט מיט נטע סאָבאָטער קיין סאָבאָטקע—און דו אַנטלויפסט פון דער מילטער, וואו דער פעפער וואַקסט.

אונטער דעם באַנק וואָס איז פאַר'ן הויז, איז אַגריבעל אויסגעגראָבען. שבת טאָר מען דאָך נישט טראָגען, נעהמט מען פרייטאָג פאַר נאַכט דאָס קניפּעל און מען בעגראָבט עס אונטער דער באַנק, און דו שטעהסט שבת פאַר די טהיר, זעהסט ווי מען־שען געהען דורך, אַהין און צוריק פאַר דיין קניפּעל און דו וואונדערסט זיך! צו ווייסט טאַקע קיינער נישט, אַז דיין „קניפּעל" איז דאָרט איינגעגראָבען?

זענען חול המועד טעג גליקליכע טעג פאַר יונגלעך, ווי נאָך גליקליכער, ווי פרעהליכער זענען זיי פאַר געזעלען און געזעלענטעס.—

אויף וואָס אַרבייט אַ געזעלען אַגאַנצען זמן, אַז נישט אויף דעם נייעם אַנצוג, וואָס ער מאַכט זיך אויף פסח?

אויף וואָס אַרבייט אַ מעדעל אַגאַנצען זמן און נעהמט זיך די אויגען אַרויס ביי דער ווינטער־לאָמפּ, אַז נישט אויף דעם נייעם קלייד, וואָס זי מאַכט זיך אויף פסח?

אין אמת'ן נישט אַזוי אויף יום־טוב, ווי אויף חול המועד, אין יום־טוב שפּילט מען אין ניס ביי אַ שכנ'טע, אָדער מען פערווילט

# חול־המועד.

צוויי שטעדטלעך האָט גאָט בעשאַפען איינס האַרט נאָהענט געבען דעם צווייטען, זענען געקומען די משוררים און האָבען פער־שטאַנען גאָט׳ס מיין, און האָבען זיי אַנאָמען געגעבען איינס „פיאָנ־טעק״ — דאָס צווייטע „סאָבאָטע״.

און די שטעדטלעך זענען נאָר בעשאַפען געוואָרען, כדי איינס זאָל זיך קענען מיט דעם צווייטען משדך זיין, כדי די פיאָנטקער יודען זאָלען זיין מחותנים פון „סאָבאָטע״, און „סאָבאָטער״ יודען זאָלען זיין מחותנים פון „פיאָנטעק״.

און געמאַכט האָט עס דער בורא עולם דירעקט כדי סאָבאָטער יונגלעך זאָלען האָבען זיידעס אין פיאָנטעק, און פיאָנטקער יונגלעך זאָלען האָבען זיידעס אין סאָבאָטע — און דער עיקר נאָר איבער חול המועד.

גליקליכע טעג, זענען די חול־המועד טעג. קיין יום־טוב איז עס דאָך נישט, אָט דרעהט מען זיך אין גאַס אַרום, מען רויכערט, די צוקערדיגע געוועלבער זענען אָפען, און אין דער־וואָכענס איז עס אויך נישט. — אַלע געהען האַלב יום־טוב׳ריג אָנגעטהון, דאָס שטעדטעל דרעהט זיך פוסט און פּאַס אַרום, דער שניידער האָט אַוועקגעוואָרפען די שער, דער שוסטער די נאָל, אַזוי ווי גאָט וואָלט אויפ׳ס ניי דעם מן פון הימעל אָנגעהויבען אַראָבצו־וואַרפען. חלעבען, יודען האָבען אויפגעהערט קלעהרען וועגען פּרנסה — מען טהוט גאָר נישט — דאָס גאַנצע שטעדטעל — לעדיג־געהער, און מען הייבט אָן קלערען יועגען שדוכים...

נאָר דער עיקר האָט גאָט ברוך הוא בעשאַפען חול המועד פאַר יונגלעך. אוי, דאָס איז אַיום טוב פאַר יונגעלעך, אַ בעצאָה־לונג פאַר׳ן לאַנגען ווינטער — פאַר די לאַנגע פינסטערע נעכט אין חדר.

אין אַזאַ וואָכענדיגען יום־טוב טהוען די חדר־יונגלעך פון איין שטעדטעל אין צווייטען צו גאַסט צום זיידען פאָהרען. אַ גאַנצען

גיט נור א קוק! איהר וועט מיט אזא אתרוג אויך יוצא זיין, נישט קשה, נישט קשה. דער גבאי קומט צו לויפען: קומט ברידער!

און וואס קלערט איהר? מיר גיבען א קוק אריין אלע, פון קליין ביז גרוים צו ר' חיים דוד, מיר גיבען זיך א לאז וועלען! ר' חיים דוד, שרייט, שעלט — נור דער קאטער הערט איהם, מיר צו ווארפען די קאסטענס, מען קלויבט אוים, און מען גיט אונזער רבי אדורכצוקוקען. וואס קלערט איהר? דעם בעסטען „העלט" האבען מיר געפאקט, אויך מיינע נאמנות—דאס שענסטע, פאר'ן רב האט ער געהאט בעהאלטען.

מיר האבען איהם גוט בעצאהלט, דריי רובל מזומנים, מיר דארפען דען הלילה, אז עס זאל ווער אונז געבען בחנם?

און דעם גבאי הערט מען. ווער עס הערט נישט – אויס חברה-מאַן. אויף דער וואַנד הענגט למשל אַ צעטעל: „מען זאָל זיך נישט דערוועגען צו ריהרען צום „ברעטל“, אַז דער גבאי וועט נישט הייסען“. און דו שטעה דיר, דאָס האַרץ געהט דיר אויס פאַר אַ מנחה׳לע, פאַר אַ קדושה׳לע, אָבער אַז דער גבאי הייסט נישט–איז „פערפעל“, ברודער, פערפעל! זעהט איהר, למשל, אויף סכות, דאַרף מען איין אתרוג׳ל. יעדען ערב יום-כפור געהט דער גבאי אַרום און נעמט צוזאַמען אויף אתרוג-געלד, און יעדער גיט, וויפיעל ער קאָן. און איהר מוזט וויסען, אַז דער עיקר איז אַ שענער אתרוג, וואָרום, ברודער, האָסטו דו אַ שענעם אתרוג–איז דיר אַ גאַנץ יאָהר שען. איז אָבער נישט... דעמאָלם ברו-דער... און ווידער, גוטער ברודער, מיט וואָס קענען מיר גאָט דיענען? מיט אַ פרק משניות, וואָס מיר קענען נישט? אַז נישט מיט אַ שענעם אתרוג. און פאַר וואָס נישט? וואָס, מען טאָר נישט? אונזער געלד איז אפשר קיין געלד נישט? האַ?

באַלד נאָך יום כפור געהען מיר מיט אונזער רבי צו ר׳ חיים דוד דיין אויסקלויבען אַן׳אתרוג׳ל. ר׳ חיים דוד דיין איז זיך אודאי איין ערליכער יוד.– ער האַנדעלט מיט אתרוגים– דאָך, ברודער, יעדער קוקט פאַר זיך, ער בעהאַלט זיך די „ממתקים׳לעך“ פ:ר די נגידים, מיר חברה „יגיע-כפים“–אַי, עס שאַט נישט, אָרימע לייט, וועלען מיט אַזאַ אתרוג אויך יוצא זיין.

און דער גבאי בעט איהם:

– ר׳ חיים דוד, מיר זענען פראָסטע יודען, מיר פער-שטעהען זיך נישט אויף די זאַכען, מיר גיבען דיר אַזוי פיעל און אַזוי פיעל און גיב אונז איין אתרוג׳ל, אַ זעלכעס, ברודער לעבען, וואָס מיר זאָלען זיך נישט האָבען מיט וואָס צו שעמען.

געהט מן הסתם, אַזאַ חיים דוד, און גיט אונז איין אתרוג׳ל. מיר געבען אַ קוק – „נישט קיין סחורה“, עפעס אַ ביסעל „גרינדלעך“ און „הויקערט“ צו; ווייזט אונז אַ צווייטען „בחור“–קיין לייט נישט.

דער גבאי בעט זיך:

– חיים דוד לעבען, קרוין, מיר וועלען דיר בעצאָהלען וויפיעל דו ווילסט, גיב אונז עפעס רעכטס!

און ער ענטפערט זיך:

און אונזער איינער איז זיך דאָרט פֿאַר זײַן געלד אַ שענער בעל־הבית. אין גאַס, למשל, אונזער׳ס איינער, וואָס איז מישטיינס־געזאָגט? שלעפּט זעק מעהל און ווײַטער פּטור, איינער רײַסט דעם צווייטען אָב די נאָז בײַ אַ זעקל מעהל, וואָס קען מען מאַכען? פּרנסה ברודער! אין דערהיים איז אַודאי צרות; דער קעלער קאַלט און ווילגאָטש, די קינדער: איינס וויינט ברויט, דאָס צווייטע איז קראַנק, און די יודענע גאָט איינער, די יידענע! אָבער פֿאַר דעם, אַז עס קומט שבת, יום טוב, טוט זיך אַ נאָש־בראַט די קאַפּעטע אָן, שמיערט די שטיוועל מיט אייל אויס און האָלאַ אין דער חברה.

פֿיער לאַנגע טישען, דרײַ לײַכטער אויף דעם טיש, איך זאָל אַזוי לעבען. אין מיט׳ן חברה האָסטו דיר איין „אַלמעמער", זאָג איך דיר אַ נײַעם, אַ צאַצקע. אליעזר דער סטאָלאַר האָט איהם געמאַכט, 5 קערבּוינעס קאָסט ער, הלעבען. טאַקע דאָס ארון־קודש׳ל הינקט אַביסעל צו, מילא, וואָס קען מען מאַכען, ברודער, אַז גאָט גיט אונז גיט מען איהם... ועט מען זיך אם ירצה השם פֿאַר׳ן „אַלמעמער" אויס צאָהלען, וועט מען איין אָרון־קודש׳ל שטעלען, אָבער דאָס ספר־תורה׳לע האָט מען עין־החיים׳ס געקויפֿט, און אַ נײַ העמדעל, אויף יום־טוב האָט מען די זילבערנע יד אויס־געלייזט, וואָס זי איז געוועזען פֿון גרויסען אומגליק אָן פֿער׳יישב׳ט בײַ אפרים קינדער־האָבען. און דער גאָסטינינער בחור האָט אונז אַ „מזרח׳ל" אויסגעמאָהלט, אין בית המדרש צו שטעלען. וואָס מען קאָן — מאַכען מיר.

און די גבאים, בײַ אונז זענען נישט קיין מחלוקת, חאָטש אָרימע „וויסאַבניקעס" — דאָך פּאַריאַדעק איז. אין דער חברה „תמימי דרך" — פּרוצים זענען אַלע, ווילען זיי גבאי ווערען. מיר, האָבען זיך אונזער קלפּי, און יעדען סכות, אסרו־חג אויף דער נאַכט, קומט מען זיך צו זאַמען אין חברה, דער רבי שרײַבט אויס קוויט־לעך, יעדען חברה־מאַנ׳ס־נאָמען, מעג ער זײַן ווער ער איז, יעדענס, די קוויטלעך לעגט מען אין אַ קאַפּיל אַרײַן און אין אַ צווייט קאַפּיל לעגט מען ווײַטער לעדיגע קוויטלעך אַרײַן, מיט דרײַ אויפֿגעשריבענע; מז״ט „גבאי ראשון" מז״ט „גבאי שני" מז״ט „גבאי שלישי", און אויף וועמען דער גורל פֿאַלט, וועמען גאָט בעגליקט, דער זאָל זיך זײַן גבאי געזונטערהייד, קיין האָהן וועט נישט קרייהען:

# אונזער חברה׳לע.

(אַ מאנאלאג).

מיר זענען אָרימע חברה־לייט, מיר ווילען זיך נישט שעמען, וואַסער־טרעגער פּשוט׳ע, אונזער חברה׳לע איז אָרים, און אונזער ספר־תּורה׳לע איז אָרים. נישט געפּוצט, נישט געשמוקט, אַ פּשוטע, אַ גאַנצעס וואָך זענען מיר דאָך פערנומען, אַרבייט׳ס־כּענ־שען... צרות איבער׳ן קאָפּ. אָבער שבת, זעהט איהר, דאָרט אין די חברה...

אונזער חברה׳לע, אונזער ספר תּורה.

— גאָט׳ס אַ פאָלק, נישט קיין רייכ׳ס, אָבער ווי ווייט מ׳קען טהוט מען דאָך איהם צוליעב.

ר׳ טוביה דער צווייטער שוחט, אַ שענער יוד, וואָס ניין?— אונזער חזן. ר׳ גבריאל מלמד—אונזער רבי. צעהן גילדען אַ חודש און יעדען שבת נאָכ׳ן דאַווענען — מיר זענען הונגעריג—דאָך שטע־הען מיר, און מיר הערען אויס, וואָס דער רבי לערנט מיט אונז.

אונזער׳ס אַ חברה—מאַן, פיהלט זיך גוט אין די חברה. אין שטאָדט־זאַלען, אַ חזן אויפצונעהמען, למשל, אָדער אַ שוחט, ווערט מען דאָך אַ נאַש־בראַט קיין דעה נישט פרעגען. קיין עטאַט צאָהלט ער נישט און קיין דעה האָט ער נישט; חאָטשי די שוהל קעהר זיך מיט אונז אָן פונקט אַזוי ווי מיט זיי; אונזערע טאַטעס האָבען פונקט אַזוי די ציגעל געברענגט ווי זייערע טאַטעס, און אַ ווייב און קינד האָבען מיר אויך, און אויף אַ שטיקל פּרנסה דאַרף אַ נאַש־בראַט אויך בעטען, וואָס ניין? איז דאָך גאָט פונקט אונזערער ווי זייערער... נור געה שריי חי וקים, אַז דו האָסט קיין געלד נישט. פאַר דעם האָבען מיר אונזער שוהלכ׳ל, אונזער ספר־תּורה׳לע און אונזער חזן.

יעדער חברה־מאַן צאָהלט צעהן גראָשען אַ וואָך, געלד איז דאָ, און קיין פרעמדע בעל־דעות דאַרפען מיר נישט.

זאָגען ... אַלץ הייסט געזאָגט! העֶרסטו, מיט'ן נגון, ברודער, הויך, אָט אַזוי. ואני און איך — און ברודער — און העכער ... אין בית־המדרש האָט עס געקנאַלט ווי מיט בייטשען, ווי אויף לאָוויטשער יאָהר־מאַרק — אָבער אַזוי ברודער, זאָג איך דיר — אַזוי — אַזוי ברודער, די האָלירע האָט דיך גענומען אויף'ן אָרט — — — און בעריל האָט געגעבען אַ לאָז אַראָב די בייטש אויף די פערד, אַז זיי האָבען זיך אויף די הינטערשטע פיס געשטעלט.

— איך האָב נור מורא, אַז עס זאָל זיך איהם נישט פערגלוסטען מיט דיר מיט צוחאַפּען זיך צו די „בריעפען־שטעלער" קיין וואַרשע — מען האָט מיר שוין געזאָגט — היט דיך ברודער, וואָרום איך וועל דיר דעם מאַרך־ביין איבערהאַקען.

תורה... וואָס זאָל איך דיר זאָגען, דו מיינסטו ער איילט זיך עפּעס? ניין! הערסט דו, טריט ביי טריט געהט ער זיך, ווי משה־גאָמבינער׳ס פערד אויפ׳ן נייעם שאַרליינער וועג. היָסט דיר קיין שטיינדעל נישט — אָט ברודער, ווי אַ טיש — עס געהט זיך אַזוי ווי די בייטש וואָלט צו־געקנאַלט ראַז־דוואַ. ווי שאַרפע פּאָדקאָוועס אויפ׳ן געפרוי־רענעם שניי אין אַ טבת־נאַכט... זאָג איך דיר, איז געוואָרען אַ גע־קוקעריי אַראָב פון די ווייבער־שוהל, איז געוואָרען אַ געסוד׳עריי — מאַצני־וואויטיק׳ס־מאַצני־וואויטיק׳ס — איך האָב מורא געהאַט, אַז מען זאָל נישט אַנ׳עין־הרע אָבשפּרעכען. — בין איך אַרויף געגאַנגען אויפ׳ן בעלעמער, און האָב איהם אָנגענומען ביים קאָלנער. געה אַראָב, זאָג איך צו איהם, האָליע דיך אַ נידער, און איך האָב שוין גענוג, זאָג איך, לאָז דיך די האָלירע האַפּען!..

הערסט, קומט מען אַריין בריעף שרייבען, משה׳לע אָרעל׳ס, מיט׳ן קאָלנער, דער מיט די ברילען, „דער־דייטש"! קענער׳ס זענען זיי אַלע, זאָגט ער; גוט, וואָס זאָל איך שרייבען? — זאָגט יענער, אַ „טיטעל־בריעף". רופט זיך אָן מיינער; אַ טיטעל ווייס איך אַליין צו שרייבען, אָבער דו זאָג מיר „דאָס לונג און לעבער" צוזאַמען. זאָגט יענער: „צו אַ מחותן". רופט זיך מיינער אָן: „גענוג!" און גיט זיך דיר אַ טונק איין די פעדער, און גיט זי אַ מאַך. אַ דרעה אויפ׳ן פּאַפּיר — מיט דער פעדער אויפ׳ן פּאַפּיר, אַזוי ווי אַ קאַרעטע מיט אַ פּאָר פערד וואָלטען זיך אויסגעדרעהט...

קומט צו פאָהרען צו אונז דער ליטווישער מגיד, הע, ער קען דאָך יאָ! ליטוואַקעס קענען דאָך עפּעס, זיי האַלטען גאָר נישט דערפון... הערסטו, געה איך פאַר נאַכט מיט מיינעם אין בית־המדרש אַריין, קום איך אַריין, שטעהט דער מגיד און זאָגט אַ דרשה... נאָך מעריב געה איך צום מגיד, אַז ער זאָל מיינעם פערהערען אין תנ״ך. זיי קענען דאָך עפּעס יאָ. דערלאַנגט דער מגיד אַ פרעג מיי־נעם. נו, יונגעל קענסט עפּעס? — ענטפערט ער: איך קען גאָר נישט. דו הערסט? „איך קען גאָר נישט"! — וואָס האָסט דו געלע־רענט? פרעגט ער איהם. „משלי" ענטפערט ער. גוט, זאָגט ער, נעהמט אַ ספר און גיט איהם אַ מיש אויף אין סאַמע ראָדנע מיטען... זאָג — זאָגט ער. גיט, הערסטו דו, מיינער זיך אַ נעהם, הוסט זיך אויס, שנייצט די נאָז אויס און גיט אַ קוק אַריין, — אַוש דער מאַרך־ביין האָט זיך איהם געגעבען אַ שטעל אויף און הויבט אָן צו

— וואָס זאָל מען טאָן! — שמייכעל איך.

און מיר מײַדען אויס פעלדער און סעדער, מיר פאָהרען דורך שטילע, רוהיגע דאָרפ׳ס־גאַסען, וואו די הייסע זון האָט די איינוואָהנער אין די געצעלטען אַרײַנגעשלעפט, און פאַר טהירען נאָר שפּיעלען זיך קליינע קינדער אין זאַמד און שטיינדלעך. אונזער ערשײַנונג מאַכט די ערשטע מינוט אויף זיי איין אײַנדרוק: זיי בעוועגען זיך, מאַכען מיט די הענדטלעך, שרייען אונז נאָך, באַלד דאָך מײַדען מיר זיי אויס, און מיר לאָזען זיך ווייט אין וועג אַרײַן...

ווי אַלטע בעקאַנטע הויבען מיר זיך אָן אויסצושמועסען, פערצעהלען איינער דעם צווייטען, וואָס און ווען עס איז מיט איהם. ער פערצעהלט מיר יעצט פון זײַן יונגערן זוהן יצחק׳ל.

— הערסט, אַז דער עלטערער איז געבוירען געוואָרען, איך האָב אָנגעקוקט די „זמאַרטיוויעניאַ" — האָב איך מיך באַלד אָנגערופען צו מײַן שוואַרצער נחה: נחה — דער „חוש" איז געראָטען אין דײַן משפחה אַרײַן! ער וועט איבערבלייבען אַ מאַצני־וואויטיק ביז אין טויט אַרײַן.

איז געקומען צו שווימען דער צווייטער — דאַרפסט דו צו זעהען אַ בחור, ער עסט דיך אויף מיט די אויגען. אַש, ברודער, פייער און פלאַם, און וואָס דו ווילסט! ווילסט... אַ דײַטשען בריעף, אַ לשון־קודש׳ן, אַ פרשה־חומש מיט רש״י אָדער אפשר אַ שטיקל משלי — נעהם די לייצעס אין די האַנד אַרײַן און דו פאָהרסט ברודער, אַפילו קיין דאַנציג.

הערסט, קומט צו מיר צוגעהן דער וואָרקער מלמד, און זאָגט צו מיר אַזוי: מאַצני־וואויטיק, דו ביסט אַ מאַנצי־וואויטיק, אָבער אַ יונגעל האָסט דו, וועט ער, ברודער, וועלטען אײַננעהמען. זאָג איך צו איהם: אַזוי איז גוט, נעהמט איהם צו זיך. געהט ער צום וואָרקער, הערסטו דו — קומט ער אַ היים און ניט מיך אַ רוף: פאָטער, און מײַן נחה׳ן: מוטער, און גיט מיר אַ קוש אין דער האַנד און גיט נחה׳ן אַ קוש אין דער האַנד אַרײַן, און זאָגט צו מיר „דער דאָזיגער", הערסט, אַזוי איז גוט. אַ בייזע נאַכט אויף דײַן קאָפּ, זאָג איך צו איהם, „אַ דאָזיגער" איז גאָר אויף מיר געקומען, וואָס זאָגסט דו נישט צו דעם? פאָטער רופט ער מיך שוין גאָר, דוד׳ל. הערסט דו, רעדט ער צו מיר?

דו דאַרפסט איהם צו הערען שבת לייענען ביי אונז אין ספר־

האָב פאַר'ן טאַטען מיט'ן פעטער שיר־השירים איבערגעזאָגט, און דער גרויסער שטוב, וואָס די פענסטער זענען אַרויסגעגאַנגען און קיילער־געסעל אַריין, האָב איך געהערט בעריל'ס קול פון די באַנק, וואָס איז געשטאַנען הינטער אונזער פענסטער, ווי ער טשעפעט די דינסט־מיידלעך, און מיין שיר־השירים־קול האָט זיך אויסגעמישט מיט זיינעם, און אויף מיר האָט עס דעם איינדרוק געמאַכט ווי צו־זאַמענגעגאָסען קודש און חול...

נאָך אַ געוויסע צייט, ווען איך בין אַהיים געקומען אין אונזער שטעדטיל אַריין, בין איך געוואָהר געוואָרען, אַז מאַצני־וואויטיק האָט חתונה געהאַט, און איז געוואָרען אַ גאַנץ „אָרענטליכער מענש", און געהט יעדען שבת דאַווענען אין די פורמאַנישע חברה. און האָב עס נישט גלייבען געוואָלט, ביז איך האָב נישט מיט מיינע אייגענע אויגען געזעהן, פרייטאָג פאַר נאַכט, ווי מאַצני־וואויטיג, אַהיים טראָגענדיג היי פון מאַרק פאַר'ן פערד אויף שבת האָט ער אין האַנד געהאַלטען ליכט פאַר'ן ווייב אויף שבת — אויף מיר האָט עס דעם איינדרוק געמאַכט, ווי אונזער געסעל, דאָס קיילער געסעל, איז אַ „אָרענטליכער מענש" געוואָרען, וויל זיך צופוטצען צו די פראָנט־גאַס, און געהט שוין אויך שבת אין בית־המדרש אַריין דעם מגיד הערען...

— ערקענסט מיך בעריל — פרעג איך איהם?

ער האָט מיך אָנגעקוקט, און האָט מיך באַלד דערקענט, זאָגט ער:

— שלום, איך זאָל אַזוי לעבען — האָסט דיך דאָך עפּעס פערשטעלט!

און ער האָט געגעבען צו מיר אַ שטרעק אויס זיין האַנד — אַ פלעצעל אייזען, און די פינגער, ווי צינגער אָנגעגליהטע אייזען.— דו ראַמפּעלסט היינט אויף די קאָזאַצקע פערד אַרום, זאָגט מען. לא קם! ברודער! זאָלסט אַזוי לעבען מיט מיר, פון מחות'ן האָסט דו געשריבען אַ „שטיקעל" אין „בריעפען־שטעלער" זאָגט מען. דיין וואָלף האָט איהם אַריינגענומען און איבערגעלייענט האָבען זיך איהם די בעבעכעס אין בויך מיט'ן קאָפּ קאַפּויר געשטעלט... היט דיך, גוטער ברודער, אַז דו זאָלסט נישט צווישען זיינע פינגערלעך אַריינפאַלען. ווען ניט טראָגט ער דיר אַ באָק אונטער און דו ביסט אַ „קדוש"!

# א שמועס.

איך בין געפֿאָהרען מיט איהם פֿון קוטנע קיין לענטשיץ. דער טאָג איז געווען אַ הייסער זומער=טאָג. די זון אין טיעפֿען הימעל איינאַרטיג, ברייט און ווייט. וואו נישט וואו באָדען זיך העל̃יכע, נגידישע, לייכטענדע וואָלקענדליך, ווי פֿליגעלן פֿון מלאָכים'לעך, פֿאָהרענדיג אין דעם טיעפֿען הימעל; פּוילישע שאַרע פֿעלדער ציהען זיך ווייט און ברייט אַוועק, הויכע שאַרע טייכען זאַנגען, אין מיטען גנב'ט זיך אַריין אַ געלער בייט גערשטען, ווי אַראָבגע= פֿאַלען פֿון הימעל — און אויף די שאַרע איינאַרטיגע פֿעלדער רויטעלט זיך אַ רויטער פֿלעק פֿון אַ פּויערישע יאַקע, ווי דירעקט פֿון מאַלערס האַנד אַרויפֿגעוואָרפֿען אויף דעם שאַרען לאַנדשאַפֿט. דאָ און דאָרט אַ ווייסער שווישטשענדיגער פֿלעק פֿון געקאַלעכטע הייזער אין דער זון.

אַ ווייס בליהענדער עפּעל גאָרטען, שיקט די צווייַגען פֿון קליינעם שוואַרצען פֿלאָט אַרויס, און די פֿלעקען אויף דעם שאַרען גרונד האַרמאָנירען צוזאַמען, בעשאַפֿען זייערע פּאַסענדע טענער און דאָס קלינגט צוזאַמען, ווי ש אָ פּ ע נ'ס אַ פֿאָלקס=מאַזורקע. ווי סטאַניסלאַווקי'ס אַ טענער=לאַנדשאַפֿט.

אין בויד איז מיר הייס געווען, און איך האָב נישט געקענט פֿער= טראָגען דעם גערדיכטען רויך פֿון די ציגאַרען, וואָס האָבען זיך גלייכגילטיג פֿון די יודענס בערד אַרויסגעטראָגען. און אויף דער צווייטער זייט — אַ פֿרום כשר כריסטען=געזיכט, פֿון אַ אַלטעם איבערגעזעסענס פֿרייליין, וואָס האָט די גאַנצע צייט דעם קרייץ געקושט, ווי זי וואָלט עפּים זיסעם צווישען די ליפּען גענאָגט... בין איך אַרויס און אויפֿגעזעצט מיט'ן קיישעל צום פֿוהרמאַן.

בעריל מאַצני=וואָויטיק איז מיינס אַ בן=עיר, אין איין גאַס יענען מיר אויפֿגעצויגען געוואָרען. פּסח, געדענק איך, ווען איך

אָן צו דריִמלען. יענטע וועקט איהם יעדעס מאָל אויף—דער קאָפּ וויינער פאַלט וויעדער אַראָב. זי הויבּט אויך אָן צו דריִמלען.

צו דער צווייטער סדר־נאַכט האָט יענטע שוין נישט געלאָזט—זי אַליין האָט אַריינגעבּראַכט דעם שאָלאָטשאָווער בּחור, געגעבּען איהם צו עסען, ער זאָל דעם סדר אָבּרעכטען.

אָבּער מאָטע האָט דערפון פערדרוס געהאַט.

— אַ חורבן נאָך דיין פנים, ווי דו רעכסט אָב דעם סדר, זאָגט צו איהם יענטע.

— האָסט דו אַ זאָרג, זאָגט ער צו איהר, האָסט אַ געשעפט מיט דעם, מצות איז דאָ, קניידליך אויך, אַריין מיט דער גדולה.

— און די הגדה!—

— מען זאָגט דאָס דאָך שפּעטער, נאָכ'ן עסען. ווסייט דען נישט?

יענטע שטעהט אַ ווײַלע קלערענדיג, וואָס מען טהוט, צי דערלאַנגען דאָס עסען אָדער ניין, זי צווייפעלט, זי זאָל פאָלגען דעם מאַן אָדער נישט.

— נו, וואָס שטעהסט דו, גיט אויף איהר מאָטע אַ געשרעה.

יענטע האָט איהם געפאָלגט און זיי זיצען ביידע און עסען.

— און איצט—זאָגט מאָטע,—וואַרט נאָר, וואַרט נאָר, כוסות, ווען טרינקט מען די כוסות?

— וואָס פרעגסט דו מיך—רופט זיך יענטע אָן דערשראָקען.

מאָטע גיעסט אָן צוויי כוסות. טרינק, יענטע, זאָגט ער טרינק. אַזאַ יאָהר אויף מיר ווי אַ ווײַבעל דו ביזט.

ער נעהמט זי אַרום.

— די הגדה, די הגדה, שרייט יענטע.

— אָט שוין, אָט שוין—זאָגט מאָטע,—וואַרט, זאָג איך, „עבדים היינו”. און מאָטע הויבט אָן צו זאָגען, ער געגעצט, ער הויבט אָן צו דרעמלען. יענטע גיט איהם אַ ריס—מאָטע גיעט אַ קוק אויף איהר און זאָגט ווײַטער.

ער גיעסט ווידער אָן אַ כוס און זאָגט: טרינק, יענטע טרינק,

— און אַפיקומן, רופט יענטע.

— אַפיקומן, אַפיקומן, ברומט מאָטע, וואַרט נאָר, יענטע, היינט אַ יאָהר, וואַרט ווי וועט מען איהם אַ נאָמען געבען, איין נאָמען זאָל זיין נאָך מײַן טאַטען, איין נאָמען נאָך דײַן מאַמען. יאָ, יענטע, יאָ,—ער נעמט זי אַרום, און זאָגט ווײַטער: יענטע, ער וועט אוועקגעבען דעם אַפיקומן, חאַ, חאַ, חאַ, הערסטו יענטע?

ער קושט זי.

— אָבער דער סדר, אַחורבן. אַ יור זאָל אַזוי דעם סדר אָבּרעכטען, בייזערט זיך ליעבליך יענטע.

מאָטע זאָגט ווײַטער די הגדה—טרינקט נאָך אַ כוס און הייבט

וואָס פיהלט און לעבט מיט די מענשען. די נייע אויסגעפוצטע גלעזלעך, וואָס שטעהען אויפ׳ן קאָמאָד און פונקעלן זיך צו׳ם שיין פון די צוויי ליכטלעך, וועלכע ברענען אין דעם פּאַפּיערע־נעם לייכטערעל אויף דער וואַנט, זעהען אויס יום־טוב׳דיג, אלץ איז איבערגעצויגען מיט אַ יום־טוב׳דיגען גייסט.

פּאַר מאָטען שטעהט אַנ׳אָנגעגאָסענער כוס, אין דער האַנד האַלט ער די נייע הגדה.

ער ווארפט אַ בליק אַ מאָל אין דער הגדה, אַ מאָל אויף יענטע׳ן, ווי ער וואָלט פרעגען איהר אַנ׳עצה, וואָס מען טהוט, ווי הויבט מען אָן, ווי לאָזט מען אויס.

מאָטע ווייס, אַזוי געדענקט ער נאָך, אַז מען דאַרף דעם כוס אויסטרונקען, אָבער ער שעמט זיך, ער קאָן ניש.

– מאָטע מאַך קידוש, רופט זיך יענטע אָן דערשראָקען און ווערט ווייס, וואָס זי אַ פראָסטע יורענע זאָגט אַ דעה אין אַזעלכע הויכע ענינים.

מאָטע האָט אַראָבגעגלאָזט זיינע אויגען אין דער הגדה אריין, געמורמעלט עפּעס מיט די ליפּען, און צונעמענדיג דעם כוס צו׳ם מויל האָט ער נאָך אַ מאָל געוואָרפען אַ בליק אויף יענטע׳ן, ווי ער וואָלט זי דערמיט געפרעגט, אויב עס איז גוט אַזוי.

– – – – – – – – – – – – – – – – – – – – –

ער האָט עס אויסגעטרונקען און געגעבען דערפון יענטע׳ן.

דערנאָך האָט ער זיך ווייטער צוריק אַנידערגעזעצט, אריינ־געקוקט אין די הגדה.

– יענטע, בייג דיך אויך אריין, יענטע, – זאָגט ער צו איהר – רוק זיך אַביסעל צו.

זי האָט זיך צוגערוקט צו איהם:

– איצט וועלען מיר, יענטע, ביידע אויפהייבען דעם טעלער.

יענטע האָט אויסגעשטרעקט איהר האַנד, זי איז רויט געוואָרען – און קלערט ביי זיך: „ווי קום איך צו דעם?"

– אַ קשיא, ווער וועט פרעגען די פיער קשיות, זאָגט ער צו איהר.

יענטע שווייגט.

– אָבער היינט אַיאָהר, גיט מאָטע אַ ווינק צו איהר, און נעמט זי אָן ביי דער האנד. אַהאַ יענטע – ער ווינקט צו איהר און לאַכט.

נאָר איין זאָרג האָט ער, ער ווייסט נישט וואָס צו טהון. אַלע יאָהר איז עפּעס אַנדערש. אַנ'אַנדער זאַך. ער וויל עס פערגעסען.

קיין גרויסער בריה אין די קליינע אותיות'לעך איז ער נישט. וואָס טהוט מען מיט'ן סדר אָבריכטען?

אַריינגעהמען אַ בחור ווילט זיך איהם נישט. איינס, ער וויל אַליין זיין בעל־הבית, אַליין זיצען אויפ'ן הסב־בעט, און ער וויל אויפהויבען מיט'ן וויַיב די קערה, און ער קאָן נישט ליידען, אַז פרעמדע קוקען איהם אין שיסעל אַריין.

אָבער וואָס טהוט מען מיט'ן סדר?

ער האָט זיך שוין געלאָזט גיהן אין בית־המדרש אַריין נאָך אַ בחור, אָבער ער קאָן נישט.

ניין, וואָס עס וועט זיין, דאָס זאָל זיין, מען וועט זיך אַנ'עצה געבען.

---

פסח אויף דער נאַכט.

אַ קליין אויסגעווייסט שטיבעל, די פיער ווענט זעהען אויס, ווי זיי וואָלטען זיך פריינדליך צוזאַמען בעהעפטען צו שיטצען דאָס קליינע חדר'ל; אין מיטען שטוב שטעהט אַ קליין ווייס בעדעקטער טיש, אויף איהם פינקלען זיך די צוויי אויסגעפוצטע מעשענע לייכטערליך, וואָס זיי האָבען געקראָגען „דרשה־געשאַנק", דריי מצות צוגעדעקט מיט אַ ווייס טישטיכעל, אויף זיי אַ טעלער מיט שאַר־ירקות; מאָטע זיצט אויפ'ן בעט אָנגעטהון אין זיין נייַ חאַלאַטיל אין אַ ווייסען קיטעל. זיין דיק געזיכט זעהט אויס ערעלער און פיינער. יענטע זיין ווייבעל זיצט ביי זיין זייט, אַ שען יונג ווייבעל, רויטע פלאַמעדיגע באַקען, איינינע שוואַרצע האָר קוקען אַרויס פון דעם ווייסען הייבּיל, וואָס בעחנ'ט איהר פנים. זיי ביידע זיצען עפּעס מיט שרעק זיי שפירען ביי זיך, אַז זיי געהען טהון אַ זאַך, וואָס זיי זענען נישט ראוי דערצו. פון דערווייטענס זעהט מען די ווייסע נייע פאָרהאַנגען, וואָס בעהענגען דאָס פענסטער, און די צוויי רויטע פאַפירענע בלומען, וואָס זענען אַריינגעשטעקט אין זיי, איינינע אָבגעפוצטע בלעכליך מיט פאַפירענע בלימעלעך הענגען אויף די ווענט. דאָס שענקיל קוקט אַרויס, זעהט אויס ווי עס וואָלט דאָ געווען אַ היימישער

ווי מען וואָלט איהם גענומען און גאָר אין גאַנצען איבערגע־מאַכט מיט דער האַנד.

מאָטע זיצט אַ גאַנצען שבת אין דער היים און זאָגט „ברכי נפשי".

אין דער וואָכענס אַרבייט מאָטע עפּעס מיט מעהר פלייס, מיט מעהר לוסט. עס קומט אויף דער נאַכט, פיהלט ער עפּעס אַ בענקעניש אַ היים צו קומען, און גיעט נאָך אַ שמיץ די פערד־ליך, אַז זיי זאָלען פלינקער געהן.

שבת, פרייטאָג צו־נאַכט, ווען מאָטע זיצט ביי זיין ווייס געדעקטען טיש, קוקט ער זיך אַרום אויב עס איז נישט ווער דאָ אין שטוב אַ העכערער פון איהם, און ער קאָן דאָס גאָרנישט פערשטעהן, אַז דאָס איז אַלץ זיין, אַז דאָס זיצט ער ביי אַ גע־דעקטען טיש און ער אַליין איז דאָ בעל־הבית, און ער זיצט ווי אַ פרעמדער, ער האָט זיך מורא אַ ריהר צו געבען.

מאָטע האָט שוין אַוועקגעוואָרפען אַלע שטותים, ער מישט זיך שוין נישט אַריין אין די חברה „וואָהלע־יונגען", עס געהען איהם די נאַרישקייטען נישט אָן. און ווען ער זעהט איינעם פון די היינטיגע חברה, קוקט ער אויף איהם מיט אַ שמייכעל, ווי ער וואָלט זאָגען: ער איז מיר אויך אַ „וואָהלער־יונג".

---

עס איז ערב פסח, דער ערשטער פסח, וועלכען מאָטע פראַוועט אַליין ווי אַ בעל־הבית.

מאָטע האָט זיך שוין אָנגעגרייט מצות, זיי זענען שוין אין קאָרב אויפ'ן בוידעם, אַפילו מיט די זעקס מצה־שמורה צו די צוויי סדר־נעכט. דאָס פעסיל באָרשט שטעהט ביי'ם אויווען, עס איז בעדעקט מיט אַ ריינעס שירץ, דאָס בעט שטעהט שוין ביי'ם טיש, חרוסת האָט דאָס ווייב אויך שוין געמאַכט, אַלעס איז שוין גרייט.

דער שניידער האָט איהם שוין אָבגעבראַכט דאָס חאַלאַטיל, וואָס ער האָט זיך געמאַכט אויף יום־טוב, אויך דעם ווייב האָט ער געקויפט אַ פּאָר נייע שיך, אַ נייען שאַטעל, — אַ קלייד האָט זי נאָך פון דער חתונה.

מאָטע האָט זיך געלאָזט אָבשערען, געווען אין מקוה, גע־קויפט זיך אַ ניי קאַשקעטיל און אַ נייע הגדה, ווי אַ בעל־הבית.

מעדלעך מיט די שניידער-יונגען צוזאמענגענומען ביי שרה ביילא'ן די אויבם-הענדלערין און האבען געמאכט א טענציל. מן הסתם איז דער ערשטער געווען מאטע, ווארום אז ניט ער, וואלט דער שמש נישט געלאזט. הכלל עם וואלט גאר אהן איהם זיך נישט אנגעהויבען.

נאר אין מיטען בעסטען טאנצען פאלט מאטען איין און ער יאגט ארוים די יונגען און די מעדען — ער פעריאגט אלע און לאזט נישט טאנצען, און דוד'קען דעם קאמאשען-מאכער האט ער צוהרג'ט. פארוואס — ווייס קיינער נישט. דאכט זיך, ער האט דאך פונקט געטאנצט ווי אלע.

נאר ער האט זיך געפיהלט עפעס נישט היימיש. ער איז דא פרעמד אין גאנצען, טאקע אלע מעדלעך לאכען צו איהם פריינדליך, אלע רעדען מיט איהם ליעבליך, אבער עם איז ניט ווי צו דוד'ן; צו דוד'ן עפעס זענען זיי פריינדליכער און צו איהם איז כלויז מורא: מען ווארפט דעם הונד א ביינדיל, ער זאל נישט בילען. אזוי האט עם אויסגעזעהן ביי איהם.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ווער ווייס, צו מאטע וואלט חתונה געהאט, ווען עם וואלט זיך נישט פלוצלונג געמאכט אזא מין מעשה.

יענטע פייגה דער קרעמערקעס טאכטער איז א כלה געווען פאר א שוסטער-יונג, נאר 2 טעג פאר דער חתונה האט דער חתן צוגענומען די 400 גילדען, וואס מען האט איהם געגעבען נדן, און דער כלה'ס גאלדענע אויערריגגלך און האט געמאכט ויברח. אלץ איז שוין געווען אנגעגרייט, די גאנצע חתונה פארטיג, און דא מאכט זיך אזא מעשה, האט לייזער'קע שדכן דערצו זיך גענומען און דורך די 2 טאג איז מאטע געווארען חתן און מען האט מאטע'ן געפיהרט צו דער חופה.

און זיצענדיג, אויף דער נאכט נאך דער חופה, אויבען-אן אנגעטהון אין א שענע קאפאטע, קוקט זיך מאטע ארום און לאכט אין זיך: „ווי הייסט דאס, ווי קום איך דא אהער? בין איך טאקע מאטע, אדער איך, מאטע, בין גאר אנ'אנדערער".

און מאטע האט חתונה געהאט.

נאך דער חתונה איז מאטע געווארען גאר אנ'אנדער מענש,

אַליין ווייסט ניִשט. ער האָט קיינמאָל וועגען דעם גאָר ניִשט גע־קלערט, און אַלע וואָס קענען איהם מיינען, אַז מאָטע איִז שטענדיִג געווען איִן דעם עלטער, תּמיד געווען אַזוֹי הויך און תּמיד געהאַט אַ געשטופּעלטען פערברענטען פּנים ווי אַ לעדער, דאָס פּנים מיִט די הענד זיינע האָבען איין קאָליר. אָנגעטהון געהט ער סיי זומער סיי ווינטער איִן דער אייגענער סערמיאַנקע, וואָס מען קאָן ניִשט בעצייכענען וואָס פאַר אַ קאָליר זי האָט, נאָר איִן שטיוועל קאָכעט ער זיך, איבער די גאַנצע פיס ביז אויבען אַרויף מוזען די חאָליעוועס גערייכען, און אייזערנע פּאָדקאָוועס מוזען זיי האָבען, עס זאָל קלאַפּען איבער די שטיינער.

אַלע האָבען מורא פאַר מאָטע'ן, אַפילו דער דאָזאָר מיִט'ן גאַנצען כלי קודש, און ווען מאָטע שטעהט ביי דער טהיר איִן שוהל און זעהט דעם דאָזאָר, גיט ער אַ ווינק מיִט די אויגען, מאַכט ער מיִט'ן מויל „פּסס", ווי ער וואָלט זאָגען: „קוקט נאָר אָהן דעם, איהר זאָלט מיר לעבען".

און מאָטע נויט, אַז אַלע יונגען און מעדען, וואָס געפינען זיך איִן שטעדטעל, זאָלען איהם צאָהלען חודש־געלד, אַז ניִשט ווייזט ער דעם בלייענעם קנאָפּ, וואָס איז אויף זיין זעלנערישען פּאַשעק.

דאַרף זיך אַ יונג שלאָגען מיִט'ן צווייטען, קומט מען צו מאָטען און מאָטע גלייכט אויס; מען מאַכט אַ סעודה און עס ווערט ווייטער גוט, מיִט איין פייף איִן די אויגען פיהרט ער אַלעס אויס.

און מאָטע געהט שפּאַציִרען שבת נאָכ'ן עסען איִן די גאַסען פון שטעדטיל. ער קוקט אויף אַלעם, אויף די הייזער, אויף די געוועלבער, מיִט גאוה, ווי עס וואָלט הייסען: אַלעס איז מיין. איך האָב זיי אַלעם איינגעטהיילט. דעם אַ הויז, דעם אַ געוועלב, און זיך זעלבסט האָב איך מיר גענומען דעם שטאַל.

פון איין זאַך האָט מאָטע פערדרום — פון די מעדלעך איִן שטעדטיל. אַלע רעדען מיִט איהם, אַלע פרעהען זיך מיִט איהם, נאָר ער ווייס, אַז דאָס איז געמאַכט, ניִשט אמת. מען האָט נאָר מוראָ פאַר איהם, אַליין איז נאָר אויס מורא, ווייטער גאָרניִשט.

און אַ מאָל שבת נאָכ'ן עסען, ווען דאָס גאַנצע שטעדטעל איז געווען פערשלאָפען ווי איִן אַ שבת'דיגע נאַכט, האָבען זיך אַלע

# די ערשטע סדר-נאַכט.

מען רופֿט איהם מאָטע. ער איז אַ פֿוהרמאַן.

און מאָטע האָט נישט אויף דער וועלט, און נישט אויף יענער וועלט קיינעם אויסער די צוויי ווייסע שימלען, וואָס ער טרייבט זיי אָן.

זיין היים איז דער שטאַל, זיין גאַנצע פֿאַמיליע זענען די שימלען.

ווער ער איז, פֿון וואַנען קומט ער אַרויס, נישט ער נישט פֿרעמדע ווייסען דאָס. דאָרט אין שטאַל, אין אַ ווינקעלע אויף אַ בינדטיל היי, פֿערשטעלט מיט צוויי ברעטער, דאָרט, דאַכט זיך איהם, איז ער געבאָרען געוואָרען און דאָרט וועט ער שטאַרבען.

דעם פֿאָטער געדענקט ער לחלוטין נישט, נאָר די מוטער'ס בילד שוועבט איהם אָפּטמאָל פֿאַר די אויגען ווי אַ שיין פֿון אַקליין גראָשענדיג ליכטעל, וועלכע ווערט באַלד פֿערלאָשען: איהר אַלט פֿערקנייטשט און פֿערזאָרגט פנים זעהט ער, ווי אין אַ חלום מיט דעם הייביל, וואָס איז פֿעסט אַריבערגעצויגען ביז איהרע האַלבע אויערען.

און זייט ער געדענקט, געדענקט ער נאָר דעם שטאַל און די שימלען.

דאָס זענען זיינע בעסטע פֿריינד. איז איהם אַ מאָל עפּעס שווער אויפ'ן האַרצען, נעמט ער אַרום דעם שימעל'ס האַלז און קוקט אין דעם פֿערד'ס גרויסע פֿערגלעזערטע אויגען, און איהם דאַכט זיך, אַז דאָס פֿערד פֿערשטעהט איהם, און עס בעדויערט איהם, קוקט אויף איהם מיט אַ מינע ווי עס וואָלט זאָגען: אַ רחמנות אויף דיר, מאָטע, ביסט אַ גוטער ברודער.

און אויך מאָטע פֿערשטעהט גוט די פֿערד. מיט אַ קוק אויף זיי ווייס ער, וואָס עס פֿעהלט זיי. „אהאַ, מיינע קינדערלעך זענען מיר שוין הונגעריג, נאַ, נאַ, פּיעשטשעט אייך נישט".

וויפֿיעל יאָהר מאָטע איז אַלט ווייסט קיינער נישט, אויך ער

זיך דערנאָך אַחליפֿען פֿון דער ווייַבער=שוהל. „נעם זיי״—ווינקט ער צו׳ם בעמנער, און יוסעלע גיט זיך אַ רוף אָן, אַזוי אַז דאָס הויקערעל גיט זיך אַ קאָרטשע איין „ומלאָ=א=א=כים יא=חא=פֿ=א=ז=זון״. דאַמאָלס איז די מעשה ריכטיג — די ווייַבער וויינען מיט אַ קול. און יוסעלע צולאָזט זיך מיט אַ קוויטש. ער שטעהט אויף די הויכע טרעפּליך, וואָס פֿיהרען צו׳ם אָרון=קודש, בייַ איהם ר׳ ישראל קוביל דער דאָזאָר, וואָס האָט געהאַט „פּתיחה״ און גלייַך איז ער דערנסטמאָל צו איהם און ער זינגט זיך און צוגיעסט זיך אויפֿ׳ן קול. אַרום איהם, די בעל=בתישע יודישע יונגלעך, מיט נייַע יום=טוב׳דיגע קאַפּאָטקעלעך, וואָס דער שמש האָט נישט די העזה זיי פֿון אויבען=אָן אַראָב צו יאָגען, און זיי קוקען מיט קנאָה אויף יוסעלעס הויקער, און יוסעלע שטעהט און ווינקט אַראָב צו זיי מיט גאַוה, זינגענדיג „וחיל ורעדה יאחזון.—און דאָס קול׳כעל צוגיעסט זיך און קוויטשעט און קוויטשעט וואָס אַ מאָל מעהר וויינענדיגער און האַרצרייַסענדיגער, אַזוי, אַז עס דאַכט זיך, אַז דאָס העלזעל ווערט וואָס אַ מאָל מעהר אייַנגעצויגען און אייַנגעצויגען...

---

נאָר קוים איז נאָך ימים נוראים, ווען יוסעלע וואַלגערט זיך ווייַטער אַרום אין דער גאַס ווי אַ ווערמעל און קוויטשעט זיך פֿאַר זיך און קיינער הערט איהם נישט, דאַמאָלס וואונדערט זיך נישט איין דורכגעהער: עס איז דאָך נאָר יוסעלע געוועזען, דער יוסעלע מיט דעם קוויטשענדיגען קול׳כל — און פֿאַר וואָס וויינט מען אַזוי־פֿאַרוואָס?

יוסעלע שפּרינגט אונטער, דאָס הויקער׳ל טאַנצט מיט־ס׳ווינקט: „מי לחיים ומי למ=ו=ת״.

איין אַלטען אויסגעקראַכען. און דאָס יונגעל האָט אין זיך אַנ׳אײַגענשאַפּט, אַז עס גיט אַ קוויטש, דאַכט זיך, אַז עס האָט ווער זײַן דאַר העלזעל צווישען אַ טהיר אײַנגעקוועטשט, און עס פֿאַלט דענסטמאָל אָן אַזאַ רחמנות און אַזאַ אימה, אַז מען האָט מורא, טאַקע, אַז דאָס העלזיל זאָל נישט צווישען די טהיר בלײַבען אָבגעוואָרגען...

אַ גאַנץ יאָהר איז אָט דאָס יונגעל גאָר קיין גרויסער מורנו נישט. ער וואַלגערט זיך אין געסעל אַרום — ווײַל עס איז אַ לעבעדיג נפֿש׳ל, און קאָן זיך קריכען. מען צוטרעט עס נישט מיט די פֿיס, ווײַל עס איז העכער פֿון אַ וואָרם און קאָן קוויטשען, ווען מען טרעט איהם אָן... זיצט ער זיך, פֿאַר נאַכט למשל, אויף דער ערד, ווען ער האָט שוין פֿון דער מאַמעס קיך אַ שטיקעל ברויט אַוועקגע׳גנב׳עט און האָט מוראַ אַהיים צו קומען, און זינגט זיך אַ מעשה „ווי דער גראַף איז אין וואַלד געגאַנגען”. אין געסעל, זענען נאָר בלויזע ווײַבער דאָ, און פֿאַר ווײַבער האָט אַפּילו אַזאַ יוסעל׳ע נישט קיין מורא.

גיט מען אָבער דעם ערשטען בלאָז מיט דעם שופר, און דאָס שטעדטיל ציטערט, ווערט אַזאַ יוסעל׳ע מיט איינמאָל — פֿון אַ ווערים׳ל אַ מענש — דאָס איז זײַן צײַט. דער חזן פֿון דער שוהל קומט זיך בעטען און סוד׳ט זיך מיט׳ן טאַטען. דער חזן פֿון בית־מדרש קומט זיך בעטען און סוד׳ט זיך מיט׳ן טאַטען. און יוסעל שפּרינגט דאַמאָלס אונטער אין דער גאַס פֿריילאַכער און קוויטשעט אויס אַ טרויעריגען „מי לחיים ומי למות”.

און גאָר אַ גאַנצער „מאַכער” איז יוסיל ראש השנה בײַ ונתנה תוקף. דער חזן ווײנט אָב די ווערטער, די משוררים האַלטען מיט. לײַבל בעמנער דער באַס, גיט אַ „קלאַפּ” מיט דעם אָנגעצויגענעם גאָרגעל, און די גאָמבע ווערט טאָפּעלט, און דער באַס גיט אַ קלאַפּ באַ־אַ־אַ־אַם, דאָס אַלץ הייבט זיך גאָרנישט אָן. דער חזן גיט אַ וואונק צו קראַפּלען, אַ נידריגער יונג מיט אַ געשוואָלענער באַק, און אַ ווײַסען גומענעם קראַגען — פֿון פֿינפֿצעהן יאָהר אַ יונג! ווי האַלטען זײַ די חברה? זינגענדיג: טראַ־אָ־אַ־אַ, לאַ־לאַ־לאַ־אָ. קראַפּעל גיט איהם אַנ׳ענטפֿער אָב זינגענדיג. דעמאָלס גיט דער חזן אַ וואונק צו יוסלען און יוסעלע גיט אַ קוויטש: „וקול דממה דקה ישמע” דאַכט זיך דענסטמאָל, אַז אָט איז דאָס מלאך׳ל פֿון הימעל אַראָב געפֿאַלען מיט׳ן קוויטשענדיגען קול און באַלד הערט

# אַ מְשׂוֹרֵר׳ל.

אִין גאַנצֶען שטעֶדטִיל האָט געֶקלונגעֶן יוסעֶל׳עֶ פֿײַגעֶלעֶ. דעֶר פֿאָטעֶר אִיז אַ מאַלאַרזש, אַ יוּד אַ הויכֿעֶר און אַ דאַרעֶר מִיט אַ לאַנגעֶ קאָלטעֶנעֶוואַטעֶ באָרד, וואָס קוּקעֶנדִיג דאַרויף אִיז מעֶן זִיךְ פֿוּן עֶפּעֶס מיאש: בחנם אַ קאָם אִין דִי האָר אַרײַנצושטעֶקעֶן, בחנם... אַ מאַלאַרזש אִיז עֶר, פֿוּן דִי העֶלעֶ הויט אִיז עֶר אַ מאַ־לאַרזש געֶוואָרעֶן, און אַזוֹי אִיז עֶר שוין פֿוּן לאַנג. פֿאַר יעֶדעֶ שטוּב האָט עֶר אַ בעֶזונדעֶרן דעֶסעֶן; דִי דעֶסעֶנעֶם לאָזט עֶר זִיךְ נִישט ברעֶנגעֶן פֿוּן וואַרשעֶ, נײַן, זײַנעֶ אײַגעֶנעֶ מעשי ידיו, אַלײַן שנײַדט עֶר זִיךְ זײ אויס. זִיצט עֶר בײַנאַכֿט, אײנעֶר בײַ׳ם טִישעֶל, דאָס לעֶמפּיל רויכֿעֶרט זִיךְ פֿאַר אִיהם, און אַרוּם אִיהם אִיז פֿינסטעֶר און טרויעֶרִיג און עֶפּעֶס אַ וואַרימקײַט געֶהט אויף אִין דִי אַרוּמִיגעֶ פֿינסטעֶרנִיש. און עֶר זִיצט זִיךְ, לײזעֶר אדלעֶר מאַלאַרזש, און שנײַדט זִיךְ אויס מִיט זײַן מעֶסעֶרעֶל אַ דעֶסעֶן מִיט פֿלִיגעֶלעֶן פֿוּן פֿײַגעֶלעֶךְ און מגן־דוד׳לעֶךְ אַרוּם. עֶר זִיצט און שנײַדט, דאָס לעֶמפּעֶל צאַנקט, דאָס בִּיסעֶל לִיכֿט ווערט פֿעֶרלוירעֶן אִין דִי אַרוּמִיגעֶ פֿינס־טעֶרנִיש, און אַזוֹי זִיצט עֶר און שנײַדט נאָךְ. מִיט אַ מאָל ווערט עֶר געֶוואָהר, אַז עֶס אִיז פֿינסטעֶר אִין שטוּב, חאַפּט עֶר זִיךְ אויף און וואונדעֶרט זִיךְ עֶפּעֶס; דעֶר ווײַג פֿוּן טִישעֶל צו׳ם געֶלעֶגעֶר אִיז אִיהם גוּט בעֶקאַנט, ווערט עֶר אִין אַ מִינוּט שפּעֶטעֶר אִין דעֶר פֿינסטעֶרנִיש פֿעֶרהוילעֶן.

אַ זוּהנ׳דעֶל האָט עֶר, יוסעֶל׳עֶ הײסט עֶר. אַ קלײנ׳ס אִיז עֶס, אַ מאָגעֶר׳ס און אַ דאַר׳ס. דעֶר דִינעֶר האַלז העֶנגט נאָר אַזוֹי זִיךְ אויף אַ געֶלעֶכֿטעֶר׳ל... און, ח׳לעֶבעֶן, ס׳אִיז אַנ׳אימה, אַז מעֶן זאָל נִישט צוגעֶהן און עֶס אַוועֶקשנעֶלעֶן. הִינטעֶן אַהאָרב אַ שפּיצִיגעֶן, וואָס דאַכֿט זִיךְ, אַז עֶס האָט אִין זִיךְ אַרײַנגעֶנוּמעֶן דעֶם גאַנצעֶן יונ־געֶלס קעֶרפּעֶר׳ל און אַ פּנים׳ל מִיט צוויי דאַרעֶ בײנדעֶלעֶךְ, און דִי שוואַרצעֶ גרויסעֶ פֿולעֶ אויגעֶן, דאַכֿט זִיךְ, סקאַלִיטשעֶן זִיךְ צווִישעֶן דִי צוויי שפּיצִיגעֶ בײנעֶר, און אַ הויכֿעֶן שטעֶרן, און דִי האָהר ווי בײַ

איינגעזונקען. עס ווייזען זיך נאר איינינגע מצבות מיט איינינגע ביי־
מער, וואס שטעהען אויפ'ן בארג. אין מיטען דער דאך פון אוהל,
דער הייליגער רבי ליעגט דארט בעגראבען. און אט נאב'ן אוהל
ווייזט זיך א שפיץ מצבה ארויס, און קוקט זיך שטום צו, ווי דאס
וואסער רינט – דעם פאטערס מצבה, דארט ביי דעם קבר איז א
שטיקעל ארט איינגעצוימט, א קבר שוין פאר זיך. ביים פאטער'ס
קבר אנגעגרייט...

דער אלטער ווארפט א בליק ווייט, דאס וואסער איילט
אוועק.

דא ביי'ם ברעג וועט ער ליגען, אין די ערד בעגראבען, שטענ־
דיג... זיין מצבה וועט שטעהן, צו קוקען זיך צום וואסער, א שטו־
מער שכן, און דאס וואסער וועט ווייט, תמיד אוועקשווימען...

– מיין קינד, זאגט דער אלטער דערהויבענדיג זיך פון ארט,
דו ביזט יונג, קענסט נאך אלץ מיט דיינע אייגענע אויגען זעהן...
איך, מיין קינד, צו אלט שוין, עס ווינקט דאס קבר צו מיר...
פערפאלען, זיך מוזען נאר בענוגען לאזען מיט גלגול מחילות..

– אלטע, טוידטע נשמות, אין דער מדבר וועט איהר פא־
לען, גלות־קנעכט, דער יונגער דור וועט קיין ארץ ישראל קומען,
ברומט דער יונגער אונטער פאר זיך.

דער אלטער האט מיט'ן קאפ צוגעשאקעלט – ווי ער טאלט
מסכים געוועזן: אזוי, מיין קינד, אזוי...

קען געוואָרען, לייבישעלס גוף איז מיט דעם וואַסער געוואָרען אויסגעמישט, זיין קבר איז דאָ, אַ שטיק וואַסער איז לייבישעל געוואָרען, אַ חוואַליע... און עס דאַכט זיך, אַז יעדע חוואַליע וואָס קלאַפּט אויפ׳ן ברעג איז לייבישעל... לייבישעל מיט זיינע חברים שווימען דאָרט ווייט... ווייט... טייטעלמאָל ברומט עס אַזוי, עס דאַכט זיך, אַז לייבישעל׳ס וויינענדיגער קול... אַט קלאַפּט אַ וואַל, זי פֿאַלט אויפ׳ן ברעג, לייבישעל גריסט און ער שווימט שוין אַוועק... ווייט... דאָרט רייזט עס...

דער אַלטער וואַרפט אַ בליק אויף דעם אייניקעל — עס ברענט אַ פֿלעמעל אין זיינע אויגען — דאָס האַרץ קלאַפּט אין איהם, זיין קול ציטערט... און ער פֿערצעהלט שטיל ווי אַ יונגער העלד, וואָס וואָלט ערשט פֿון די מלחמה צוריק געקומען.

אויף די פֿעלדער דאָרט אין ציון שטעהען אונזערע ברידער — עס הערען זיך שוין אונזערע געזאַנגען.

— און ווי זעהען אויס דאָרט די פֿעלדער, אַזעלכע ווי דאָ אַרום? פֿרעגט דער אַלטער, די אייגענע תבואות?...

— ווי אָט דאָ אַרום, חזר׳ט איבער דאָס אייניקעל, אונזערע פֿעלדער, רעדט ער מיט היץ, דאָרט בעאַרבייטען אונזערע ברידער די פֿעלדער, די זאַנגען וואָס וואַקסען — די גרעזער, די געוויקסען האָבען יודען בעאַרבייט — זייער אַרבייט, זייערע תבואות...

— און אַ טייך, דאַכט זיך, איז אויך הינטען דאָ, וואָס פֿליעסט אין לאַנד, ווי הייסט ער?

— אַ טייך, הינטען האָבען מיר אונזער ירדן, אונזער׳ן ליעבען ירדן, וואָס פֿליסט אין מיטען לאַנד, דאָרט... ביי זיינע ברעגען האָבען יודען די ערד בעאַרבייט און געקוקט אין זיין וואַסער, ווי עס פֿליעסט זיך ווייט...

— ווי עס פֿליעסט זיך ווייט, אַזוי ווי אונזער וואַסער דאָ...

— אונזער וואַסער, רעדט דאָס אייניקעל, פֿרעמד איז עס, זייער וואַסער, דאָ האָט יודיש בלוט גערונען — הינטען, ווייט אין ארץ ישראל האָבען מיר אונזער אָרט, מיר בענקען דערנאָך.

— ווייט אין ארץ ישראל. — ברומט דער אַלטער, שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ און קוקט ווייט.

דאָרט אַביסעל ווייטער, אינ׳ם זייט פֿון דעם שטעדטיל, ביים ברעג, ווייזט זיך דאָס „בית־עלמן״ אַרוים. דאָס צוימעל איז אין דער ערד

צוריק קומען... און עס זענען צו איהר איהרע קינדער צוריק גע־קומען; און מיט דעם שווייס פון זייערע הערצער האבען זיי די ערד נאס געמאכט, און היינט איין און צוואנציג דערפער האבען מיר שוין אין ציון. אונזערע ברידער בעארבייטען שוין די ערד דארט״...

און דער אלטער זיצט און הארכט.

... ציון, וואס שטעהט אין חומש, אט שטעהט דארט א יוד מיט אנ׳אקעראייזען און בעארבייט איהר ערד — און דארט אין ירושלים שטעהט דאס בית המקדש, אונזער בית המקדש שטעהט נאך, איין וואנט איבער געבליבען, די כותל מערבי... מיט ביימער... אט דא איז דער הר הבית, דאס ארט, וואס אויף איהם האט יעקב אבינו געשלאפען. אזוי ווי עס שטעהט אין חומש, און גאט האט זיך צו איהם בעוויזען... דא זענען יודען געשטאנען און האבען קרבנות מקריב געווען... עולה רגל געווען... אזוי פיעל יודען פון גאנץ וויים קומען מיט פערשידענע זאכען, אזא שטויב ווערט אין די גאסען פון ירושלים... און אט שטעהט א וואנט, נאך א וואנט. אט זעה איך זי מיט די אויגען, אט שטעהען יודען און וויינען און בעטען דארט צו הקדוש ברוך הוא...

אוי, אוי... חאטש ארץ ישראל ערד אין קבר מיט צו נעמען...

און דער אלטער זיצט אויף דעם קלאץ און קוקט אין וואַ־סער אריין, דא גיעסט עס זיך, דארט זעהט זיך די הָאלצערנע בריק, וואס ליעגט איבער׳ן וואסער... און דארט לאזט זיך ווייט אוועק דער וועג, וואס פיהרט אין דעם דארף לאנקעשין, צו דעם אלטען פריץ — דארט וואו ער קויפט יעדעס יאהר די שעפסען־וואל — דארט, אז מען פאהרט אויפ׳ן וועג זעהט מען דאס גאנצע שטעטיל ארוים, עס שטעהט אויפ׳ן בארג און קוקט אריבער איבער׳ן וואסער...

און ער הערט ווי דאס איינִיקעל פערצעהלט ווייטער מיט א שטילען טאן.

— אונזער הייליגע ערד, זעהסט זיידע, איפבליהען וועט זי ווייטער, אונזערע ברידער בעארבייטען זי מיט זייער שווייס און בלוט.

און דער אלטער קוקט אויפ׳ן ברעג — א וואל קלאפט אויף די שטיינער.

דעם שטעטיל׳ס וואסער... פון שטענדיג אן גיעסט עס זיך אזוי... דארט ביי׳ם ראב איז זין לייבי על דענסטמאל פערטרונ־

— אָ וואַ — וואונדערט זיך דער אַלטער און שאָקעלט מיט'ן קאָפּ און קוקט אין וואַסער אַריין.

„ציון”, אונזער ציון, „ציון” וואָס שטעהט אין חומש, דאָרט גאַנץ וויַיט איז עס, אַלאַנד, דאָרט האָבען יודען געוואָהנט, די בני ישראל, וואָס שטעהט אין חומש, אָט געהט זיך אַ וועג אַוועק, מיט שטיינערלעך בעשאָטען, מיט טענענבוימער בעזעצט, דאָס איז דער וועג קיין „בית לחם”. אָט שטעהט אַקבר, די מאַמע רחל'ס קבר, „קבר רחל”, וואָס שטעהט אין חומש, יעקב אָבינו האָט עס געמאַכט, זיינע הענד האָבען דעם שטיין געלעגט, יעקב אָבינו'ס הענד... און אָט איז די „מערת המכפלה”, אַ הייל אויף אַ אַיִל, וואָס אַברהם האָט פון די בני חת אָבגעקויפט, אַזוי ווי עס שטעהט אין חומש. פאַר פיער הונדערט טאָלער, דאָרט ליגט אַברהם, יצחק, יעקב אונזערע אָבות בעגראָבען. מיט די אמהות, די הייליגע, „אוי אוי, ווי טראָגט מען זיך די אַלטע ביינער אַהין...

— ציון, אונזער ציון, וואָס שטעהט אין חומש — קרעכצט דער אַלטער — און קוקט אין וואַסער אַריין.

אָט גיסט זיך דאָס וואַסער אַזוי וויַיט אויס. אונזער וואַסער.

... יונגעלוויַיז. זומער לעב... דער רבי לאָזט פריהער פון חדר אַרויס... פאַרנאַכט מען לאָזט זיך צו'ם וואַסער אַראָב. אָט שטעהט אַלאָדקע. ער חאַפּט זיך אַרויף. מען שטופּט זי אָב... דער־נאָך אַ יונגער מאַן איז ער, ער עסט קעסט — אָט געהט ער ביי'ם ברעג שפּאַצירען, יעשען צייט, אַלץ איז אַזוי טרויעריג, די בלע־טער פאַלען פון די בוימער אַראָב. דער ברעג איז נאַס... דאָס וואַסער לויפט מיט אַגעבייזער; ברומט אונטער שרעקליך, ער געהט ביי'ם ברעג, — ער קלערט וועגען אַ תכלית, אויף פּרנסה... דאָס וואַסער קלאַפּט צו אויפ'ן ברעג... און דאָרט וויַיט לויפט אַ וואַל, שווימט וויַיט אַוועק...

— „האַרט איז געווען די ערד, פערצעהלט וויַיטער דאָס איי־ניקעל, אַכטצעהן הונדערט יאָהר האָט מען זי נישט בעאַרבייט, אַכטצעהן הונדערט יאָהר האָט אונזער מוטער אויף איהרע קינדער־לעך געוואַרט, אויף איהרע קינדער אין גלות... אַנדערע פעלקער האָבען זי געוואָלט צו נעמען, בעאַרבייטען איהר ערד, זי האָט איהרע פרוכטען, איהר בלוט פאַר פרעמדע נישט געוואָלט געבען... וויסט האָט זי געוואָלט זיין ביז איהרע קינדער וועלען צו איהר

סער; אונטען, אין וואַסער, אַ הױכֿע בערלינקע און פֿון דער בער־לינקע ציהט זיך אַ לאַנגע שטעגעל ביז צו׳ם וואָגען אַרויף. דאָס ווײַזט, אַז נעכֿטען איז לכּבֿוד שבת די אַרבײַט אָבגעהאַקט געוואָרען.

יודען שפּאַצירען זיך מנוחה׳דיג נאָכ׳ן עסען בײַ׳ם ברעג און קוקען אין וואַסער אַרײַן מיט אַ מינע פֿון רוהיגע בעלי־בתּים. דאָרט אויף אַ לאָדקע שטעהען פֿויערען און ציהען זאַמד פֿון וואַ־סער. דערבײַ געהען ווײַבער שבת׳דיג געקלײדעט, אין גאָלדענע אויערינגלעך, אײנע פֿערצעהלט עפּעס, און איהר ווײנענדיג קול שלאָגט אָב פֿון דערווײַטען, ווי אַ חתונה־געוויין. הינטען, האַרט בײַ׳ם וואַסער וואויעווען חדר־יונגלעך אַרום — און וואַרפֿען אײנס דאָס צווײטע די היטלען אין וואַסער.

ר׳ אַנשיל און זײַן אײניקעל האָבען זיך בײדע אויף אַ בעלקע בײַ׳ם ברעג געזעצט.

אַרום און אַרום האָט גערוהט די מנוחה פֿון שבת. דאָס וואַסע׳, זילבערדיג זײַן אין ברײטען ראָס, אײַנגעפּאַסט אין בײדע זײַטען ברעג, האָט זיך מנוחה׳דיג געוויגט און געקיצעלט דעם בערגראָזטען ברעג, זײַן שכן. שטיל איז געווען אויפ׳ן וואַסער; די בערלינקעס און די לאָדקעס האָבען זיך פֿון די ברעגען נישט גע־ריהרט, און דאָס וואַסער האָט זיך געוויגט מנוחה׳דיג. אײן וואַל האָט זיך לײַכֿט אין די צווײטע אַרײַן געוואַשען, אַזוי ווי זײ וואָלטען וויסען, אַז מען טאָר אין שבת קײן פּסיעה גסה נישט מאַכֿען, און דאָס וואַסער האָט אויסגעזעהן ווי אַ יודישער, וואַסערדיגער בעל הבית; פֿערהאָרעוועט אַ גאַנצע וואָך, שבת נאָכ׳ן עסען מאַכֿט ער זיך אַ געלעכֿטעריל, קיצעלט דעם ברעג, לכּבֿוד שבת, מנוחה׳דיג אײַנצושלאָפֿען...

און דער יונגער מאַן האָט ווײַטער פֿערצעהלט.

... פֿאַר אַכֿטצעהן יאָהר צוריק, זײדע, איז דאָס געווען. יודען פֿון פֿערשידענע פּאַרטײען, דאָקטוירים, אַדוואָקאַטען זענען קײן ארץ־ישראל אַראָבגעפֿאָהרען, אונטער זײ איז אויך געווען ר׳ שמואל מוהילעווער, און אַזוי ווי זײ זענען הינטען אַראָב געקומען, האָבען זײ אויף די ערד געקניעט, אײַנגעגראָבען אין איהר דאָס געזיכֿט, איהר שטויב געקושט. און האָבען אָנגעהויבען צו ווײנען, אויפ׳ן פֿעלד, און דערנאָך האָבען זײ אויפ׳ן פֿעלד מנחה געדאַווענט, די ערשטע אײל ערד געקויפֿט, און די ערשטע קאָלאָניע געגרינדעט״.

# ביי אַ פרעמדען טייך.

שבת נאָכ'ן עסען. אין שטעדטעל איז שטיל ווי איינגעוויעגט צו'ם שלאָף;! אויף די בענק פאַר די טהירען זיצען שניידער-געזעלען אין שבת'דיגע ווייסע קראַגעלעך און ווינקען מיט די אויגען צו די דיענסט-מעדלעך, וואָס שפּאַצירען אָנגעטהון אין די שבת'דיגע קליידלעך, מיט דרך-ארץ, איבער דער גאַס.

ר' אנשיל וויינבוים, דער חשוב פון שטעדטעל, שפּאַציערט זיך מיט זיין אייניקעל יודעלע איבער דער גאַס, אַרום צו'ם וואַסער. די ווייסע האָר ציטערען אויף דעם רויטען שנופּ-טיכעל, וואָס ר' אנשיל טראָגט אויף זיין שבת'דיגע קאַפּאָטע, און די ווייסע שיטערע, לאַנגע באָרד, וואָס בעוועגט זיך אויף זיין ברוסט, זעהט אויס, ווי זי וואָלט רחמים בעטען, אַז מען זאָל איהר מיט אַ רויך נישט אַוועק בלאָזען.

ר' אנשיל איז געגאַנגען פּאַמעליך, נישט אַזוי איבער דער עלטער ווי איבער די שבת'דיגע מנוחה, און ער האָט זיין אַלטען קאָפּ איינגעבויגען, אויסהאָרכענדיג, וואָס דאָס אייניקעל פערצעהלט.

דאָס אייניקעל, יודעלע, איז אַ הויכער יונגער מאַן, אָנגעטהון אין אַ שבת'דיגען שניט-ראָק, אָבגעוואַקסטע שטיוועל און אַ בעל-הבתיש געפּרעסט קראַגענדעל. און דער יונגער מענש האָט זיך געפלייסט צו צופּאַסען זיינע איילענדיגע טריט צו דעם זיידענס מנוחה'דיגען גאַנג. זיין שטילער טאָן און זיינע שטילע פּאַמעליכדיגע בעוועגונגען מיט די הענד האָבען זעהר ערנסט זיין שמועס געמאַכט.

טיילמאָל האָט אַ דורכגעהער אַ שאָקעל מיט'ן קאָפּ געגעבען— און דער „גוט שבת" האָט דעם שמועס איבערגעהאַקט.

זיי זענען דורך געגאַנגען דאָס געסיל, באַלד אָנגעקומען צו דעם וואַסער, וואָס פליסט אונטער דעם שטעדטעל.

אַ ברייט אויסגעטרעטען פעלד לאָזט זיך צו אַ וואַסער אַראָב, דער ברעג איז מיט בעלקען, מיט זעקליך מעהל, מיט טינטלעך נאַפט בעלעגט. אַ וואָגען אָהן אַ פערד שטעהט, האַרט ביי'ם וואַ-

טרעהרען און האבען אלץ, אלין פערטרונקען? ... און עס דוכט זיך אוים, אז אויפ'ן וועג צו'ם בית עלמין צושפאנט ירמיהו הנביא איינער אליין, ער געהט צו די אבות, ער געהט זיי וועקען פון די קברים, און באלד וועט זיך אנהייבען דא אין געסיל דער גרויסער וכוח...

אויף די אנדערע; זיי ליגען שטיל; די לבנה שווימט פארביי, ווארפט א קאלטען שטראהל אויף די ליגענדע. די שוהל איז פערמאכט, מיט דער שווערער טהיר פערהאקט, אזוי ווי מען וואלט אינוועניג עפעס וואס ארייננגעכאפט און מען לאזט נישט ארוים... נאר פון א קליין פענסטעריל ערגעץ אין א ווינקעלע ביי דער טהיר דארט וואו די חברה תהלים איז, שטראהלט ארוים א שוואך ליכטיגקייט. דער שיין שפיגעלט זיך אב, ווי פערטרונקען אין דער פינסטערניש אויף דעם געמויערטען קלאץ, וואס שטעהט פאר דער שוהל, אונטערשפארענדיג דעם גאניק פון דער ווייבער־שוהל. אינוועניג, אין דער חברה תהלים זיצט עפעס א מענש אויף דער ערד און ביי דער שיין פון א קליין ליכטעל קוקט ער אין אנ׳אפען ספר אריין, און ער שווייגט...

ביי דער רביצין אין עס־צימער, האבען זיך די „כלי־קודש״ ווייבער פערזאמעלט, טונקעל איז אין שטוב, בעלעבט פון שאטען, און אויף דער ערד, אויסגעבעט מיט קישענס, זיצען ארום די ווייבער, האלטענדיג אין די ארעמס די שלאפענדיגע קינדער, און האלטען זיך איין צו דער כשר׳ער, פרומער, רביצינס קול, וואס זיצט אין מיטען דעם קרענציל. אויף א שטוהל איז אויסגעשפרייט דער „צאינה וראינה״ בעלויכטען פון דעם פערדרויכערטען קיך־לעמפעל, און די רביצין מיט א וויינענדיגער, הייזעריגער שטימע דערצעהלט די מעשה פון חנה׳ן מיט איהרע זיבען זיהן.

אין בית־דין־שטוב ביי׳ם רב, איז די אייגענע האלבע פינסטערקייט. אויף דעם טיש ברענט זיך א יאהר־צייט ליכט, אריינגעשטעקט אין א שעפ פול מיט זאמד. און פון דעם ליכט טריפט דער חלב אין זאמד אריין, אויף דער ערד; אין א ווינקעל בעהאלטען דאס געזיכט צווישען צוויי פאליצעס וואס זענען אנגעשטעלט מיט ספרים זיצט דער רב. טייל מאל בלאזט א ווינדטעל, עמיצער שפאצירט דורך די שטוב דורך, ווי א שווערער שאטען, און דער רב בעהאלט דאס פנים צווישען די פאליצעס ספרים, און ער שווייגט...

אין גאס הערשט אלץ די פריהערדיגע שטילקייט, די לבנה בלאנזשעט ארום אין הימעל און קוקט מיט קאלטע אויגען אויף דעם פינסטערען געסיל. אלץ איז ווי עפעס פערטרונקען אין זיך אליין, צי זענען שוין דען ארויבגעפאלען גאטס צוויי גרויסע

רבינ'ס ניעדריג הייזעל צוגעבויגען: אַ־עצה זיך צו האַלטען, וואָס צו טהון אין אַזאַ שלעכטע צייט?!

פון דעם רבינ'ס פענסטער שיינט עפּעס אַ שוואַרץ טרויע־דיגקייט אַרויס, און עס פינקעלט אַ קליין ליכטעל אין דער פינסטערניש; עס דאַכט זיך, אַז אינוועניג מוז ליעגען אַ מת אויף דר'ערד, צוגעדעקט מיט אַ שוואַרץ ליילעך, און אַ גראָשענדיג ליכטעל צו קאָפּענס, און דער רבי פערלאָזט זיין מת; ער איז אָנגעטהון אין אַנ'אַלט צוריבען שטריימעל, אין אַנ'אַלטער צוריסענער קאַפּאָטע, מיט אַ בעטריבט פנים, אַראָבבויגענדיג דעם קאָפּ צו דר'ערד, געהט ער אַליין אין זאָקען אויף די שפּיציגע שטיינער, און ער לאָזט זיך אין בית־המדרש אַריבער. אפשר וועט ער דאָרט ביי דער ערדה יורען קענען אַ טרייסט געפינען.

אין דעם געסיל געהט זיך מאַטשעק פון דער פּאַשע אַהיים, די קיה מיט אַראָבגעלאָזטע קעפּ לאָזען זיך פאַראויס. און ער מיט זיין בעהעלפער דעם הונד פון הינטען, שפּיעלט זיך אויף זיין פייפעל ווי נעכטען, ווי איערנעכטען...

נאַכט. שטיל איז אין דער שוהל־גאַס, די לאָדענס זענען פערמאַכט, די טהירען פערשלאָסען, די לבנה איינע אַליין, בלאָנזשעט אַרום אויבען אין דער הויך אויפ'ן הימעל, איבער אונזערע קעפּ, און זי קוקט אַראָב אין שוהל־געסיל און שווייגט, הינטען ערגעץ וואו, פון אַ שפּאַלט פון אַ לאָדען, לאָזט זיך הערען אַ וויינענדיגער ניגון, וואָס גיסט זיך שטיל אַריין אין געסיל, עפּעס ווי פאַר זיך, גלאַט אַזוי — אַ ניגון אָהן אַ פּרעטענזיע אָהן אַ שום זאַך, — און ער שוועבט דורך די גאַס, שווימט אַוועק, און ער ווערט פערטונקט ווייט — ערגעץ אין געסיל, דאָרט נאָך דעם ראָט־הויז, אויף דעם וועג, וואָס פיהרט צום בית־עולם. פון אַ שפּאַלט פון דעם רבינ'ס לאָדען שיינט נאָך אַרויס דאָס שטילע יאָהרצייט־ליכט, פאַר אַ הייליגע נשמה'ס וועגען, און אינוועניג ביי'ם רבי'ן שווייגט מען. די לבנה וואַרפט אַ קאַלטען שטראַהל און בעשיינט קאַלט די גרויסע שויבען פון בית־המדרש; אינוועניג איז פינסטער. [און עס רודערט זיך עפּעס אין דער שטיל. אויף די טרעפּליך פון בית־המדרש, ליעגען עפּעס, מענשען, צי מתים, די קעפּ פ ע ר נ ו ר ע ט, די הענד פערלעגט איינע

צִיהט זִיךְ ווײַטער אִיבּער'ן שטעֶדטִיל, אוּן דאָךְ זעֶנעֶן דִי געֶוועֶלבּעֶר, פּוּנקט ווִי פֿרײַטאָג פֿאַרנאַכט פֿעֶרמאַכט — עֶפּעֶס ווִי אִין מִיטעֶן לעֶבּעֶן אָבּגעֶהאַקט געֶוואָרעֶן.

אוּן וואָס אַ מאָל ווערט עֶס שטִילעֶר אוּן טוּנקעֶלעֶר; אָט, דאַכט זִיךְ, וועֶט אַ לויה פֿוּן זעֶהר אַ גרויסעֶן רב דוּרךְ דעֶם מאַרק דוּרכגעֶהן ...

אִין מִיטעֶן מאַרק בּײַ'ם בּרוּנעֶן שטעֶהעֶן נאָךְ אַ קוּפּקעֶלעֶ יוּנגעֶ בּעלי־בּתים, טײל בּחורים, אוּן חאַפּעֶן דעֶם לעֶצטעֶן טרוּנק פֿאַר'ן תּענית; דִי עֶלטעֶרעֶ בּעלי־בּתים וואַרפֿעֶן, נעֶהמעֶנדִיג דִי שעֶפּעֶרס צוּ צוּ דִי לִיפּעֶן, אַ בּלִיק דעֶרווײַל אִין הִימעֶל אַרײַן, צִי האָט אַ שטעֶרן זִיךְ נִישט חלילה, פּלוּצִים, שוין בּעֶווִיזעֶן;

אוּן פֿוּן דעֶר צווייטעֶר זײַט געֶסִיל, דאָרט פֿוּן אוּנטעֶר דעֶם ראַט־הויז, פֿוּן דעֶם וועֶג, וואָס פִֿיהרט צוּ'ם בּית־עולם, קוּמט צוּלויפֿעֶן אַ חבֿרה קוּנדסים; זײ האַלטעֶן בּעֶרעֶלעֶךְ אִין דִי העֶנד אוּן שִיסעֶן אײנעֶר דעֶם צווייטעֶן. פֿאָראוּיס לויפֿט אַ קוּנדאַס — מִיט אַנ'אָבּגעֶרִיסעֶנעֶר קלאַפּעֶ פֿוּן אויבּעֶרמאַנטעֶל; עֶר קוּמט אָן פֿאַר דִי בּית־מדרש־טרעֶפּלִיךְ, אוּן ווִינקט מִיט פֿרײד צוּ דִי יוּדעֶן, וואָס שטעֶהעֶן דאָרט, ווײַזעֶנדִיג מִיט דעֶר האַנד אויף דִי אָנגעֶפִּילטעֶ קעֶשעֶנעֶס: פֿוּלעֶ קעֶשעֶנִיס, אוי אַ לעֶבּעֶן!

עֶפּעֶס אַ נִידרִיג יוּדעֶל, מִיט זעֶהר אַ בּרײטעֶר בּאָרד, וואָס זעֶהט אויס ווִי צוּגעֶקלעֶפּט צוּ זײַן ווײַס געֶזִיכט, כּדי דִי דאַרעֶבּלײכעֶ בּאַקעֶן צוּ פֿעֶרשטעֶלעֶן, שטעֶהט אויף דִי טרעֶפּלִיךְ אוּן בּעֶטראַכט טרויעֶרִיג דעֶם קוּנדס אוּן עֶס דאַכט זִיךְ אויס, אַז פֿוּן ווײַנעֶ טרוּקעֶנעֶ לִיפּעֶן העֶרט זִיךְ אַ בּרוּם: אַ שוואַרץ וואָילטאָג אִיז אויף אִיהם!

אוּן שטִיל ווערט אויךְ אִין שוּהל־געֶסעֶל. דִי זוּן אִיז שוין לאַנג אַרוּנטעֶר אוּנטעֶר דעֶם ראָט־הויז, אויף דעֶם וועֶג וואָס פִֿיהרט צוּ'ם בּית־עולם. יוּדעֶן האָבּעֶן זִיךְ אַלעֶ פֿעֶרזאַמעֶלט אִין שוּהל, אִין בּית־המדרש. צײַטעֶנווײַז בּעֶווײַזט זִיךְ אַ יוּדעֶנעֶ, וואָכעֶנדִיג געֶקלײדעֶט, האַלט אַ גראָבּ ספר אוּנטעֶרן אָרעֶם, אוּן אַ לִיכטִיל אִין דעֶר האַנד, אוּן געֶהט דעֶם קאָפּ אַראָבּגעֶבּויגעֶן. דִי נִידרִיגעֶ הײַזלעֶךְ אִין געֶסִיל, אַזוי ווִי זײ וואָלטעֶן מוראָ האָבּעֶן אַלײן, אָהן יוּדעֶן, אָהן תּורה אִין גלות צוּ שטעֶהן — קאָרטשעֶן זִיךְ עֶפּעֶס אײַן אוּן עֶס דאַכט זִיךְ: זײ האָבּעֶן זִיךְ צוּם

אַ ליכטיג, העל־בעלויכטענע שטוב אויסגעלאָשען... און באַלד נאָך אַ ליכטעל און נאָך אַ ליכטעל, און פינסטער ווערט עפּעס ווי אַ גאַסט, וואָס פערלאָזט דעם חתונה־זאַל; באַלד נאָך אַ גאַסט, און נאָך איינער... און עס גנבה'ט זיך אַנ'אומעט אַריין...

ערגעץ פאַר אַ טהיר שטעהט אַ הויכער דאַרער יוד, אָנגעטהון אין אַ צוריסענער קאַפּאָטע, די לענדען פעסט מיט אַ גאַרטעל אַרום געגאַרטעלט; ער פערגלאָצט די אויגען און קוקט אין הימעל אַריין. די דאַרע באַקען בעוועגען זיך, ווי אַ ווינדטעל וואָלט צווישען צוויי הוילע בלעטער געפּייפט, באַלד נעמט ער די אויגען פון הימעל אַוועק, און ער קוקט פרום אין מאַרק אַריין, מיט אַ מינע, ווי איינער זאָגט: רבונו של עולם, איך וואַרט אויף דיין בעפעהל... דערווייל זענען נאָך די כנסת ישראל אין די שטיבער פערזאַמעלט, האַפען אַריין דעם לעצטען ביסען – און מאַכען זיך גרייט, מיט אַ טרויעריג פנים, זיך צו נעהמען צו דער „איכה״.
אין דער גאַס איז שטיל, די הייזלעך שטעהען אַרום דעם מאַרק און שווייגען, וואַרטענדיג אויף עפּעס.

באַלד טרעט אַרויס פון ערגיץ אַ הויז אַ דאַרער, הויכער געלער יוד. זיין איינגעטרַיקענטער גוף טראָגט זיך אין אַ ברייטען, ווייסען חאַלאַט, פון דעם קאָלנער ציהט זיך אַרויס אַ הויכער, דאַרער האַלז, אויף וועלכען עס בעוועגט זיך אַ לאַנג אויסגעצויגען פנים, מיט געלע האָהר, אַ געלע באָרד און אַ לאַנגע בלייכע נאָז. פון אונטער די פאָלעס ציהען זיך צוויי לאַנגע פיס אַרויס, אָנגעטהון אין ווייסע זאָקען אָהן פאַנטאָפעל און דער יוד אין די זאָקען געהט, אונטערשפרינגענדיג אַלע ווייַלע, בשעת ער טרעפט אויף אַ שפּיציגען שטיין. ער טראָגט אין דער האַנד אַספר'ל אָהן טאָוולען, גיהט איבער'ן מאַרק און מאַכט אַנ'איינדריק פון אַטוידט־שוהל–קלאַפער וואָס רופט מתים אין שוהל אַריין...

באַלד בעווייזט זיך נאָך אַ יוד, און נאָך אַיוד, – פון יעדען הויז לאָזען זיך אַרויס קופּקעס יודעלעך אָנגעטהון אין צוריסענע קאַפּאָטעס, אין ווייסע זאָקען ווי די אבלים. און אַלע לאָזען זיך צו'ם ראָג צו'ם שוהל־געסיל.

אין גאַס ווערט שטיל. וואָלענדיג איז אַלץ. לאַנגע, בלייכע, וואָלענדיגע יודען, נידריגע איינגעפאַלענע וואָלענדיגע הייזלעך און דער קאַלטער וואָלענדיגער פאַר־נאַכט פון נעכטען, פון אייער־נעכטען

# תִשְׁעָה־בְּאָב.

... און די כנסת ישראל האָט זיך מיט'ן הקדוש־ברוך־הוא אַ ברוגז'ל געמאַכט, ווי אַ שענע כלה, וואָס וואַרפט צוריק דעם חתן די כלה־מתנות'לעך: גע'ה דיר, גע'ה. אַזוי האָט די כנסת ישראל אויך צוריקגעוואָרפען די תורה דעם בורא עולם: גע'ה דיר, אוים מחותנים־שאַפט! יונגע איידימלעך, וואָס זענען אויף קעסט, און בחורים דרעהען זיך אַרום פוסט און פּאַס. חדר יונגלעך, ווי עס וואָלט שוין קיין קאַנטשיג, קיין חדר, קיין רבי אויף דער וועלט נישט געווען, לויפען פראַנק און פריי אין מיטען מאַרק אַרום, און אין דעם אַלטען בית־מדרש זיצט זיך די תורה איינע אַליין. אין אַ ווינקעלע און טרויערט, און האָט פּרעטענזיעס צו דער שכינה: אַלע האָבען מיך פערלאָזט!

---

די זון האָט נאָך געוואָרפען אַנ'אָבגלאַנץ אויף די דעכער פון שטעדטיל, אויפ'ן האַלבען קלאָץ, וואָס שטעהט אין מיטען מאַרק (אַ שריד ופליט פון אַ צולעגטען ציירק), נאָך בעגילדט די שויבען פון דעם גרויסען איינפאָהרהויז, וואָס שטעהט אין אָנהויב שטעדטיל; אין מעריב־זייט אָבער האָט שוין די רויט־גאָלדענע זון גע'גוסעט. און אַ שווערער וואָלקען, וואָס האָט זיך קאַלבלוטיג געטראָגען פון יענער זייט שטאָדט, האָט איהר פלאַמעדיג אויג בעצויגען ווי מיט אַ גרויער הויט. די פיעלע ליכטיגע שטראַהלען, וואָס בלאָנזשען נאָך אין מאַרק, זענען שוין ווי דאָס ליכטיגקייט פון אַ לאָמפּ, וואָס מען האָט איהר קנויט אַראָבגעדרעהט...

אין העלען טאָג הויבען זיך אָן אין דער גאַס די געוועלבער צו פערמאַכען, איינציגווייז, איינציגווייז... און יעדעס געוועלב, יעדעס געוועלב, ווי עס פערהאַקען זיך נאָר די טויערען, ווי עס ווערען פערשוואונדען די פערשידען־פאַרביגע שילדען און אויף זייער אָרט בעווייזט זיך אַ שוואַרצער פלעק אויף דער לעדיגער מויער, — זעהט עס אוים ווי אַ ליכטעל, וואָס ווערט פּלוציִם אין

און גערא͏ַכט האָט זיך איהם, אַז דאָס אויג אין דעם שוואַרצען שטערען פון שטעדטעל איז אויסגעשטאָכען געוואָרען...

— יודען צו חצות! — האָט דער שמש גערופען...

דער עולם איז זיך צוזאַמען געקומען — און האָבען אָנגעהויבען צו טאַפּען מיט די הענד דאָס טהירעל פון בית המדרש'ל...

ביי די ערשטע שטראַהלען פון דער זון האָבען זיי דערזעהן: דאָס אַלטע פערפוילטע דעכעל ליעגט אויף די פיער שוואַרצע איינגעפאַלענע ווענט — אַ האַלב ספר תורה'לע מיט אַנ'עץ-חיים'ל וואַלגערט זיך אויף אַ פערפוילט ברעט.

דאָס לעמפעל, דאָס אויג אין שטערען איז אויסגעלאָשען. דאָס „עיר מקלט" צופיהרט...

ביי נאַכט, טויט שטיל איז אַרום, אין דער פינסטערער נאַכט, און דער שטראַהל, וואָס דרינגט פון אַ שייבעל פון דעם בית המדרש׳ל זעהט אויס, ווי אַ פינקעלדיג אויג וואָלט אין אַ שוואַרצען שטערען געווען איינגעזעצט — און דאָס אויג פערצעהלט מעשיות פון לאַנג... פון גאָר לאַנג...

---

יעדען אין דער פריה, יעדען פאַרנאַכט, ווען די קינדער געהען אין חדר אַריין, און געהען פון דעם חדר אַ היים, שטעלען זיי זיך אַ מינוט פאַר דעם בית המדרש׳ל אָב.

— העכער געוואַקסען מיט אַנ׳אַרבעס — זאָגט איין יונגעל צו׳ם צווייטען.

— יאָ, העכער געוואַקסען מיט אַנ׳אַרבעס—ענטפערט איין יונגעל דאָס צווייטע.

די קינדער זענען אַלטע יודען געוואָרען, די אַלטע יודען זענען געשטאָרבען, און אַנ׳אַנדער דור איז אויפגעשטאַנען; און ביי יעדען דור, און יעדען פריה־מאָרגען, יעדען פאַרנאַכט, ווען די חדר קינדער געהען אין חדר, און געהען פון דעם חדר, שטעלען זיי זיך פאַר דעם בית המדרש׳ל אָב, און איינס זאָגט צו׳ם צווייטען:

— העכער געוואַקסען מיט אַנ׳אַרבעס.

— יאָ, העכער געוואַקסען מיט אַנ׳אַרבעס, ענטפערט איהם זיין חבר אָב.

און דאָס בית המדרש׳ל שטעהט איינגעזונקען ביז צו די פענסטער אין די ערד, און הערט זיך אויס יעדען פריה־מאָרגען און יעדען פאַר־נאַכט, וואָס די חדר־יונגלעך רעדען איינס צום צווייטען און עס דאַכט זיך, אַז דאָס אַלטע בית המדרש׳ל שאָקעלט צו מיט זיין אַלטען, שוואַרצען, איינגעפאַלענעם דאַך: יאָ, העכער געוואַקסען מיט אַנ׳אַרבעס.

אַ נאַכט פריהער האָט נאָך דאָס בית המדרש׳ל אויסגעהאָרכט, וואָס די חדר־יונגלעך האָבען גערעדט איינס צום צווייטען, און נאָך זיי מיט זיין אַלטען דאַך אָבגעשאָקעלט.

אַ ווינט האָט ביי נאַכט געבלאָזען.

פאַר טאָג — ווען דער שמש איז צו חצות געגאַנגען דעם עולם וועקען, האָט ער בעמערקט, אַז דער שטראַהל וואָס דרינגט תמיד פון דעם בית המדרש׳ס פענסטעריל אַרוים — איז אויסגעלאָשען,

בית המדרש׳ל מיט דעם נייעם דור. און אזוי ווייטער, און ווייטער...
עס דאכט זיך, אז א אלטע באבע איז דאס בית המדרש׳ל פון א סך אייניקלעך, מיט א ברייטע שערין, וואס בעהאלט אלע איהרע אייניקלעך אונטער איהר שערץ ארונטער.

און עפעס א אייגענשאפט האט דאס בית המדרש׳ל: קוים קומט מען אין זיינע טויערען פערגעסט זיך באלד אן דעם הונגער, וואס מען האט אין דער היים איבערגעלאזט, אלץ פערגעסט זיך דארט...

און יאהרען לאנג, און טעג לאנג שטעהט זיך דאס בית המדרש׳ל, אין א דור נאך א דור קומט אריין, בעהאלט זיך אין איהם, און געהט זיך אוועק... יעדעס דור לאזט א צייכען פון זיינע צרות אין איהם איבער: א יד פערזעצט, די מנורה פערקלאפט...
יעדעס דור פערצעהלט פאר איהם זיינע ליידען, גיסט אויס זיינע טרעהרען אונטער זיין פרוכת, און דאס בית-המדרש׳ל, אזוי ווי א ערבארמדיגע מאמע שטעהט און ווישט אב די טרעהרען פון די קינדער׳ס געזיכטער.

— וויינט נישט — אייערע עלטערן האט זיך אויך אמאל אזוינס געטראפען.

עס דאכט זיך, אז די טרעהרען פון יעדען דור זענען מיט זיינע ציגעל געווארען צוזאמען געקנעטען, דורך דעם שטעהט עס דאך אזוי לאנג...

טיילמאל דאכט זיך, אז דאס בית המדרש׳ל, שטעהענדיג אזוי צווישען די קליינע, ארימע, איינגעפאלענע הייזלעך, אין דער קליינער שטאדט, איז עפעס ווי א „מאור הגולה”, א ליכט אין גלות — א יוד, מיט א לאנגע ווייסע בארד, און א לולקע אין מויל... אלע הייזלעך פערלאזען זיך אויף איהם... און ביי נאכט, שטיל איז ארום, די לבנה אין דער הויך באדט זיך צווישען די וואלקען, און קוקט זיך אין גייסעל אראב. און דאס בית המדרש׳ל, ווי אנ׳אלטער העלד, שטעהט און פערצעהלט, פאר די ארומיגע הייזער, מעשות פון לאנג...

אין א ווינקעלע אין בית המדרש ברענט זיך א לעמפעלע, א נר תמיד׳ל. שטענדיג ברענט עס זיך, דאס לעמפעלע, ביי טאג און ביי נאכט, סיי זומער סיי ווינטער. ווער ווייסט וואו עס זענען איצט די הענד, וואס האבען עס אנגעצונדען?... און ווער ווייסט, וועלכע הענד וועלען עס אויסלעשען.

חלוק? היינט נעכטיגען קינדער פון אַ פרעמדען בית־המדרש ביי איהם, מאָרגען וועט דערפאַר יענ׳ס בית המדרש אונטער זיין דעכיל זיינ׳ס אַ קינד אַרונטער נעהמען, ווען עס וועט זיך פער־בלאָנדזשען וויַיט...

אָפען איז דאָס בית המדרש פאַר אַלע, ווער עס וויל קומט אַריין.

עס דערשרעקט נישט מיט זיין ריינקייט און הערליכקייט; זיינע אָרימע שוואַרצע פיער ווענט זענען דיר זעהר היימיש, זיין שוואַרצער פערראָוכטער באַלקען זעהט דיר אויס ווי דער באַלקען פון דיין מאַמעס שטיבעל, דאָרט וואו דו ביזט געבוירען געוואָרען... די ווינקעלעך מיט שפינוועבס, די פענסטער פערשטויבט, ביי דער מזרח־וואַנד שטעהט אַנ׳אָרון קודש אַ אַלט׳ס, מיט אַלטע צוויי לייבען; איבער דעם אָרון – אַ פרוכת׳ל אַנ׳אויסגעריבענס, מיט אַ אָבגעריסען שעחטין מגן־דוד׳ל; ביי׳ם אָרון שטעהט אַ הויכער עמוד מיט אַ אַלטע פערפעצטע מנורה, אויף דעם אַלטען עמוד זענען מיט קרייד אָנגעשריבען די קראַנקע פון דער שטאָדט. און פון די אַרומיגע פאָליצעס מיט די ספרים געהט אַ שטויב אַרויס און לעגט זיך אין דער לופט פון דעם בית המדרש׳ל...

און אַז דער בעל הבית קומט אין בית המדרש׳ל אַריין פער־געסט ער אָן דעם הונגער, וואָס ער האָט אין דער היים איבער־געלאָזט, זיינע „צרות״ די ביטערע, די וואָלענדיגע פרנסה...

און יאָהרען לאַנג און טעג לאַנג שטעהט דאָס בית המדרש׳ל און לעבט זיך מיט אין דער שטיל מיט איהר עדה יורען. אַ חדר־יונגעל אַנטלויפט פון חדר קומט ער אין בית המדרש אַריין, בע־האַלט זיך אונטער איהר קאַסטען „שמות״, אַ טאַטע לויפט אַוועק פון דעם הונגעריגען וויַיב, פון די הונגעריגע קינדער, בעהאַלט ער זיך אין בית המדרש׳ל. עס דאַכט זיך איהם אַז זיינע שוואַרצע ווענד טרייסטען איהם: נישט קשה, דיין טאַטע האָט אויך אַמאָל אַזוי געטהון... ועלוויל דער שטאָדט־גנב, וואָס סטראַשעט אַ גאַנץ יאָהר דעם רב, אַז ער וועט צום גלח געהן שמד׳ען זיך, בעהאַלט זיך אויך אַמאָל, אין אַ שלעכטע צייט, אין בית המדרש׳ל... און דאָס בית המדרש נעמט אַלע שען צו, נישט קשה, אויך איהרס אַ קינד... און עס לעבט זיך וויַיטער מיט זיין עדה. שטאַרבט דאָס דור קומט אויף אַ נייער דור און עס לעבט זיך וויַיטער דאָס אַלטע

# אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ'ל.

דאָס שטעדטיל האָט זיך זײַן „עיר מקלט'ל", דאָס בית המדרש'ל. אין מיטען גאַס שטעהט עס, פֿיער שוואַרצע, פֿיער פֿערפֿוילטע, ביז צו די ערד אײַנגעזונקענע ווענט; דאָס אַלטע שינדעל־דעכיל פֿערפֿוילט פֿון רעגען — עס גלאַנצט שוין מעך אַראָב פֿון דער הייך. און אויף די צוויי שפּיז־בעוועכטע פֿענסטערלעך ווײַזען זיך נאָך די אָבגעריבענע מגן־דוד'לעך אַרוים.

די טרעפּלעך אײַנגעזונקען, די טהירען שוואַרץ, גלענצענדיג פֿון די קושען פֿון פֿרומע ווײַבער, וואָס לייגען די ליפּען צו דורך־געהענדיג, און פֿון נישט פֿרומע, וואָס לאָזען זיך בעניגען מיט אַ בלויזער האַנד־אָנריהרונג.

קיינער ווייסט נישט ווער עס האָט דאָס בית־המדרש'ל אויפֿ־געשטעלט; די אַלטע בעלי בתּים, ווען זיי זענען נאָך קינדער געווען געדענקען דאָס בית־המדרש'ל ווי עס איז זיך אַזוי שוין געשטאַנען ווי איצטער: דענסטמאָל אין שמחת תּורה, ווען זיי האָבען מיט די פֿענער אויף זײַנע פֿענסטער געטאַנצט.

און דאָס בית המדרש'ל קעהר זיך כּלל ישראל אָן. יעדער יוד האָט דערינען אַ חלק, יעדער זיידע האָט אַ ציגעל אין איהם אײַנגעמויערט, אַ בעהעלטעניש פֿאַר די שפּעטעריגע דורות... און פֿאַר נאַכט, ווען עס ווערט טונקעל, צינדט דער שמש די זעקס ליכטלעך פֿאַר'ן עמוד אָן. אין דרויסען איז קאַלט, אין דער שטוב זיצען ווײַב און קינדער און הונגערען, אין בית המדרש'ל בעהאַלטען זיך די בעלי בתּים, יעדער זיצט זיך אויף זײַן אָרט. כ'לעבען עס פֿערגעסט זיך דאָך אין בית המדרש'ל פֿון דעם הונגער...

אַ הויז איז דאָס בית המדרש פֿאַר אַלע יודישע קינדערלעך, אַ נאַכטלעגער — פֿאַר אַלע, וואָס האָבען נישט וואו דעם קאָפּ אַניעדער צו לעגען; אַ דאַך פֿאַר אַלע אָנ־היימידיגע — עס מאַכט נישט קיין אונטערשיעד יאָ אַ היגער נישט קיין היגער... וואָס איז דער־

לען אַרום א סך מענשען, און זיי לעבען, זיי שילטען און זיי בענטשען זיך.

און די נאַרישע שטראַהלען ווילען אויפלעבען קאַלטע מצבות, אויפלעבען קאַלטע מתים.

דעם קאַלטען שטיין וועט איהר וואַרים מאַכען, דעם מענ־שענס פנים וועט איהר דערהיצען, אָבער נישט לעבעדיג מאַכען...

און איין אַנדערער וועט אַמאָל שטעהן אויף דעם בערגיל, ער וועט זינגען מיינע ליעדער, און איך וועל זיין דאַן אין בערגיל — נאָר וועט ער חאָטש דעמאָלם וויסען, אַז איך לעב?

וואַלד, עפּעס מיט אַ מינע פון זעהר אַ וויכטיגען מענשען, אַן אַלטען חכם, וואָס איז פערטהון אין חכמה־זאַכען.

און עס שטיפּט און שפּיעלט זיך דאָס שטילע פליסענדע וואַסעריל. און אויסזעהן זעהט עס אויס, ווי אַ בן מלך, פאַר וועלכען די אַלטע חכמים־בוימער האָבען דרך־ארץ, רוקען זיך אָב פאַר איהם, מאַכען פאַר איהם אַ וועג. און מורא האָבען זיי: אַזאַ קונדס, עס קאָן זיך נאָך איהם פערגלוסטען זיי צו בעשפּריצען מיט זיינע וועלען, און פערטומלען זיי פון זייערע געדאַנקען ...

און אַביסעל אָן אַ זייט שטעהט אַ קליין הייזעל, מיט ווייסע אָבגעווייסטע ווענד, און אַ געדיכטער רויך געהט פון קוימען אַרויס און אַ פויערטע אַרומגעוויקעלט דעם קאָפּ אין אַ ווייס טיכעל שטעהט פאַר דער טהיר. פון דערווייטענט הערט זיך אַ קול: „יאַ—נ—קאָ, יאַ—נ—קאָ, יאַ—נ—קאָ". און דער קול ווערט פערלוירען אין אַויר.

דאָרטען הינטער דעם פּלויט ליגען בעגראָבען די ווידעס פון דעם שטעדטיל. זייערע קערבער האָבען זיך מיט דער ערד אויסגעמישט, פעראייניגט זיך מיט אַלעם. די ליכטיגע זון שיקט אויף זיי די גאָלדענע שטראַהלען, און די ערד בליהט.

מיט דעם בלוט פון די אַלטע איז זי געוואָרען געפּעט. בעלי בתים פון דעם שטעדטיל זענען זיי מעהרסטען געוועזען.. געלעבט האָבען זיי אויף דער ערד, אָבער אָבגעשיידט זענען זיי געוועזען פון איהר. היינט בליהען זיי צוזאַמען מיט דער ערד.

און זעהסט דו, אָט קומט אַ פויגעל, פּליקט אָב אַ זאַנג, חאַפּט אַ קערענדעל, אַ טראָפּען פון אמאָליגען פויגעל האָט ער גענאָגט ... און דער פויגעל פּישצעט און פליהט אַוועק... פאַלען וועט אַ מאָל דער פויגעל, עס וועט קומען איין אַנדער פויגעל אויסזוכען זיין טראָפּען אין איין אַנדער קערנדעל ...

און די נאַרישע שטראַהלען ווילען וואַרים מאַכען קאַלטע מצבות, וואַרים מאַכען, אָבער נישט אויפלעבען — די הערצער לעבען אין פעלד ...

---

דאָ אויפ'ן פעלד קריכען אַדום אַ סך ווערים, דאָרטען הינטער די בוימער, אַביסיל נידריגער פון די קליינע דעלעך, קרי־

זײַ מיר געגריסט, מײַן בערגיל!

די וואַרעמע זון האָט דעם קאַלטען שנײע צונעצט — און איך זעה דיך ווידער.

רוהיג ביסט דו דיר געשלאָפען, הינטער דעם קאַלטען שנײע, דורך דעם קאַלטען לאַנגען ווינטער—צו שלאָפען אין ווינטער, אַפילו אונטערן שנײַע, איז גרינג, אָבער אויף צו זײַן אין ווינטער...

איך בין אויף געוועזן — געצעהלט האָב איך די טעג. יעדען פריהמאָרגען האָב איך געקוקט אויפ׳ן הימעל, אויב די זון וועט אַרויס און דײַן ווײַסע דעק צונעצען, איך זאָל דיך ווידער קאָנען זעהן.

געבענקט האָט זיך מיר נאָך דײַן פראָסטען מאַמעדינגען אויסזעהען.

און אויף מײַן בעקאַנט בערגיל שטעה איך, איך קוק מיך אַרום גאַנץ ווײַט, גאַנץ ווײַט. איבער מײַן קאָפּ ציהט זיך און פערשפרײַט זיך דער לאַנגער אונענדליכער הימעל און שמײַבעלט צו דער ערד, און אונטען, צו מײַנע פיס פערשפרײַט זיך און פערלענגערט זיך די ברײַטע אונענדליכע ערד, און זי לאַכט אַרויף צו׳ם הימעל, און איך אײנער אַלײן שפרײַט אויס גאַנץ ווײַט און גאַנץ ברײַט מײַנע לאַנגע, ברײַטע הענד...

דאָרט... פון הינטער די בוימער שטאַרט אַרויס דער גרויסער קירכען־טהורעם, און אויסזעהן זעהט ער אוים ווי הענגענדיג אין דער לופטען... פאַר איהם בויגען זיך די נידריגע דעכער פון די הײַזער; דאָרט אויף דער צווײַטער זײַט שטאַרען אַרויס פון דעם אַלטען האַלב־צובראָכענעם אײַנגעפאַלענעם פלויט די שפיצען מצבות. וואָס גלאָטצען זײַ? ווי חזנים קוקען זײַ אין הימעל בעטענדיג: גאָט! שיק אַ טהוי פון לעבען. און אָט שיקט דאָך די זון איהרע ערשטע וואַרימע שטראַהלען.

און דאָרטען ווײַט ציהען זיך צווײַ צײַלען בוימער. צווישען די בוימער שוואַרצט זיך דער וועג. ווײַט ציהט ער זיך, דערנאָך פערבלאָנדזשען זיך די בוימער, עס פערבלאָנזשעט זיך דער וועג. אַ פוהר פאָהרט גאַנץ ווײַט... גאַנץ ווײַט... און זי ווערט פערבלאָנזשעט דאָרט וואו דער וועג ווערט בערבלאָנזשעט.

און אויף דער צווײַטער זײַט קוקט אַהער דער געדיכטער

# אַ בּעֶרגיִל עֶרד.

א בּעֶרגיִל עֶרד, איִך קאָן דאָס בּעֶרגיִל.

איִן טריִבּעֶ טעָג האָט עֶס איִן זיִך מײַנעֶ טרעֶהרעֶן אײַנגעֶזאַפּט, איִן גליִקליִכלעֶ טעָג האָבּעֶן מײַנעֶ ליִעדעֶר דאָרט געֶקלוּנגעֶן.

וויִ איִן אַ מאַמעֶס הארץ האָבּ איִך איִן דעֶם בּעֶרגיִל מײַן פּנים אײַנגעֶגראָבּעֶן, איִן דעֶר אַרוּמיִגעֶר שטיִלקײַט האָט עֶס מײַנעֶ זיִפצעֶן פֿעֶרנוּמעֶן.

אוּן יעֶדעֶן טאָג, יעֶדעֶן טאָג, געֶה איִך צוּ דעֶם בּעֶרגיִל. איִך געֶה זעֶהן וואָס איִז מיִט איִהם, אָבּעֶר דעֶר שנעֶע ליִגט נאָך אַלץ אוֹיף איִהם.

ליִעבּ בּיִסט דוּ, שנעֶע מיִר דײַנעֶ ווײַסעֶ פֿליִעגלעֶן האָבּעֶן מיִט גרוֹיס עֶרבּאַריִמקײַט דיִ עֶרד צוּגעֶדעֶקט, צוּגעֶדעֶקט וויִ מיִט ווײַסעֶ פֿעֶדעֶרן אוּן אַלעֶס פֿעֶרשטעֶלט. דוּ האָסט בּעֶדעֶקט דיִ פֿעֶלדעֶר, בּעֶדעֶקט אוּן בּעֶשאָטעֶן דעֶם קלײנעֶם צוּבּראָכעֶנעֶם פּלוֹיט פֿוּן בּית־עלמיִן, דיִ שפּיִצעֶן מצבֿות האָסט דוּ גלײַך געֶמאַכט: גלײַך איִז בּײַ דיִר סײַ אַנ׳אָריִמעֶר, סײַ אַ רײַכעֶר, סײַ אַ חכם, סײַ אַ שוֹטה, ווײַל דוּ ווײסט, אַז אַלעֶ קוּמעֶן אַרוֹיס פֿוּן דעֶר עֶרד אוּן אַלעֶ געֶהעֶן צוּריִק צוּ איִהר; ווײַל דוּ ווײסט, אַז אַלעֶס קאָן מעֶן פֿוּן דעֶם מעֶנשעֶן אָבּקוֹיפֿעֶן, אַפּילוּ זײַן חלק לעוֹלם הבּא, נאָר ניִשט זײַן טײל, וואָס עֶר האָט איִן דעֶר עֶרד. וואוּ דעֶר מעֶנש ווערט אוֹיף דעֶר עֶרד ניִט פֿאַלעֶן, ווערט עֶר אײַנגעֶשלאָפֿעֶן ווערעֶן אוֹיף זײַן מאַמעֶס בּרוּסט.

אַלץ האָט דעֶר שנעֶע צוּגעֶדעֶקט — אוּן ווען איִך שטעֶה אוֹיף מײַן בּעֶרגיִל, מײן איִך, אַז איִך בּיִן צוויִשעֶן צווײ היִמלעֶן.

אוּן יעֶדעֶן טאָג, יעֶדעֶן טאָג קוּם איִך געֶוואָהר ווערעֶן, אָבּעֶר מײַן בּעֶרגיִל איִז נאָך אַלץ בּעֶשאָטעֶן.

עֶס בּעֶנקט זיִך מיִר אַזוֹי צוּ זעֶהעֶן מײַן בּעֶרגיִל, עֶס גלוּסט זיִך מיִר צוּדריִקעֶן צוּ מײַן האַרץ מײַן בּעֶרגיִל עֶרד, אָבּעֶר ניִשט דעֶם קאַלטעֶן שנעֶע, וואָס ליִגט דעֶרוֹיף.

בען פון דאַנען אַװעקצוגעהן? אױערען—צו הערען דאָס אַלץ, אױגען—צו זעהען דאָס אַלץ, אַפילו אַ האַרץ האָסט דו מיר געגעבען דאָס אַלץ צו שפירען און איך װיל ניט זעהען, װיל ניט הערען און װיל ניט שפירען דאָס אַלץ, נאָר אױסמישען װיל איך מיך מיט דעם אַלעם, אױסגיסען דאָ מײַן נשמה און צוזאַמענגיסען זיך מיט'ן פעלד, מיט'ן װאַסער, מיט דײַן לײַטזעליגען טױ, מיט אַלעם װאָס איז דאָ, אַז אײנס זאָל איך װערען צװישען זײ, אײַנגעפלאַנצט זאָל איך װערען אין דײַן גאָרטען, װי אַ בױמעלע אין װאַלד, אַ גרעזעלע אין פעלד – אָבער ניט אַ פױגעלע, װאָס גיט קױם אַ פיפס און פליהט באַלד אַװעק...

איך ליעג מיט דעם פנים פערבאָרגען צװישען די זאַנגען.

און די חװאַליעס גיסען זיך, ניט עס קלינגען די װאַסערן, נאָר עס קושט אײן חװאַליע די צװײטע. פון דערװײַטען קומען צו־שװימען יענע אונבעשטימטע טענער און קושען דעם אָבקלאַנג פון די חװאַליעס. ערגעץ פון אַ בױם שיקט אַ פױגעל גלאַט אַזױ זײַנע גערים אין די װעלט אַרײַן – און דאָס אַלץ מישט זיך אױס אין אײנעם, און עס װערט אײן געזאַנג:

װײ, קושענדיג.

און גאָט האָט זײַן כבא־הכבוד פערלאָזט, אַראָבגענידערט און אױסגעמישט זיך און צוזאַמענגעגאָסען זיך דאָ אין דעם קלײנעם שטח מיט אַלעס װאָס אַרום און אַרום.

און אַרומגעהילט האָט אַלץ אַ װאָלקען טױ.

בײַם ברעג פון דעם טײַך ליעג איך, דאָס פנים בעהאַלטען אין גראָז.

איך בעט שױן ניט. מײַן תפלה איז שױן ערפילט געװאָרען.

איך הער שױן גאָרניטס, שפיר שױן גאָרניט, זעה ניט און פערשטעה ניט. נאָר עפּעס װי אײַנגעפלאַנצט בין איך – איך װאַקס און לעב מיט אַלעם, אױסגעמישט און צוזאַמענגעגאָסען מיט אַלעם – אײן אָבקלאַנג אין דעם אַלגעמײנעם געזאַנג, אײן פאָדעם אין דעם געװעבעלטס.

נאָר איך אַלײן װײס גאָרניט און פערשטעה גאָרניט – און אַלע לעבען מיר, און אַלע זינגען מיר, – נאָר מיר אַלײן װײסען ניט דערפון.

איבעריגע און דאס וואסער קושט מיט ליעבליכקייט, מיט לייטזע-ליגקייט די ברעגען פון טייך.

פון עק וועלט קומט עס און ווערט פערלארען אין צווייטען עק וועלט.

און דער טוי פון די טיפע גרעזער שטייגט אין דער הויך, און עס גיסט זיך צונויף, שוועבט און ווערט א צוזאמענגע-וועבטע חופה פון טוי-פעדעם מיט געטליכע קושען -- עפעס האבען זיך צוזאמענגעשפינט אין דעם לופטיגען אויר געפרוירענע, פער-גליווערטע טרעהרען, וואס קומען פון הערצער, וועלכע באדען זיך אין גאנצע קוועלע ליעבע און טרייסט, און די חופה האט ארום-געהילט גאטס בעשעפעניש.

און גאטס בעשעפענישען זענען פערטרונקען און פערזונקען אין גאנצע קוועלען פון לעבען און טרייסט.

איך זיץ ביים ברעג פון טייך.

עס הערט זיך דאס געזאנג פון דער נאכט.

פון גאנץ וויים קומט צו שווימען דאס קול, און ווי א חלום פליהט עס דורך אין דעם אויר, און עס קלינגט מיט מיט דעם ליעבען אבקלאנג פון - וואסער. עס שווימט באלד אוועק, דער וואסער-שטראם האט דאס קול מיטגעשטרוימט. צו ברענגען א-געראם אין עק וועלט אהין.

א פויגעל, ערגעץ, מען זעהט איהם נישט, פערבענקט זיך און גיסט אוים זיין פערלאנג אין זיין געזאנג, און זיינע טענער שווי-מען צוזאמען מיט א וויימען אבקלאנג, וועלכער רייסט דורך דעם שלייער פון דער נאכט, און אלץ ווערט ווידער פערלא-רען, און שטיל איז אין דער אונענדליכקייט.

ביים ברעג זיץ איך און קוק אין וואסער אריין: אין דער הויך הענגט דער הימעל מיט די שטערען.

אין די ערד טוליע איך איין מיין פנים און איך בעט:

— גאט, בעט איך, פארוואס האסט דו דיין וואהנונג געמאכט אויבען אין הימעל, זיך בעהאלטען הינטער די וואלקענס, קום אראב און דא אויף דער ערד מאך דיין וואהנונג -- וואס ארט עס דיך, אז די מענשען וועלען ווערען מלאכים? גאט, בעט איך וויימער, און לאז אראב מיין פנים צווישען די הויכע זאנגען — פאר וואס האסט דו מיך אבגעזונדערט פון דיין וועלט? פים מיר געגע-

מלאָכים געמאַכט, ער ציהט זיך אין דער הויך, קוקט מיט שטאָלץ אין דער נידער אַראָב, ער ווייס פֿון זיין גרויסקייט, ער ווייסט, ווי הויך ער איז פֿון די מענשען און פֿון דער ערד, וואָס פֿאַר אַ לייטזעליגקייט גאָט האָט אויף איהם אויסגעגאָסען, וואָס פֿאַר אַ גאָלדענע ליבע שטערען ער פֿערמאָגט און וואָס פֿאַר אַ טייערען שאַץ ער האָט — די לבנה, וואָס באָדט זיך אין איהם. ער ווייס זיין פֿערמעגען, און ווי אַ גרויסער נגיד קוקט ער צו דיר אַראָב.

אַנדערש אָבער איז דער הימעל, וואָס גאָט האָט דאָ אויסגעגאָסען אויף דער ערד. די וויַיכסעל איז אונזער הימעל, אַ הימעל פֿאַר אַזעלכע געוועהנליכע, אָרימע מענשען, ווי מיר זענען. דער ערדישער הימעל גיסט זיך און גיסט זיך און מישט זיך אויס מיט אונזער נשמה, גיסט זיך צוזאַמען — מיט אונז.

נישט ער בלאָנזשעט, נישט ער בלאָנקעט — נאָר זיין וויַיכע, מאַמע'דיגע אויסזיכט איז אונז נאָהענט. נישט פֿאָרכט האָסט דו פֿאַר איהם, אַז איינשלינגען וועט ער דיך, נאָר דו פֿערטרויסט זיך, פֿערזיכערסט זיך אויף איהם, עס גלוסט זיך דיר דיין גאַנץ האַרץ פֿאַר איהם אויסצוגיעסען, איהם אַלץ דערצעהלען, ווי פֿאַר אַן אייגענער מאַמען.

עס גלוסט זיך עפּעס אַזוי דעם מענש זיינע טרעהרען אין איהם אַריינצוגיסען, אַז זיי זאָלען זיך צוזאַמענמישען מיט זיין וואַסער.

עס רינט דאָס וואַסער, איין חוואַליע יאָגט צו דער צווייטער, דאָס וואַסער גיסט זיך און גיסט זיך, און עס דאַכט זיך: עס זינגט אויס דיין ליעד, עס דערצעהלט אַלץ, וואָס עס טוט זיך אָב אין דיין האַרץ, וואָס איז בעהאַלטען, פֿערבאָרגען אין דיין נשמה — און דיר ווערט אַזוי לייכט, אַז וויינען גלוסט זיך דיר ווי אויף אַ מאַמעס אַ האַרץ.

גאָט, דאַכט זיך, האָט אויך אַראָבגענידערט פֿון זיין כסא־הכבוד — פֿערלאָזט דעם הימעל אין דער הויך — און אַריינגעגאָסען זיין גאַנץ לייטזעליגקייט, זיין גאַנץ הייליגקייט דאָ אין דעם אַויר, אין די לופֿט. עס דאַכט זיך, אַז גאָט האָט זיך אויסגעמישט און צוזאַמענגעגאָסען מיט אַלעם, וואָס איז אַרום און אַרום.

און די חוואַליעס רינען, גיעסען זיך צונויף איינער מיט דער צווייטער, מאַכען שלום, שליעסען אחדות און בינדען זיך אָן מיט די אַנדערע חוואַליעס. יענע ווייטער קניפּען זיך צוזאַמען מיט די

צופּט, אַז איהר האָט פֿערגניגען דערפֿון. ער בויגט דעם רוקען איין: קריכט קינדערלעך, קריכט, אַז איהר ווילט אַזוי. אַזוי איז דער באַרג, דער זייטע פֿון שטעדטיל; לויפֿט אַראָב, לויפֿט אַרויף, שפּיעלט אייך מיט מיין זאַמד, מיט מיין גראָז. ליעב זענט איהר מיר אַלע.

איך שטייג אַרויף אויפֿ'ן באַרג, קריך אויפֿ'ן זיידענס רוקען.

טיילמאָל קוק איך מיך אום, הינטען אין דעם טאָל נעמען זיך צונויף אַלע היזער און קוקען מיר פֿון הינטען נאָך. אַבלויער, היימישער הימעל איז אויסגעגאָסען פֿון אויבען, אויף איהם שיינען די שטערען, אַ לייכטער שלייער האָט אַרומגעהילט דאָס שטעדטיל און פֿון דעם לייכטען שלייער שפּאַרט זיך דורך דער שפּיץ פֿון אַ קירכע און געגען איהם ווערט פֿערלאָרען אין שטח פֿון אַויר דאָס קליינע פֿענדיל פֿון דער שוהל.

ווי וויים זענען די מענשען, ווי וויים זענען די היזער, איינער פֿון צווייטען ביי טאָג; און ווי נאָהענט אָבער, ווי היימיש נאָהענט, ווי משפּחה'דיג שפּירען זיך די אַלע היזער ביי נאַכט. אַפּילו דער הויכער שפּיץ פֿון דער קירכע און דאָס קליינע פֿענדיל פֿון דער שוהל האָבען פֿערגעסען זייער בעשטענדיגע מלחמה, וואָס איז צווישען זיי, און לעבען איצט אין אַחדות, אין שלום, איין הימעל ציהט זיך דאָך איבער זיי, אין איין טאָל זענען זיי פֿער'חלום'ט און איין גאָט וואַכט איבער זיי.

איך שטייג אַרויף אויפֿ'ן באַרג.

הינטען פֿון דעם טאָל קוקען מיר נאָך די שפּיצען פֿון די דעכער, זיי סוד'ען זיך מיט אַנ'אַנדער, נאָר איך וויים נישט וואָס זיי מיינען. דאָ דאַכט זיך מיר: זיי האָבען רחמנות, מיטלייד מיט מיר, בעדויערען און זאָגען איינער צו'ם צווייטען: זעה, דער אַנט־לויפֿט פֿון אונז, פֿערלאָזט אונז. באַלד אָבער דאַכט זיך מיר, אַז זיי, די היזלעך, זענען מיר מקנא: פֿיס האָט ער, קאָן ער אַוועקגעהן, מיר אָבער מוזען תמיד שטעהן אויף איין אָרט.

פֿון דער צווייטער זייט נידערט אַראָב דער באַרג.

און אַ צווייטען הימעל האָט גאָט דאָ, צו זיינע פֿיס, אויס־געגאָסען, אַ פֿיעל מילדערען, אַ ליעבערען און אַ מעהר היימישען. דאָס איז די ווייכסעל, אונזער הימעל אויף דר'ערד.

יענעם הימעל אין דער הויך האָט גאָט פֿאַר זיך מיט זיינע

# ביי'ם ברעג פון דער ווייכסעל.

נאַכט איז עס.

צעוואָרפען זענען די הייזער, שיטער, איינס ווייט אָבגעדוקט פון צווייטען, זיי שטעלען זיך נישט צוזאַמען, נעמען זיך אָן ביי די הענד, רייסען זיך אָב פון גאָטס פרייער וועלט, און ווערען צוזאַמען אַ שטאַרקע מויער און אַנ'אייגענע, בעזונדערע שטאָדט. ניין, פערלאָרען זענען זיי אין שטח, אויסגעמישט מיט אַלעם, פערשלונגען, פערטרונקען אין דער אונענדליכקייט, וואָס איז אַרום און אַרום...

און פריי ביזט דו, פריי אויף גאָטס פרייער וועלט.

וואַרפט זיך דיר אַ מאָל אין די אויגען אַ שוואַרצער פלעק, און אַ ווייסער שטרוי=דאַך קוקט אַראָב פון דער הויך, דאַכט זיך דיר, עס איז פון דער הוילער הויט אַרויסגעוואַקסען, נישט קיין מענשענס הענד האָבען דאָס געמאַכט, נאָר אויסגעוואַקסען איז עס ווי די גרעזער אין פעלד, ווי די בוימער אין וואַלד.

און פער'חלומ ט איז אַלץ אין גאָטס לייטזעליגען שלאָף, און אַלץ בויגט זיך, טוליעט זיך איין צו דער מאַמעס ברוסט — דער ערד, איינגעשלאָפען אויף גאָט'ס שוים. אַ פנים, אַלץ אַרום איז צופריעדען מיט זיין גורל, וואָס עס איז פאַר איהם בעשערט און פערלאַנגט נישט קיין בעסערס. די הויכע אויפגעשטעלטע שוואַרצע קוימענס גלאָצען ווי חזנים אין הימעל אַריין, ווי בעטענדיג: חלילה נאָר נישט ערגער.

איך געה.

די הייזער, זיי קוקען אַרויס פון איינגעהילטען שלייער — געענעצען און וואונדערן זיך: ווער איז דער? באַלד אָבער טוליען זיי זיך ווייטער איין — און געהייסען וואָלט עס: עס איז נישט כדאי.

אָט איז דער באַרג, און איך שטייג אויף איהם אַרויף.

אַנ'אַלטער בעקאַנטער... אַ זיידע איז ער, וואָס שטרעקט אויס זיין גרינע באָרד צו זיינע איייניקלעך און זאָגט: צופט, קינדערלעך,

„קאַמיערש" אַרויס. די הײַזער זענען געשטאַנען, ווײַל זײ זענען געשטאַנען — און האָבען מיט שטיל־שווײַגעניש ווי אַ טויט, ערענסט געזיכט נאָכגעקוקט און בעטראַכט אַלץ וואָס איך טהו... נור טײל־מאָל האָט זיך מיר געדאַכט, אַז מען פערצעהלט מיר עפּעס, מיר, דעם אײניקעל. מען וויל מיר עפּעס איבערגעבען, זאָגען „נו, וואָס?" און זײ קוקען מיך אָן און שווײַגען. און איך האָב מיך געפיהלט אַזוי משפּחה'דיג צווישען זײ, מײַנע זײדעס — אָט, דאָ בין איך אין דער הײם, בײַ אונז...

און אַלץ אַרום איז אַזוי שטיל און שוואַרץ געוועןן. נישט געשטאָרבען איז עס, נור בעהאַלטען אין זיך, טיעף איהר זײַן געהײמניס איז די גאַנצע גאַס געוועןן אײַנגעטונקט און געלעבט איהר שטיל־שווײַגענדיג לעבען. פון הימעל קוקען אַראָב די שטערן און שווײַגען און פרעגען גאָר נישט. די אַלטע שוהל איז אין דער ערד אײַנגעזונקען, אַז זי זאָל זיך נישט מיט איהר שפּיץ וואַרפען אין די אויגען דאָרט זײ, אויף יענער זײַט קײט... פון די שוואַרצע פענסטער קוקט אַרויס דער שוואַרצער גלות און שרעקט און טרײסט אין אײנעם. פון אַ זײַטען־פענסטער דרינגט אַ שטראַהל ליכט אַרויס, אַ נשמה־ליכט אויף אַ גאַנץ פאָלק. פענסטער און שטיל איז אַרום און אומעטום, — און דיר, דאַכט זיך אַז גאָט אין הימעל האָט זיך דאָס פּנים צווישען בײדע הענד פערשטעלט, ווײַנענדיג אויף חורבן בית־המקדש.

און אין דער שטילער, פינסטערער נאַכט האָבען אײנזאַמע טריט אויף שטײנער אָבגעקלאַפּט און אַ טרויעריג־ווײנענדיג געזאַנג האָט זיך פון דערווײַטען געלאָזט הערען

שטעהט אויף, שטעהט אויף:
יודעלעך, ——
כשר'ע יודעלעך,
פרומע יודעלעך.
שטעהט אויף, שטעהט אויף!
צו עבודת הבורא...

פון אַ שוואַרץ פענסטער האָט אַ שטראַהל אָנגעהויבען אַרויסצושײַנען...

# II.

## קאַזמיערש [1].

אז משיח וועט קומען און יודען קיין ארץ־ישראל פֿיהרען, וועט אַ פּוילישער פּריץ מיט די טויזענדער אָבוועגען אַ יוד, אַבי ער זאָל זיך אין זיין דאָרץ בעזעצען. אין אַ פּוילישען דאָרף אָהן אַ יודישען „פּאַכטשאַרש" [2] אָהן אַ יודישע „קרעטשמע" פֿעהלט עפּעס ווי אַ בלימעל אין אַ הויז... גוים דאַרפֿען דעם יוד, אַז נישט דאָס בערדיל צו צופּען, חאָטש „מה יפית" צו זינגען—אַ גוי געהט אוים פֿאַר אַ יודישען „מה יפית"—מיצקעוויטש האָט דעם שענסטען „מה יפית" אין יענקעל מוזיקאַנט׳ס מויל אַריינגעגעבען. „קאַזמיערש" מאַכט דעם איינדרוק ווי אַזאַ מין יודישער „פּאַכטשאַרש" אין קראָקוי... און דער פּאַכטשאַרש האָט זיך זיין וועלט פֿאַר זיך...

אַנ׳אָרים יודיש מנין האָט זיך אַרומגעקליבען אַרום די אַלטע שוהל, אַזוי ווי זיי וואָלטען מורא האָבען אַליין אין גלות איבערצו בלייבען, ווילען זיי זיך פֿערלאָזען אויף אַ גדול. אין מיטען חאַפּט זיך אַריין איינעם מיט דער „אויפֿגעדעקטער שאַנד", דאָס מיין איך, מיט אַנ׳אָבגעריסענעם דאַך, מיט אָבגעריסענע ווענד, נור דאָך ווערט עס נישט געפֿאַלען ביי זיך און עס ווערט נישט אָן דעם יחוס. אַ אַטלעסענע קאַפּאָטע, חאָטש זי איז צופֿליקט, צוריסען, פֿונדעסטוועגען איז זי מעהר שבת׳דיג ווי אַ גאַנצע, אַ נייע קאַפּאָטע... אַ פֿערשעמט מנין. זייערע בעלי־בתים זענען דאָך נור יודען וואָס זיצען אין דער גאַס ביי די אונטערגעהייצטע קוימענס און פֿערקויפֿען געבראָטענע קאַרטאָפֿלעס... און פֿרעהען זיך, אַז די קעניגין יאַדוויגאַ האָט פֿאַר אונז „זשידקעס" אַ פּרוכת אויפֿגענעהט אין דער אַלטע שוהל אַריין... אָט געה, נעהם אַראָב די געטהאָ־קייט, וואָס הענגט נאָך אויפֿ׳ן וואַנד ביים אָנהויב „קאַזמיערש" און לעג זי איבער דער צווייטער זייט וואַנד אַריבער, האָסט דו ווידער דאָס „געטהאָ" פֿאַרטיג.

ביי נאַכט איז עס געווען. פֿון „רינאָק" בין איך אויפֿ׳ן

---

[1] קאַזמיערש—אָס איז דאָס יודישע קוואַרטאַל פֿון קראקוי.

[2] פּאַכטשאַרש—מילכינגער.

טוי זאָל איהם בעפּרישען, און זעהסט דו דאָרט, אַ בלימעל צו א קרענציל שמייכעלט אין הימעל אַריין, עס קומט אַ פויגעל צו פליהען, ער גיט אַ צופּ דאָס קרענציל. אַ טראָפּען פון איהם האָט עס געגאָסען. צו גיסט זיך נישט אוים זיין שאַל־מעלאָדיע אין דער לופט, ברייט און רייך?

אויף דעם געמויערטען קבר האָב איך אַ בלימעל געפונען.

אַ פערשלאָסען קעלך, נאָך נישט צייטיג געוואָרען און עס הויבט שוין אָן צו פערטריקענען, ווי אַ ליעבליך אונשולדיג מיידעל, נאָך נישט אין די יאָהרען, הויבט אָן צו פערבליהען. אויף דעם פערטריקענטען ליפּען־רויז איז אַ פולע טרעהר געהאַנגען, אַ לעבע־דיגער טראָפּען טוי. און די בלום זויגט זיין חיונה פון דער טרעהר און קען נישט פערוועלקט ווערען. די טרעהר לעבט, לעבט, וועקט און דערפרישט.

און קענסט דו דאָס מיידעל? ביים פענסטער זיצט זי, אין איינזאַמען דאָרף און קוקט אויף דער דאָרפ׳ס גאַס. דאָרט ווייט צווישען די הויכע טאָפּאָלען פערבלאָנדזשעט אַ יוד מיט׳ן פּעקעל אויפ׳ן רוקען, פון דאָרט ווייט פון נאָך בערגער און טהאָלען קומט צו ציהען, קומט צו בליהען אַ פערגעסענער זים־זים־זים. דאָס מיידעל זיצט; „פאַן טאַדעאוש״ אין דער האַנד, און אַ עלטער באָבע פערצעהלט אַלטע מעשיות פון האַרץ צו האַרץ:

„עס איז אמאל אַ פאָלק געווען,
עס איז אמאָל אַ טאָלק געווען״.

און אַ פולע טרעהר אין אויג. גאָט מיינער, וואָלט איך די טרעהר פון דעם מיידעלס אויג אין מיר איינגעטרונקען, זי וואָלט מיר אַ נייע נשמה בעשאַפען.

ניין! איך וואָלט די טרעהר גענומען און געקומען צו מיין אָרים, אומגליקליך פאָלק און וואָלט טויטע מענשען מיט די טרעהר אַנגעטרונקען. אַזאַ טרעהר־קראַנקע הערצער וואָלט זי געהיילט, צובראָכענע נשמות נאַניץ געמאַכט, זי וואָלט אייך אַ ניי לעבען בעשאַפען...

אַז עס פאַלט אַ טרעהר נישט אויף מויערן, נישט אויף ציגעל און לעהם, נור אויף אַ בלום, ווער ווייסט, וואָס אַזאַ טרעהר קען בעשאַפען!...

---

אויף און וועהט אויף דעם זינגמונד'ס קלאָג, גיט דאַן אַ קלונג און עס וועקט עפּעס. אַ גרוס פון עלטערע צייטען. אַ קוש פון דער עלטער־באָבע אין דער לופט. זיי מוזען זיך דאָרט די טויטע ביינער אין זייערע אייזערנע טרונעס בעוועגען. די שווערדען קלינגען אין די טרונעס אָב, אַ וויעדער־קול איז עס... נור די טרונע איז צו שווער, פון איהר זיך אַרויסצורייסען.

---

## אויף מיצקעוויטשעס קבר.

מיצקעוויטש דער טאַטע פון „פּאַן טאַדעאוש״— וואָס טהוט ער דאָ?

געגומען זיין קערפּער, אין אַ געמויערטע טרונע איהם אַריינגעלעגט, אַ דויערהאַפטיג אָנדענקען פון איהם געמאַכט.

נאַראָנים! מיצקעוויטשעס שווערדען שטעהען נאָך נישט אין מוזעען, זיין נשמה וואַנדעלט נאָך נישט צווישען פיער געמויערטע ווענד. אין טויזענדער הערצער לעבט זי, זי וועט לעבען ווען איהר וועט שטאַרבען; זי וועט לעבען אַזוי לאַנג ביז דעם מענשענס געפיהל וועט אין מענשענס האַרץ לעבען!

זיין שווערד האָט ער נישט אין דער האַנד געהאַלטען, אַז דענסטמאָל ווען די האַנד שטאַרבט, שטאַרבט די שווערד אָב. זיין שווערד איז נישט אויס אייזען געוועזען, וואָס זי קען פערראָסטעט ווערען. זיין שווערד איז גאָט'ס וואָרט געוועזען, אַ טוי, וואָס לעבט אויף הערצער, אַ טוי פון תחית־המתים, די נשמה פון נשמות...

אין טויזענדער טרונעס ווען איהר וועט איהם איינמויערען, וועט איהר איהם נישט טויטען. פון זיין טויטען קערפּער נור קענט איהר אַ אָנדענקען מאַכען. זיין נשמה האָט זיך אַרויסגעגנב'ט, זי איז אַ לעבעדיגער טוי פאַר טויטע הערצער.

איך וויל נישט וויסען, וואו מיצקעוויטש ליגט בעגראָבען.

נעהמט איהם אַרויס פון אייזערנעם קאַסטען, מישט איהם מיט די ערד אויס—לאָזט איהם צוריק געהן צו דער נאַטור, פון וועלכער ער איז געקומען לאָזט איהם צוריק צו דער מאַמע־ערד. ווינטער אונטער דעם דיקען שנעע צו ליגען, זומער מיט אַלעס צו בליהען, צו וואַקסען. דער רעגען זאָל איהם נאַס מאַכען, דער

מיט אײַנגעקנײטשטען צילינדעריל אויפ׳ן קאָפּ—ער לויפט, ער האַנדעלט, ער וואַנדעלט—און הינטער דעם לעבען ווערט עפּעס אַנ׳אַנדער לעבען: עס וויל עפּעס, עס בענקט נאָך עפּעס...

און די אַלטע הײַזער שטעהען טויט־שטום און פערשלאָסען אין זיך, און מיט אַ טרויעריגע שווערען געהײמניס קוקען זײ זיך צום הײַנטיגע לעבען: וואָס טהוען אונזערע אײניקלעך? וואָס ווילען זײ? און זײ לערנען נישט, די אַלטע, זײ ווײַזען נישט קײן וועג, זײ בעפעהלען נישט—נור קוקען זיך צו און שווײַגען

---

## אין „וואַוועל.

עס איז דאָך אַ געלעכטער, אָבער דאָך אַזוי. די „פאָלקס־פערזאָרגער" האָבען מורא, אַז די נשמה זאָל נישט אין אײנעם מיט׳ן טויטען קערפער אָבשטאַרבען, נעהמען זײ און צוזאַמען שטיקלעך נשמות און ווילען די נשמה אײַנמויערן אין אַ שטאַרק, פעסט־געבויטען הויז, פערזיגלען זי מיט זיבען זיגלען, היטען, אַז די נשמה זאָל נישט אַנטלויפען. זײ ווילען מען זאָל אַרײַנקומען, אײַנזויגען זיך מיט דעם פאָלקס־גײַסט, שטאַרקערען ווערען בײַ זיך.

נאַראָנים, וואָס טהוט איהר? צובערעכט דאָס הויז, אַ נשמה אין אַ הויז? גײַסט אין מויערען?

אמן וואָהנונג איז נור דאָ פאַר אַ נשמה—דאָס איז דעם מענשענס האַרץ. אַזוי לאַנג ווען די נשמה לעבט אין מענשענס האַרץ. אַזוי לאַנג ווען די נשמה לעבט אין מענשענס האַרץ קען זי וועלטען בויען, וועלטען אײַנלעגען. אַ לעבעדיגע נשמה קען נור לעבען אין אַ לעבעדיג האַרץ. אַ נשמה צווישען טויטע בײנער און שטײנער? פעראַסטעט קען זי נור ווערען, קלײן און גלײַכגילטיג!...

וואו נור אַ בײַנדעל, וואָס איז געוועזען ערגעץ פערוואָרפען אויף זיבען ימים, האָבען זײ עס געבראַכט, אין אײַזערנעם קאַסטען אײַנגעמויערט, דאָס קרײַנדיל אויפ׳ן קאָפּ, די שווערד אין דער האַנד.

און טײלמאָל בײַ נאַכט, ווען אַ ווינד געהט פון דער ווײַכ־

## אין מוזעאום;

עס האָט אַמאָל אַ העלד געלעבט. דער העלד איז געשטאָר־בען, זענען געקומען זײַנע אייניקלעך און האָבען דעם העלדס ברילען אויפגעזוכט, זײַנע טאַבאַק־שקעטעליך, זײַנע סדורים און האָבען דאָס אויסגעצירט און אויסגעפוצט, אין דער גלעזערנער שראַנק אַרײַנגעשטעלט: אַ אָנדענקען פון זיידען.

און אויסגעזוכט האָבען זיי די צובראָכענע ציגעל פון זיידענס אייוועז און האָבען זיי גלייך געשטעלט. אַ רחמנות, געביך. מען זעהט בחוש, אַ פאָלק וויל נישט געהן אין חדר אַרײַן. און מיט טרעהרען אין די אויגען און מיט צובלוטיגטע האָבען זיי אויפגע־קליבען די שטיקלעך, די ברעקלעך וואָס שטעלען צוזאַמען אַ פאָלקס־נשמה, אַ פאָלקס־האַרץ און קלויבען צוזאַמען, מיט אַלע בחות עס צו דערהאַלטען:

„קומט לאָמיר צוזאַמענקלעבען די נשמה!"

און דעם זיידענס פערראָסטעטע שווערדען האבען זיי צו־זאַמענגענומען און אויסגעשטעלט זיי אין ברייטע שויבען־שאַפען: „אונזערע שווערדען" „דעם זיידענס שווערדען". שווערדען אין אַ מוזעאום—איז דאָס נישט דער צייכען פון טויט? שווערדען אַלס אָנדענקען זענען געוועזענע שווערדען.

געוועזענע שווערדען, אויסגעדינטע עפּאָלעטען! שליפעס אין דער שראַנק—קענען שוין נישט בעפעהלען.

„פאַמיאָנטקעס", מצבות אויף העלדען:

„עס איז אַמאָל אַ פאָלק געווען,
עס איז אַ טאָלק געווען"...
עס רייסט דאָד בײַם האַרץ...

---

## אין דער גאַס

געה איך אין דער גאַס, מענשען לויפען, אײַלען זיך, האַנדלען און וואַנדלען, די עלעקטעאישע טראַמוויען רוישען און ווי משוגעים לויפען זיי אין מאַרק אַרום. מענשען שטעהען און דינגען זיך, מען לעבט עס קאָכט אַ לעבען. און זעהסט דו דאָרט דעם יודעל

גערוקט פֿון צווײַטען, האָט מיט שטיל־שוויַיגעניש דאָס זײַניגע זיך געטאָן. די לְבָנָה האָט פֿון לאַנגווײַליגקײַט אין פֿליִעסענדיגע וואָלקען זיך געטוקט, טײַלמאָל האָט זי אונוויסענדיג אַ דאַך בעלויכטען, און די הײַזער, אײנס האַרט בײַם צווײטען, שטעהען און שוויַיגען. אַנ׳ערסט שוויַיגען — נישט זיי שלאָפֿען, נישט זיי זענען אויף, נור קוקען דיך שטום אָן — ווילען דיר עפּיס זאָגען און זאָגען נישט: זיי האָבען אין זיך אַ ערענסטען סוד בעהאַלטען און האָבען דאָס מויל פֿערמאַכט... אין זײערע שוואַרצע לעכער, דאַכט זיך דיר, ליגען די העלדען פֿון „פּאַן טאַדעאוש" טויט אײַנגעשלאָפֿען, אין זײערע ברײטע, לעדערנע פּאַסקעס, און זײערע פּוילישע „שאַרמאַנקעס" מיט די שווערדען אין דער האַנד און די היטלען אויפ׳ן קאָפּ. פֿון ערגעץ וואו אַ פֿענסטער שײַנט אַ שטראַהל ליכט אַרויס. צי האָט זיך נישט דאָרט, טײַלמאָל, אַ טויטער אויפֿגעכאַפּט? באַלד דערויף איז דאָס ליכטעל שוין אויפֿגעגאַנגען. אַ פּנים, יענער דאָרט האָט פֿערשטאַנען, אַז עס איז בעסער צו חלום׳ען ווי אויף־צו־זײַן, און האָט זיך ווײַטער שלאָפֿען געלעגט...

די נאַכט איז שטיל, די נאַכט איז רוהיג. מען ווײסט נישט, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבען אַרײַן צוגנב׳ענען אַ ליכטיגער שטראַהל אין הימעל אַרײַן און האָט זיך טיעף, ווײַט און ברײט אין הימעל געלאָזט אַ חוואַליע בלוט אין אײגער פֿון די וועלען אויפ׳ן הימעל און דער רויטער גלאַנץ גיסט זיך אויס און קוקט אַרויס פֿון צווישען די צוויי הויכע שפּיצען פֿון דער „מאַריאַנסקער" קירך אין דער וועלט אַרײַן. די נאַכט אָדער דער טאָג שוין, קוקט מיט גרויע ברילען אויף דער שטאָדט. די הײַזער ווי פֿריהער שטעהען שטום, נור זיי האָבען פֿון זיך אַ סוד אַראָבגעוואָרפֿען. און הויכע מצבות בעגעגענען דעם טאג מיט גלײַכגילטיגקײַט.

פֿון „מאַריאַנסקען" טהורם אַראָב פֿערבלאָנדזשעט זיך אַ שפּיעלען פֿון אַ טראָמפּײט און זאָגט אָן דער גאַס און וועקט די גאַס: דער מאָרגען ברעכט אויף!

די אַלטע, הויכע מצבות האָרכען אויס מיט גלײַכגילטיגקײַט דעם טראָמפּײטערס שאַלען.

# קְרָאקוֹי.

## (זײַ און מיר).

נעווידמעט סטאַניסלאַוו וויטקעוויטש.

## I.

### דֶער „רִינָאק״.*)

זײַ זענען די בַּעֲלֵי־בָּתִּים, מיר — דעם שכנ׳ס־שכנים. איך וועל אָנהויבען פון די בעלי־בתים.

דער מאַרק דאָס איז די מזרח־וואַנד אין קראָקוי. הויכע שמאָלע הײַזער שטעהען אײַנגעקוועטשט איינער צום צווייטען, אַזוי ווי זיי וואָלטען זיך אָנגענומען בײַ די הענד; האָבען זיי מורא פאַר עפּיס און זיי האַלטען זיך אינאײַנעם, וואָלט דאָס צווייטע אונטער־געשטיצט? אין מיטען „רינאָק״ די לאַנגע „צוקערניצע״ מיט איהר פוילישער קאַפּקע אויפ׳ן קאָפּ: די — באָבע אַרום די קינדער. די באָבע אין דער ברייטער שירץ, מיט די ברילען אויף דער נאָז פערצעהלט אַלטע מעשיות די אַרומיגע הײַזער:

„עס איז אַמאָל אַ פאָלק געוועזען,
עס איז אַמאָל אַ פאָלק געוועזען״.

אין דער שטילער נאַכט איז עס געוועזען. איך האָב אַליין אין די גאַסען געבלאָנדזשעט. כ׳לעבען, אין „רינאָק״ איז גוט צו בלאָנדזשען. דו פיהלסט דיך עפּעס זיכער צווישען אַלטע, ערענסטע הײַזער — עס איז זיך דאָ אויף וועמען צו פערלאָזען... דער הימעל איז געוועזען אויסגעשטערנט. איין שטערן, ווײַט אָב־

*) דער מאַרק אין קראָקוי.

יחזקאל געהט מיט דעם קינד טריט בײַ טריט, און גלעט עס לײַכט מיט דער האַנד איבער די געגרײַזעלטע הערעלעך.

הינטער דעם טויער שטעהט דאָס ווײַבעל און קוקט נאָך און שמײַכעלט, דער טאַטע מיט׳ן קינד געהען פאַר׳ן טויער דורך.

דאָס ווײַבעל איז פֿלינק אַרונטער הינטער דעם פּלויטעל, וואָס איז בײַ דעם טויער, און קוקט מיט איין אויג אַרויס.

זיי זענען פערבײַגעגאַנגען, און זי איז אַרויס פון דעם פּלויטעל. איהר רויט געזיכט, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזען פון אונטער דעם שײַטעל, האָט אין דער שטיל געשמײַכעלט.

– זעהסט, טאַטעשי, דאָ וואָהנט די מאַמעשי, קום! – זאָגט דאָס קינד, ציהענדיג דעם פאָטער בײַ דעם אַרבעל.

ער איז שטיל געוואָרען און האַלטענדיג פעסט דאָס קינד בײַ דעם הענדטיל, איז ער ווײַטער געגאַנגען.

דאָס קינד האָט זיך פּלוצלונג אומגעדרעהט און האָט דער־זעהן, די מוטער שטעהט פאַר דעם טויער.

– טאַטעשי, טאַטעשי, – די מאַמע, די מאַמע! – האָט דאָס קינד פרעהליך געטאַנצט, ציהענדיג דעם פאָטער בײַ׳ם אַרבעל, און ווײַזענדיג מיט׳ן פינגער אַהין צום טויער...

עפּעס ניט ווילענדיג האָט זיך יחזקאל מיכאל׳ס אומגעקעהרט און האָט דערזעהן זײַן געוועזענע פרוי.

אַ מינוט איז דאָס פּאָר־פֿאָלק געשטאַנען און געקוקט איינער אויף דעם אַנדערען, באַלד אָבער האָבען זיי זיך בײַדע אָן עפּעס דערמאָהנט, זי איז פלינק אַרונטער הינטער דעם טויער, און ער, האַלטענדיג דאָס קינד בײַ׳ם הענדטיל, איז מיט גיכע טריט ווײַטער אַוועק אין געסעל.

– טאַטעשי, טאַטעשי, – די מאַמע, די מאַמעשי דאָרט.

באַלד, עֶפּעס ווי פון הימעל אַראָבגעשפּרונגען, איז צו איהם צוגעגאַנגען אַ קליין פינף יעהריג מעדעל, אָנגעטהון אין אַ רויט קליידיל מיט אַ ווייס שערציל, און גלעטענדיג יחזקאל מיכאל׳ס ביי דער האַנד, האָט זי ליעבליך געקוויטשעט:

– טאַטעשי, טאַטעשי!

יחזקאל מיכאל׳ס האָט אַרומגענומען דאָס קינד, עס אויפגעהויבען, צוגענומען עס צו זיין האַרץ און געטריי געקושט.

– זעהסט, טאַטעשי, – זאָגט דאָס קינד, – מאַמע האָט געקויפט, – און זי ווייזט דאָס נייע רויטע קליידעל, אין וועלכען זי איז געווען אָנגעטהון, דאָס שירצעל און די שווארצע שיכלעך.

און ער גלעט דאָס קינד:

– מאַמע האָט אָבגעוואַשען, אויפגעקעמט, און געשיקט צו׳ם טאַטען, – זאָגט ווייטער דאָס קינד אויפהויבענדיג די קליינע אייגעלעך אין דער הויך צו׳ם פאָטער צו, און פון די דינע רויטע צוזאַמענגעצויגענע ליפּעלעך האָבען זיך אַרויסגעוויזען צוויי שורות ווייסע ציינער. הערעלעך האָבען לייכט געציטערט איבער איהר דינעם האַלז.

ער שווייגט און גלעט דאָס קינד.

הינטער אַ טויער, וואָס איז גלייך געגענאיבער, שטעהט אַ יונג ווייבעל און קוקט אַרויס דורך אַ שפּאַלט. זי זעהט, ווי יחזקאל גלעט דאָס קינד, אַזוי ווייך אַזוי טאַטע׳דיג, און ווי דאָס געזיכט פון קינד לאַכט פון פרייד, שפּרינגט צום טאַטען. דער מוטער טוט דאָס אַ גרויסע הנאה; באַלד אָבער רוקט זיך אַראָב איהר קליינער שמערן, און אַ זיפץ לאָזט זיך הערען אין דער שטיל.

– טאַטעשי, קום, רייסט דאָס קינד דעם פאָטער ביי דער האַנד.

יחזקאל מיכאל׳ס האָט אָנגענומען דאָס קליינע קינד ביי דעם קליינעם הענדטיל און מיט איהם שפּאַצירען געגאַנגען.

די זון האָט זיך אַלץ מעהר און מעהר אָנגעהויבען אַרונטערלאָזען אונטער דעם באַרג, און זיך פערבלאָנזשעט דאָרט טיעף צווישען בלאָע אינזלען. אַ לייכטע חמאַרע שוועבט אויף דעם הימעל, און דאָרט איבער דעם באַרג זענען עפּעס ווייסע וואָלקען, ווי ווייסע בערג בעגילדעטע געוואָרען, און וואַרפען אַ גלאַנץ אויף דעם שפּיץ פון דער חורבה, וואָס איז אויף דעם באַרג.

היבט אָן שרייַען, דאָס ווייַבעל וויינט און מען חאַפּט דעם גוי אריין צו׳ם רב.

דאָס וואַסער אין אילזשע האָט אַ נאָמען און גט׳ן מעג מען; און דאָס ווייַבעל וויינט און נעמט גט.

דאָס קינד איז געבליבען ביי איהר, ער איז צוריק נאָך וואַרשע.

אויף אַלע יום-טוב קומט ער אַהיים צו זייַנע עלטערן. אין שטעדטיל זאָגט מען אַפּילו, אַז דאָס פּאָר פאָלק האָט נאָך צווישען זיך אַ גרוים שיכות, נאָר דאָס איז אַ ליגען. דאָס ווייַביל קאָן זייַן נאָמען נישט הערען, און וויל נישט נאָך אַמאָל חתונה האָבען נאָר דערפאַר, ווייל זי וויל דאָס קינד זאָל אַביסעל עלטער ווערען.

---

געוועזען איז עס שבת נאָך מיטאָג. אילזשע האָט אויפגעעפענט איהרע טויערען און אַרויסגעפיהרט איהר ביסעל פערמעגענס אין גאַס אַרויס. איטליכעס ווייבעל, וואָס האָט נאָר וואָס עס איז פערמאָגט, איטליכעס מעדעל, וואָס האָט נאָר געהאַט בעהאַלטען אַ וועלכע עס איז שמאַלטע, האָבען זיך אָנגעטהון, אויסגעפּוצט און שפּאַצירען געגאַנגען. אויף- צו ציערען זיך, און צו שפּאַצירען האָט אילזשע איהר בעזונדער שיק. עפּעס דאָס געהן פון יעדען ווייבעל, פון יעדען מעדעל איז מיט אַ כיון, עפּעס מיט אַ בעזונדער מין: „זעהסט, איך האָב מיך אויסגעציערט, געה איך מיר שפּאַ- ציערען, כדי צו בע׳חנ׳ועןן אילזשע מיט מיין שענקייט"...

פאַר אַ הויז שטעהט יחזקאל מיכאל׳ס, אַ הויכער יונגערמאַן, אָנגעטהון אין אַ שוואַרצען קאַפּעליוש. דאָס שנירעל פון קאַפּעלוש איז צוזאַמענגעפּלאָכטען מיט דעם שנירעל פון די ברילען, און ער שטעהט און קוקט מיט אַ גלעלעטעריל אויף די שפּאַצירענדע. קינדער רינגלען איהם אַרום, בעקוקען איהם פון קאָפּ ביז פיס; די עלטערע מענשען שטעהען פון דערווייטען. איינער מיט קאָפּ און באָרד פול מיט פעדערן און מיט וואָנצעס, וואָס טראָגען נאָך אויך זיך דעם סימן פון געטרונקענעם רויטען ווישניעק, שטעהט און טייט מיט אַ פינגער אויף איהם. מעדלעך און ווייבלעך ווארפען אויגען און פערשעמענדיג לויפען זיי פלינק פאַרביי. טייל ווייזען, אַז זיי זענען נישט קיין קלייַנשטעדטיגע בהמות און קוקען איהם גלייך אין די אויגען אריין. און ער קוקט, שמייכעלט, מאַכט אַ מינע פון אַ גרויס- שטעדטיגען און קוקט זיי גלייך אין די אויגען.

# אַ געגעגט פאַר־פאָלק.

דער הימעל, זאָגען מענשען, איז אומעטום גלייך. אָבער, זעהט איהר, דעם אילושער הימעל האָט טאַקי דער אויבערשטער דוקא דירעקט פאַר איהר געמאַכט, — דעם שטעדטיל׳ס הימעל. אָבגעפּאַסט איז ער, אַז ער זאָל זיך ציהען פון דאָרט, פון נאָך דעם גוי׳שען „בית־עולם“ ביז וויַיט אונטער דעם באַרג, וואָס איז אויף יענער זייַט שטעדטיל. אָבגעפּאַסט איז ער, אַז דער סאַמע מיט זאָל גלייַך אויסקומען געגענאיבער דער שוהל. ווען מ׳זאָל דעם הימעל מעסטען, וואָלט אויסגעקומען, אַז דאָס פעהנדיל פון דער שוהל שטעהט פונקט אין מיטען הימעל, און מיט אַ כיון איז דאָס אַזוי געמאַכט געוואָרען, כּדי דער הימעל זאָל קענען אַלץ צודעקען, אַלע שיצען, אַפילו אויך דעם גוי׳שען „בית־עולם“. זיי זענען דאָך געוועזען אילושער גוים, און אַנ׳אילושער גוי, מוזט איהר וויסען, איז אַ רעכטער צדיק, האַלט מעהר פין שבת איידער פון זונטאָג — זאָל ער זיך אַנ׳עצה געבען, אַז שבת זענען דוקא אַלע געוועלבער פערמאַכט און זונטאָג דוקא אָפען... אַפילו דער אילושער שטראַזשניק איז אויך מעהר יוד ווי גוי! ער רעכענט זיך מעהר מיט׳ן יודישען לוח, איידער מיט זייער׳ן... אפילו זיין מונדיר טראָגט אויף זיך דעם ריין יודיש־אילושער חן, אויך דאָס היטעל זיינם און די שליפּעס! נאָך מעהר, אַפילו אויף דעם שפּיץ פון דער קירכע וואָלט מען געקאָנט בעמערקען אויך עפּעס יודישעס: אויף דעם דריידעלע און חנ׳דיל, וואָס איז אויף דעם שפּיץ, ליגט עפּעס אויסגעגאָסען נחום מאיר דעם גלעזער׳ס שיק...

און אַפילו אין אַזאַ אילושע האָט זיך אַריינגעחאַפּט אַ דייַטש און דאָס איז געוועזען יחזקאל מיכאל׳ס.

יחזקאל מיכאל׳ס איז אַ מאָל געוועזען אַ בית־מדרש־בחור, האָט ער חתונה געהאַט פון אילושע, און דערנאָך אַז ער האָט שוין געהאַט אַ קינד, פאַלט איהם איין אַ נאַרישקייט און ער פאָרט אַוועק גאָך וואַרשע. קומט ער צוריק דייַטש געקליידעט. דער שווער

איהרע בריסטען געטוליעט, דערנאך האט זי דאס פאפיער פעסט, ערנסט און לאנג געקושט:

איך האב געפיהלט, אז דאס, וואס עס האט איהר הארץ ער-פילט חדשים, וואכען, טעג, און זי האט עס נישט געקענט מיט די ליפען ארויסברענגען, האלט זי יעצט אין איהרע הענד, און טוליעט עס צו איהר ברוסט...

יעדער נאכט בין איך אין איהר שטיבעל געקומען, און איהר בריעף געלעזען פון מיין אנגעשריבענעם ביבעל, און זי האט דאס שטיקעל טוידטע פאפיער צו איהר ברוסט געדריקט...

פון דעםסטמאל אן האט איהר מוראדיגער ברומען אויפגע-הערט אין דער שטילער נאכט דאס שטילע געסעל צו שרעקען.

דאס איז געווען מיין איינציגע טובה, וואס איך האב געקענט-טאן פאר א שטומע...

זײַ זאָגען דאָך: אַ בריעף וויל זי שרײַבען. נעה פרעג אַ שטומען!

איך בין ארויף אויף די פערקרימטע טרעפּ, אַרײַן צו איהר אין שטיבעל. אויפ'ן בעט, אין וועלכען די קישענס מיט די קאָלדרע האָבען נאָך דערמאָנט אָן די גוטע צײַטען, איז הינדעלע געלעגען. דער טונקעלער שײַן פון דעם פערראויכערטען לעמפּעל האָט האַלב בעלויכטען איהר קערפּער און די ווײַסע הענד, וועלכע האָבען ווײַך דעם קאָפּ אַרומגעהאַלזט. די צולאָזטע מונקעלע האָהר, וועלכע זענען געווען פערבאָרגען אין שאָטען, האָבען, דאַכט זיך, דאָס גאַנצע בעט צוגעדעקט. אין איהרע אויגען האָט אַ שוואַרץ ליכטעל געברענט, און פון דער אויפגעדעקטער ברוסט האָט אַרויסגעשמעקט דער געשמאַק, מיט וועלכען די קישענס און די קאָלדרע האָבען דערמאָנט אָן גוטע צײַטען...

— דו ווילסט שרײַבען אַ בריעף צו איהם? — פרעג איך זי.

אַ ליעבליכער שמײַכעל האָט איהרע ווײַסע צײהן בעלויכטען.

איך האָב אויפגעדרעהט דעם קנויט פון לעמפּעל, אַרויסגענומען פון מײַן בוזעם מײַן ביכעל, און הײב אָן שרײַבען, לעזענדיג איהר הויך, וואָס איך שרײַב.

„צו מײַן געליעבטען...

„פאַרוואָס האָסטו מיך פערלאָזט? זעה, איך בין שוין געזונד, אין גאַנצען געזונד, און וואַרט אויף דיר, אַז דו זאָלסט קומען צו מיר, וועט מען בײדע בײַ'ם רב חופה וקדושין נעמען.

„זעה, איך וואַרט אויף דיר, איך בין שוין ווידער געוואָרען די „שענע הינדעלע". די האָהר וועל איך מיר צולאָזען, איך וועל פאַר דיר זינגען, ווי דענסטמאָל, דענסטמאָל..."

אַ וואַרעמער נערוו האָט אין מײַנע גלידער געגעבען אַ ציטער... זי האָט מיך בײַ דער האַנד אָנגענומען. אין איהר האַנד, אַזוי שוואַך און בלײַך, האָט געציטערט דאָס גאַנצע צערטליכקײַט פון אַ פרוי, וואָס איז קראַנק געווען און קומט ביסלעכווײַז צוריק צו'ם געזונד. דאָס געזיכט האָט זי טיעף אין קישען אײַנגענורעט, און אָנגעהויבען צו ווײַנען, אָבער אַזוי טיעף געווײַנט, אַז זי האָט די טרערען געקושט, געטרונקען אין זיך...

איך האָב אויפגעהערט צו שרײַבען. דערנאָך האָט זי פון מײַן האַנד דאָס בלאַט גענומען, אויף וועלכען די פּאָר ווערטער זענען געווען אויפגעשריבען, און טיעף און צערטליך דאָס בלאַט צו

טשען אין די רינטשטאָקען און לאָזען „שיפען“ אויפ'ן וואַסער לויפען נאָך חנה שרה'לען:

— דאָ! דאָ!

איך האָב זי געזוכט.

---

זי איז שוין אין גאַס נישט געווען.

ביינאַכט בין איך אין געסעל אַרויסגעגאַנגען, בעקוקען מיינע אַלטע חברים — די הייזער און זייער נאַכט־שאָטען. דער שאָטען פון איין הייזעל האָט אין זיך איינגעהילט דאַס צווייטע הייזיל, און אַזוי אינאייינעם האָט עס עפּעס געטרוימט, שלאָפענדיגערהייד צי וואַכענדיגערהייד, די גוטע יאָהרען ווייסען זיי... נאָך דעם רעגען איז די נאַכט געווען אַ פינסטערע. שטיל איז אַרום, ערגעץ אין אַ נאָרע קלאָגט אַ הונד... ערגעץ אין אַ דאַך-שטיבעל וויינט אַ קינד... ווייט אין געסעל פאָהרט אַ פוהר און אַ מענש געהט פון דערווייטען, און דאַס עכאָ פון זיין טריט, ווי עס וואָלט פון אַ הוילען פאַס אָבגעקלונגען... ווייט אין געסיל קלאָגט דאָס מיה־לעכיל פון אָרע קאַשעמאַכער, צורייבענדיג דעם ווייץ אויפ'ן שטיין, און עס הערט זיך דעם ווייץ'ס קרעכצען... און איבער דעם אַלעם איז צוגעדעקט אַ גרויער נאַכט־פלעק, בעהאַלטען פון מענשען'ס אויגען...

איך געה פערביי דאָס הויכע, איינשטאָקיגע הויז, וואָס שטעהט אין ליק פון אונזער געסיל. דער דאַך איז בעהאַלטען און אויסגעמישט אין נעבעל פון דעם נאַכט־פלעק. אין דער הויך אין אַ קליין פענסטעריל, ווייזט זיך אַ ליכטעל, און עס הערט זיך אַ האַרצרייסענדיג ברומען: אים־מ־מ־ם! אים־מ־מ־ם! ווי אַנ'איינ־זאַמע נשמה וואָלט פאַר זיך געוויינט.

איך קוק מיך אום.

אויף דער שוועל פון דעם קעלער־שטוב ווייזט זיך אַ יודינע, די בעקערין, אין אַ טוך איינגעהילט, און ווייזענדיג מיר מיט'ן פינגער אין דער הויך צו'ם פענסטעריל זאָגט זי:

— קיין איינ לאָזט דאָס ניט צומאַכען אַ גאַנצע נאַכט, אָט אַזוי ברומט דאָס.

— וואָס וויל זי דאָס אַזוינס?

— איין גאָט ווייסט זי, ליגט אַ גאַנצע נאַכט און ברומט;

וואָס ? ווען ? קיינער ווייס ניט וואָס זי וויל ; זי איז דאָך שטום. מען זאָגט , אַז זי וויל מען זאָל איהר שרייבען אַ בריעף צו איהר'ן עפּעס אַ „קאָלאַנעק", וואָס האָט זי פערלאָזט . ווער קאָן זי דאָרט פערשטעהן ?

— און וואו נעכטיגט זי ?

— אין איהר שטוב . עס איז דאָך אַ ירושה פון איהר פאָ־טער, אַ פרומער יוד געווען, און האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך אַזאַ טאָלטעריל , ליגט זי אויף איהר שעניק.

— און פון וואָס לעבט זי ?

— מענשען זענען זיך אויף איהר מרחם, ברענגען איהר אַ לעפעל עסען . פון אונז טראָגט מען איהר פון צייט צו צייט אויך עפּעס אַהין , עס איז דאָך אַ נפש. גאָט בעצאָהלט איהר פאַר דאָס איהריגע אויף דער וועלט.

דער הימעל האָט זיך פלוצלונג געשפּאָלטען , און גאָט'ס וואָגען איז איבער אונזערע קעפּ דורכגעפאָהרען ...

מיין מאמע האָט די האַנד אָן די שויבען אָנגעריהרט און אַ ברכה געמאַכט איבער'ן דונער .

— שמואל , שמואל ! געה אַוועק פון פענסטער.

די טראָפּען רעגען האָבען אין די שויבען אָנגעקלאַפּט. מיין מאמע האָט זיך געשטעלט דאַווענען שמונה־עשרה .

אין עק גאַס שפּילען זיך קינדער אין רעגען, אַזוי ווי זיי וואָלטען זיך מיט'ן טאַטען אין הימעל געריצט : דיינע טראָפּענס קענען אונז אין שטוב ניט אַריינאָגען. טוהען זיי זיך אויס די שטיוועלעך מיט די קאַפּאָטקעלעך און האָלאַ ! אין די רינ־שטאָקען .

אין דעם ווערט אַ גערודער אין געסעל . פון דערווייטענס לויפט אַ יודענע מיט גרויסע געוואַלדען :

— לאַפּטס ! לאַפּטס !

איך קוק אַרויס פון פענסטער : חנה שרה'לעס געוועלב שטעהט אין גאַנצען אין ריהנשטאָק און דאָס וואַסער לאַפּט איהר פון געוועלבעל שטיקער האָלץ אַרויס : אַ באַנק , אַ שטוהל, און חנה שרה'לעס דורכגעווייקט אין רעגען לויפט נאָך נאָך די זאַכען : לאַפּטס ! לאַפּטס !

אין גאַס ווערט אַ גרויס געלעכטער . קינדער וואָס טרעפּ־

און זי שטעהט פאַר מײַן פענסטער, פערריבלט זיך דאָס טיכעל אויפ׳ן קאָפּ און שמייכעלט, ווי זי וואָלט זאָגען:

— יאָ, יאָ, הינדעלע!

און אַ רעגען הײבט אָן צו טריפּען, אַ טראָפּען צו אַ טראָפּען. דער פּלויט ווערט דורכגעווייקט, אַ סך טרערען ווייזען זיך אויף די בלעטער פון די בוימער.

און דער רעגען נעצט זי דורך, זי שטעהט, לאַכט און וויינט...

— נו, ווייס ניט גאָט וואָס ער טוט? ער שענקט נישט קיינעם. אוי, אוי, ווייסט ער וואָס ער טוט.

איך קוק מיך אום, מײַן מאַמע זיצט אין צווייטען ווינקעל די ברילען אָנגעטהון אויף די אויגען, האַלט אַ גרויסען קרבן־מנחה סדור אין דער האַנד, און דאַווענט מנחה...

— יעהסט דו, מײַן זוהן, בײַ גאָט ווערט גאָרנישט פערפאַלען. לאָזט געהן דעם קרוג ביז צו׳ם וואַסער...

— דאַכט זיך, הינדעלע?

— יאָ, הינדעלע, די אָרענטליכע...

— וואָס איז דאָס מיט איהר געוואָרען?

— זי האָט דאָך חתונה געהאַט!

— חתונה געהאַט?!

— אַוראַי! מען זאָגט, זי האָט געוואָלט האָבען אַ פּער־ענטפערניש אויף יענער וועלט איבער איהרע שענע מעשים, האָט זי זיך גענומען אַ מאַן, גלאַט אַזוי, נאָר זי זאָל הייסען זײַן ווײַב... זי גיט איהם וואָס ער דאַרף, נאָר ער זאָל יעדען טאָג דאַווענען פאַר איהר, שבת האַלטען. זי וויל, הייסט דאָס, גאָט איבערבעטען. גאָט דאַרף נישט אַזעלכע... איז זי קראַנק געוואָרען, דער מאַן וואַלגערט זיך ערגיץ אין דער מדינה, און זי איז שטאָדט אָרעם, שטומערהייד.

שטום?

— מיט איהר קול האָט זי געצוויגען צו זיך פרעמדע מאַנס־פּערשוינען, האָט זי גאָט שטום געמאַכט.

און הינדעלע שטעהט אין גאַס, קוקט אויף מיר, ווי זי וואָלט מיט׳ן קאָפּ צוגעשאָקעלט: אַזוי איז עס, אַזוי איז עס.

— לויפט זי אַ גאַנצען טאָג אין גאַס אַרום, און ברומט...

מיט קאָרב און קאַסטען, און אַזוי פיעל דרענגער, מיט מענער און ווייבער; מען פאָהרט אַודאי פון מאַרק, א שטויב געהט אויף, א גאַנצע סטאַרע גענז טרייען, נאָך זיי געהען נאָך „צוויי הויכע דייטשען מיט לאַנגע בייטשען"...

און דונקעל ווערט אין געסעל.

די הימלען קומען נעהנטער צו דער ערד. קומט א וואָלקען צו ציהען און שלינגט איין אַלע קליינע וואָלקענדליך אין זיך, און אַ שוואַרצער פלעק הילט איין דאָס געסיל, דאָס שטעדטיל...

ווייט אין געסיל רופט א מאַמע:

— קומט, קומט קינדערלעך אין שטוב אַריין, א רעגען וועט זיין, א רעגען וועט זיין!

געהט א יורינע פערביי, איינגעהילט דאָס פנים אין א שוואַרצע פאַטשיילע; דאַכט זיך זי וויינט און לאַכט צו ווען; שטעלט זיך אָב פאַר מיין פענסטער און נעמט צוזאַמען שפענדלעך פון גאַס. דאָס טוך פאַלט איהר פון קאָפּ אַראָב, די האָר פרעסען זיך אויפ'ן שטערן, און די ווייכע לעפלען פון די אויגען ציטערען אין דער שטיל... דער ווייסער האַלז, וואָס ציהט זיך פון א גערויטעלט קאַפּטענדעל אַרויס איז טרויעריג-שטום, און די ברוסטען בעוועגען זיך לייכט אונטער דעם קאַפּטענדיל. דאָס יונגע און נאָך גאַנץ פרישע געזיכט, אויף וועלכען עס ליגט אויסגעגאָסען אַ בעהאַלטענע תאוה, האַרמאָנירט נישט מיט די טיפע, ערנסטע שוואַרצע אויגען, וואָס בעהאַלטען זיך טיעף אין געזיכט. און די אויגען וויינען, דאַכט זיך, אין דער שטיל פאַר זיך, נאָר דאָס פנים שמייכעלט גוטוויליג.

— הינדעלע!

— יאָ, הינדעלע.

... טאַטע אין הימעל! דענסטמאָל ווען איך האָב געהאַלטען איהר האַנד אין מיינע... איהר גאַנצע נשמה האָט געציטערט אין איהר צערטליכע האַנד... און די ליפען האָבען זיך אין דער העלפט געעפענט, און עס האָבען זיך געוויזען א רייהע ווייסע צייהן...

מיין האַרץ קלאַפּט אין דער שטיל:

— הינדעלע... הינדעלע...

# די שטומע.

נאָך אַ געוויסע צײַט, אַז איך האָב מיך אין דער וועלט אַרומגעוואַלגערט בין איך צוריק צו טאַטע־מאַמע אַהיים געקומען.

כ׳זיץ בײַם פֿענסטער און קוק מיר אַרויס אין מײַן בעקאַנט געסעל אַרײַן... די גאַס איז אין אַ האַלב־טונקעלען וואָלקען אײַנגעהילט ווי אין אַ פֿאַטשײַלע, אַ וואַרים ווינטעל האָט אין געסעל גע־בלאָזען.

געגענאיבער מײַן פֿענסטער—דער בעקאַנטער עביג אָבגע־ווײַסטער און עביג בעשמוצטער סטעלמאַר׳ס פּלויט, מיט די גרינע צווײַגען, וועלכע שטײַגען פֿון איהם אַרויס, און יונגלעך קריכען און רײַסען בּאַרנעס... ווײַט אין הימעל, בײַ׳ם אַלטען פּאַלאַץ, וואָס שטעהט אין אײַנזאַמען וואַלד, וואו דער פּרינץ ליעגט בעגראָבען, באָדען זיך וואָלקענדליך, פֿליסענדיג אין זיך און פֿון זיך, נעהען אין ים אַרײַן, טרינקען זיך אָן מיט וואַסער, און וועלען באַלד אין געסעל אָנקומען אויף אונז אַראָבגיסען דאָס וואַסער, וואָס זיי האָבען אין ים זיך אָנגעטרונקען...

יעקב טרעגער לויפֿט פֿערבײַ פֿאַר׳ן פֿענסטער, טראָגט אַ באַרעל ביר פֿון לאָנקעשין און קינדער אין דער גאַס זינגען:

„— די מאַמע, די מאַמע איז נישט דאָ

„— וואו איז זי געפֿאָהרען?

„— נאָך לאָנקעשין.

„— וואָס וועט זי מיטברענגען?

„— אַ טונדעל ביר.

„— וואו וועט מען עס שטעלען

„— הינטער די טהיר?

„— ווער וועט עס אויסטרינקען?

„— איך מיט דיר״.

עס פֿאָהרט אַ וואָגען פֿערבײַ פֿאַר׳ן פֿענסטער אָנגעפּאַקט

איִהר פָאטערס טשערעדע. איִהרע שוואַרצע ברוינע האָר האָבען זיִך פוּן לויפען אויף איִהר איידעלען געזונדטען נאַקען אַראָבגעלאָזט. און די געדיִכטע שוואַרצע צעפ האָבען זיִך פוּן רויטען טיִכעל אַרויסגע׳גנב׳עט און זיִך איִבער׳ן געזיִכט פערשפּרייט. און אַ פּאָר גרויסע, חיִטרע, שוואַרצע אויגען מיִט אַ פּאָר רויטע, פרישע ליפּען האָבען חיִטרע פוּן פּנים אַרויסגעשמייכעלט, פראַנק און פריי אויסגעלאַכט די גאַנצע וועלט... און דאָס יונגע בלוט האָט געקאָכט איִן איִהר רונדע חנ׳ו־ציִטערנדיִגע האַנד און האָט עפּעס ווי אַרויסגעבעטען זיִך, און געוואונקען איִן דער שטיִל... און די אויפגעדעקטע, נאַקעטע פיס האָבען געלאַכט איִן די וועלט אַריין, אָבער זי אַליין האָט גאָר ניִשט געוואוסט פוּן דעם אַלעם — וואָס איִהרע אויגען און איִהרע נאַקעטע הענד זאָגען אוים אָהן איִהר וויִלען... קוקענדיִג אויף די בחורים מיִט גלייכגילטיגקייט, אַזוי ווי זי וואָלט גאָרניִשט געוואוסט פוּן דעם אַלעם, איִז זי אַראָב פוּן פערד, און האָט זיִך אָבגעטהון דאָס איִהריִגע (און אָנטריִנקענדיִג די פערד, האָט זי אויסגעזעהן פוּן דערווייטען, ווי אונזער באָבע רבקה עליה השלום, ווען אליִעזר האָט זי מיִט די קעמלען ביי׳ם ברונען געטראָפען). און די בחורים מיִט די „רויטע העמדלעך״ זענען געשטאַנען און האָבען געקוקט אויף איִהר פוּן דערווייטען און די הערצער האָבען געקלאַפּט... איִהרע אויגען האָבען צוגעצויגען און איִן דער זעלביִגער צייט אויך אָבגעשטויסען פוּן זיִך... און חיִטרעדיִג איִז זי ווייטער אויפ׳ן פערד אַרויף און עפּעס לאַכענדיִג מיִט די גאַנצע וועלט האָט זי זיִך איִן די וועלט געלאָזט.

די בחורים איִן די „רויטע העמדלעך״ שטעהען, קוקען און גאַפען און עס דאַכט זיִך, אַז די טריִט פוּן דעם פערד, וואָס הערט זיִך אויפ׳ן וועג מאַכען ס׳געלעכטער אוים זיי...

און דאָרטען ווייט איִז די זון איינגעזונקען אויף יענער זייט וואַלד און מען האָט ניִשט בעמערקט, ווי די נאַכט האָט זיִך אַריינגע׳גנב׳עט. נאָר מיין יוד ציִהט מיִך ביי׳ם ארבעל: קומט, פעטער, מעריב דאַווענען.

עס האָט זיך געדאכט, אַז דער וואַלד זינגט דאָס אַרויס. באַלד האָט זיך פון דערווייטענס געלאָזט הערען אַ וואָגען סקריפּען. פאַר אונז איז דורכגעפאָהרען אַ פוהר פול אָנגעפּאַקט מיט זאנגען, און בעל־הבתישע טעלטער מיט די קעסעס אין די הענד זענען נאָכגע־גאנגען, און האָבען בעגלייט די אָבגעשניטענע זאנגען פון פעלד אַ היים, אין שפּייכלער אריין, מיט געזאנג, אַזוי איינע, אַזוי צוויי און אַזוי דריי. און דער „בעל־בית", אַ נגיד פון אנ׳אַלט סאַזשען ערד מיט פערד, קיה, אָקסען, שעפּסען און רינדער געהט זיך נאָכ׳ן וואָגען בארפוס — און פיהרט זיך אָב זיין פּראַצע אין שטאַל אריין, רוהיג, אָסור ער זאָל ס׳מאָל אַ שמייכעל געבען. דער יוד מיינער קוקט איהם נאָך, און גיט אַ קרעכץ: עשו! אַ צווייטע פוהר פאָהרט פאַרביי, מיין יוד קרעכצט: עשו, און אַזוי אַ דריטע, און אַזוי אַ פיערטע.

און יעדען טאָג זיצט יעקב פאַר דער טהיר, פאַר זיין איינ־געפאַלען הייזעל און זעהט ווי עשו פיהרט אַ היים זיין תבואה פון זיין פעלד, רוהיג און גלייכגילטיג, און יעקב קרעכצט אלץ: עשו...

געגען אונז איז געוועזען דער ברונען פון דאָרף. באַלד זענען זיך אָנגעקומען „די טעכטער פון לאַנד", „מיט די פעטערס טשע־רעדעס", און זיי האָבען אָנגעהויבען אָנצוטרינקען זייערע שאָף מיט דעם וואַסער פון דער ברונען. זענען דאָרט אויך אַהין געקומען „די זיהן פון לאַנד, גאַנץ הויכע בחורים מיט קורצע „שענע העמד־לעך", כדי צו בעזעהן די „טעכטער פון לאַנד" און זיך פון זיי אויסצוקלויבען כלות און אַ לעב צו טאָן ... די טעכטער פון לאַנד האָבען זיך ביי דער ברונען אַביסעל פערזוימט מיט די בחורים, ביז עס האָבען זיך פון דאָרף געלאָזט הערען די מאַמעס קולות: אַ—שאָ, אַ—שאָ,—וואו זענט איהר? האָט מען זיך געזעגענט מיט די בחורים, דורך חנ׳ודיגע וואונקען מיט די אויגען און אַ היים געלאָזט זיך. די בחורים אָבער אין די „שענע רויטע העמד־לעך", זענען געשטאַנען און געוואַרט. זיי האָבען זיך געריכט אויף עפּעס, און באַלד טאַקע פון דאָרט, פון וואַנען די זונן געהט אונטער אַזוי רויט העליש, אונטער׳ן וואַלד, געהט אויף אַ ראַפּטים פּענדזיען. מען לאָזט זיך און ווי אַ דונער געהט עס פּאַראַיס, אָנזאָגענדיג עפּעס, און באַלד בעווייזט זיך אַ יונגע בעל־הבית׳טע טאָכטער רייטענדיג אויף אַ פערד. און נאָך איהר האָט זיך נאָכגעלאָזט

באלד שוין אזוי הויך ווי דאס פענסטער, איז געשטאנען א הויכע, דארע יודענע אין א „ווייס טיכעל" איינגעהילט דעם קאפ — און זי האט אויך אבגעווארט איהר טשערעדע. נור איהר טשערעדע — איין ארימע, מאגערע קוה, איז זיך נעגאנגען אן א זייט, פאמעליך מיט רוהיגע טריט, אזוי ווי זי וואלט פערשטאנען, מיין שררה'טע, אז זי איז א יודישע בהמה, און פאר א יודישע בהמה פאסט נישט צו לויפען. און אזוי ווי איהר „בעל הבית", איז זי מיט דרך ארץ אריין אין הויפעל, און אויסגעשטעלט איהר אייטער פאר די יודענע מיט דעם קריגעל, וואס איז געקומען אבנעהמען פון די קוה דאס איהריגע מיט א יראת־שמים־פנימ'ל, אזוי ווי זי וואלט וויסען, די נארישע יודישע בהמה, אז זי טהוט א מצוה דערמיט, וואס זי גיט אב איהר מילך א יודיש שוואך קינד, וואס די מוטער קען עס געבאך נישט זייגען.

דערזעהענדיג א יוד זיצט פאר די טהיר פון זיין הויז און קוקט זיך צו אלעם צו מיט א שטיל שווייגעניש, וואס דאס אלעס געהט איהם גאר נישט אן, בין איך צו איהם צו געגאנגען. ער האט מיך אויפגענומען מיט „אונטערטעניגקייט" — און מיר זענען ביידע געזעסען און נעהנטער בעקאנט געווארען.

איך האב איהם געמוזט זאגען ווער איך בין, און וואו איך בין געוועזען, און וואו איך געה, און צו וואס איך געה. איצט הארך איך איהם אויס. איז'ען איז ער, לא עלינו, א גרויסער ארימאן, און האבען האט ער לא, עלינו, דערוואקסענע טעכטער, און וואס דארפט איהר נאך מעהר? ער דארף נישט מעהר נאר איינציגע חאטש טויזענד רובל. 5 טעכטער האט ער, צו 200 רובל אויף א קאפ: הונדערט רובל נדן, הונדערט רובל חתונה־הוצאה. א קלייניגקייט נור. אין דארף זיצט ער איבער צוויי טעמים. ערשטענס ווייל ער „מעג" וואוינען אין דארף, ער איז דא געבוירען געווארען, און צווייטענס, ווייל ער האט זיך נישט מיט וואס ארויס צו ציהען...

אזוי ווי מיר זיצען און ריידען זיך אוים איינער פאר דעם אנדערן די יודישע צרות, הערען מיר פון דערווייטענס א געזאנג. עס איז שוין געווארען ווי כלומר'שט טונקעל, עפעס יענץ שטיק וועלט, דארטען ביי'ם וואלד, האט זיך וואס אמאל מעהר אין וואלד בעהאלטען, איבער דעם ליכטיגען רויט־זוריגען ים איז אריבער א טונקעלער הויך — און פון דארטען האט זיך געהערט דאס געזאנג.

אַ פֿײַערדיגער געגליוועטער ים האָט זיך ערנסט פֿון הימעל אַראָב
געקײַקעלט און איז פֿערפֿאַלען געוואָרען, ווײַט אַוועק אויף יענער
זײַט וואַלד. פֿון דעם וואַלד האָבען אַרויסגעשטאַרט אײניגע הויכע
בײמער, און פֿון דער ווײַטענס האָט זיך געדאַכט, אַז די בײמער
שטײַגען אויף און גרײַכען אין פֿײַעריגען ים אַרײַן — און פֿון
צווישען אײן בוים און דעם צווײטען, קוקט גאָט'ס אײן אויג
אַרויס...

אַ לאַנגער שמאָלער וועג פֿון בײדע זײַטען מיט קלײנע
הײַזלעך בעשטעלט. פֿענסטערלעך קוקען אַרויס פֿון צווישען צווײַגען
און בלעטער; פֿאַר דער טהיר אויף די טרעפּלעך זיצען די „בעל=
הבית'טעם און שמועסען צווישען זיך. אײנע, מיט אַ רויט טיכעל
אויפ'ן קאָפּ, שטעהט און קוקט ווײַט אין פֿעלד אַרײַן; פֿערשטעלענדיג
זיך מיט דער האַנד פֿאַר די זון, קוקט זי ווען מען אויס אין פֿעלד.
און אין וועג, אין זאַמד, שפּיעלען זיך קינדערלעך קלײנע —
אײַנגעברודיגטע, און פֿון פֿעלד אַ היים, דאָרטען פֿון דעם רויט=
ליכטיגען ים, לאָזט זיך איבער'ן וועג אַ גאַלאָפּ — אַ סטאַדע אויס=
געמישט: פּויערישע שעפּסען, מיט די נאַרישע תּמ'וואַטע אויגען,
ציגען, קיה און פֿערד צוזאַמען, און זײערע פּאַסטוכער, די קינדער
מיט די בײַטשלעך, יונגלעך מיט באָרפֿיסע פֿיס, און די טאַטעס
וועסטען, העמדעם פֿענדעם אין אײן גאַלאָפּ, אַזוי אַז עס האָט זיך
געדאַכט, אַז דאָס אַלעס איז אײן סטאַדע. אַלץ איז אויסגעמישט
און לעבט אין אײנעם, שעפּעלעך מיט מענשליכע קינדער, ציגען,
חזירים מיט הינד — אַלץ לעבט אין שלום. יעדערער טהוט דאָס
וואָס ער דאַרף צו טהון, און מען „בילדעט די געזעלשאַפֿט". די
חברה האָבען מיך געגעבען אַ נעם אַרײַן אין מיטען, און איך בין
צווישען זײ פֿערטרונקען געוואָרען... פֿאַר יעדען הויז איז
געשטאַנען די „בעל=הבית'טע" און האָט אָבגעשײדט איהר סטאַדע,
איהרע צווײ דרײַ שעפּעלעך מיט די ציגען און חזירים, און האָט
זײ אַרײַנגענומען אין איהר הויף אַרײַן. טײל געהען מיט
גוטען, עס הײסט, געהען זיך פּלוצלונג אַרויס פֿון די סטאַדע און
לאָזען זיך אין הויף אַרײַן; אַ טײל אָבער, גרויסע קונדסים, לאָזען
זיך נאָך די סטאַדע, און די „בעל=הבית'טעס" לויפֿען זײ נאָך,
זײ אָבצושנײַדען פֿון די איבריגע און אַרײַנברענגען אין הויף.

פֿאַר אַ קלײן הײַזעל, וואָס די שוועל פֿון די טהיר איז

# אין דארף.

און קענסט דו די פעלדער אין וואהלין? שעהן לאנג קאנסטו פאהרען, איינגעטאפיעט צווישען הויכע זאנגען. קיין הייזעל, קיין ביימעל וועט זיך דיר אין די אויגען נישט ווארפען, נאר א פאליע ביימען בעוואקסען מיט תבואה, איין אונענדליכע חוואליע וואסער גיט זיך אלאז ארויף אין דער הויך — באלד גיעסט זיך א צווייטע פאליע הויכע, פולע זאנגען אויף די וויארסטען לאנג אראב אין טאל. פון טאל זעהסט דו א שנור וועגעל ציהט זיך אוועק און פערבלאנזשעט זיך ערגעץ אין א וואלד אריין. שעהן לאנג געה איך צווישען די זאנגען — און די פעלדער ציהען זיך פאר מיינע אויגען אוועק און איך בעגעגען נישט קיין לעבעדיגען נפש. אזוי, אז עס דאכט זיך מיר, אז איך איינער אליין לעב ערגעץ אין א בעוואקסענע וויסטע...

דאך געגען פארנאכט ווייזען זיך ארויס פון מיטען די זאנגען אייניגע רויטע דעכער; איך קום אן אויפ'ן וועג, וואס פיהרט לינקס אין דארף אריין. אויף די פעלדער, ביי'ם וועג, וואלגערן זיך פגרים פון פערד ארום, א סקעלעט פון א פערד'ס א קאפ קוקט ערנסט, תמ'וואטע, אזוי ווי עס וואלט וועלען פערציילען פון אמאליגען לעבעדיגען פערד. באלד אבער קום איך אן, ביי'ם „ערב דארף". דער ערשטער מענש, וואס איך בעגעגען אויפ'ן וועג איז א יוד, אנ'אלטער, מיט א שיטערע, לאנגע, ווייסע בארד — שטעהט זיך אונטער א בוים און דאווענט מנחה; דאס פעקעל, וואס ער האט ערשט נעהאט אבגעלייגט פון זיין רוקען, ליגט איהם צו פוסען און ער שטעהט זיך איינער אליין, עס געהט איהם גאר נישט אן קיינער, און ער דאווענט מנחה. — —

און ארום און ארום איז גאט'ס וועלט שטיל און ערנסט געוועזען, ווי זי וואלט זיך וועלען איינהארכען צו דעם יוד'ס מנחה.

און עפעס אזוי „מנחה'דיג" איז די גאנצע וועלט געוועזען.

די זון איז אונטערגעגאנגען. אבער איהר ווייסט ווי אזוי.

דער יוד, האַלטענדיג דעם שמעק־טאַבאַק צווישען די צווײַ־פינגער, האָט זיך אָבגערופען צום פריץ:

– טאַק, טאַק, פּאַניע שלאַכטשיצו!

דער פריץ האָט זיך איינגעניסט און האָט איהם אָב־געענטפערט:

– טאַק, טאַק, פּאַניע זשידושע!

דער סטראַזשניק, האַלטענדיג איין האַנד אין דער הויזען־קעשענע און מיט דער צווייטער די וואָנצע דרעהענדיג, האָט זיך אָבגעענטפערט:

– טאַק, טאַק שלאַכטשיצו; טאַק, טאַק, פּאַניע זשידושע.

שמאַטעס און לאַטעס. די אַרבייטער האָבען מיט די פֿיס אויף דער גאַס אַראָבגעשאַרט אַלטע שמאַטעס, וואָס האָבען זיך אויפ'ן בוידעם אַרומגעוואַלגערט, — שטיקער בלעך, ביינער פֿון אַ געפּגר'טער קאַץ, אָדער הונד; קעפּ און פֿיסלעך פֿון געשאָכטענע היהנער, אַ גע'גנב'עט קאַלב־פֿעל פֿון נאָטע'ס שפּייכלער. צווישען די אַראָבגעוואָרפֿענע שמאַטעס איז געבליבען ליגען צו די פֿיס פֿון די בעלי־בתים אַנ'אַלט זעלנעריש היטעל.

עס איז געוועזען אַ הוסאַרסקע היטעל פֿון נאַפּאָלעאָנ'ס צייטען.

עס קאָן זיין, אַז אַ זעלנער, זיך צוריקקעהרענדיג מיט נאַפּאָלעאָנ'ען פֿון דער מלחמה פֿון יאָהר 1812, אַ פֿערוואונדעטער און אַ קראַנקער, האָט זיך בעהאַלטען פֿאַר די רוסען אויפ'ן בוידעם. זיין קערפּער האָבען די מייז שוין לאַנג אויפֿגעגעסען, נאָר דאָס היטעל, לעדער און אייזען, איז געוועזען נישט צו צוטרעטען פֿאַר די מייז'ס מיילער. די בלעכען פֿון היטעל זענען געוועזען פֿערראָסט, און די קאַנטען זענען געוועזען בעדעקט מיט אַ געלען, פֿייכטען שימעל. דאָס היטעל איז ווי אַ שטומער עדות געלעגען צו די פֿיס פֿון די בעלי־בתים, האָט אָן עפּיס דערמאָהנט און האָט דערצעהלט, אַז עס זענען געוועזען אַמאָל אַנדערע צייטען, אַנדערע מענשען ...

און אַ געפֿיהל האָט אויפֿגעלעבט אין איין מינוט אין דריי פֿערשידענע הערצער: אַ געפֿיהל אַז דאָ שטאַרבט נישט קיין מענש, דאָ שטאַרבט אַ הויז, אַ געסעל און אפשר אַ וועלט. אַז עס זענען אַמאָל געוועזען אַנדערע צייטען, אַנ'אַנדער געסעל, אַנדערע בעלי־בתים און אַנדערע הייזלעך. אַז דער יוד איז נישט דער יוד פֿון אַמאָל, אַז דער פּריץ איז נישט דער פּריץ פֿון אַמאָל, און אפילו דער סטראַזשניק איז שוין אויך נישט דער סטראַזשניק פֿון אַמאָל. ביי אַלעמען איז געקומען דער געדאַנק, אַז מען מוז זיך אָנגרייטען צו לעבען אין אַנ'אַנדער געסעל צווישען אַנדערע מענשען ...

און טרויעריג איז זיי געוואָרען איבער דעם, וואָס שטאַרבט אָב און וואָס וועט שוין קיינמאָל נישט צוריקקומען.

דער פּריץ האָט אַרויסגענומען דאָס טאַבאַק־פּושקעלע און דערמיט מכבד געוועזען דעם יודען. דער סטראַזשניק איז אויך צוגעקומען און האָט אויך די פֿינגער אַריינגעשטעקט.

שאָטען, זעהען אויס ווי צוויי פרעמדע אורחים פון אַ פרעמדער וועלט, וואָס קומען פון ערגיץ גאַנץ ווייַט און וואַנדערן ערגיץ גאַנץ ווייַט און האָבען זיך אָבגעשטעלט אין געסעל נאָלט האַלטען...

די בעלי־בתים זענען געשטאַנען און האָבען זיך צוגעקוקט, ווי מען לעגט דאָס „הויז" איַין. נאָך יעדען קלאַפ האָבען זיך געשאָטען פערפוילטע ברעטער, פערשימעלטע שינדלען, אַ וואָלקען שטויב האָט זיך נערויכערט. די ווענד האָבען זיך אַזוי געטרייסעלט, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס „הויז" זינקט איַין אונטער די הענק. פון אונטער'ן דאַך זענען אין גאַס אַראָבגעפאַלען פערפוילטע און פערשימעלטע ברעטער און ציגעל, בייַנער, אַלטע „קאָלקעס", וועלכע האָבען געמוזט ליעגען אויפ'ן דאַך נאָך פון יענער צייַט אָן. ווען אונזערע זיידעס האָבען אין גאַס אין פאַלענט געשפיעלט.

די בעלי־בתים האָבען געקוקט אויף די שפיעלערייַען, זענען טרויעריג געוואָרען און האָבען נעשוויגען. ר' נחום האָט זיך געוואָלט עפּיס אָנרופען, ער האָט געקוקט אויפ'ן פריץ, דער האָט אַזוי געשוויגען, אַז דער יוד האָט מורא געהאַט דאָס מויל צו עפענען. דער „גאָספאָדין" איז עפּיס נעהנטער געווען, דערפאַר האָט ר' נחום איהם גאַנץ שען געגריסט מיט'ן היטעל און האָט געזאָגט:

– גוט מאָרגען דיר, פאַניע נאַטשעלניקו!

דעם „גאָספאָדין" האָט עס פערדראָסען, וואָס דער יוד האָט איהם גערופען „נאַטשאַלניק". האָט ער זיך האַלב ערנסט האַלב אויף געלעכטער געווענדעט צום יוד:

– דעם רינשטאָק פאַר דער טהיר האָסט דו שוין אויסגעקעהרט? – מיט קאַלך אויסגעשאָטען? האַ? !

– ווינאָוואַט — האָט ר' נחום געשטאַמעלט און אָבגערוקט זיך נעהנטער צום פריץ צו, איבערבעטענדיג דעם סטראַזשניק מעהר מיט'ן הוט איידער מיט די ליפען.

שפעטער האָט ר' נחום אַליין גערעדט צו זיך:

– נייַע בעלי־בתים, נייַע הייַזער.

קיינער האָט איהם נישט אָבגעענטפערט.

דערווייַל איז עפּיס געשעהן. די אַרבייַטער, אָב'פטר'ענדיג זיך מיט'ן דאַך, האָבען זיך גענומען צום בוידעם. זיי האָבען אַראָבגענומען די פיער באַלקענס, אויף וועלכע דאָס דאַך רוהט. פון די באַלקעס האָבען זיך אָנגעהויבען צו שיטען פערפוילטע ברעטער,

זיך אין געסעל אַרום, און אַ בעהעלטעניש פֿאַר גע׳גנב׳עטע זאַכען. דער „ציווילנער געשטאָרבענער“ מיט די שטענדיג־פֿערמאַכטע לאָדען און מיט זיין פֿערפֿוילטען דאַך האָט אויסגעזעהן צווישען די קליינע פֿרעהליכע הייזלעך אין געסעל, וואָס זייערע פֿענסטערלעך האָבען זיך געבאָדען אין די גליהענדע זונען־שטראַהלען, ווי אַן־אַלטער זיידע מיט אַ פּאָר שוואַרצע ברילען אויף דער נאָז. עס האָט זיך געדאַכט, אַז די פֿאַרצייטיגע דורות האָבען איבערגעלאָזט אַן׳אָנדענקען נאָך זיך די היינטיגע קינדער דאָס „הויז“. אַז עס זאָל זיי זיין צו אַ „מעטע“, ווען זיי ווילען זיך אין געסעל אין בעהעל־טעניש שפּילען.

וואָרום דאָס „הויז“ איז געשטאַנען אין געסעל נור פֿאַר די חדר־קינדער ווענען. אַ שבת נאָכ׳ן עסען, אַ שטייגער, דער טאַטע איז נאָך נישט אויפֿגעשטאַנען צום פּרק, די מאַמע שמועסט מיט אַ שכנה פֿאַר דער טהיר, און די חדר־יונגלעך, אָנגעטהון אין די שבת׳דיגע קאַפּאָטקעלעך, פֿערפֿלאָכטען אין די זונען־שטראַהלען האָבען אַרומגערינגעלט דאָס „הויז“ ווי די ווערעמלעך. ווער עס האָט זיך אַרויפֿגעכאַפּט אויפ׳ן דאַך און לאַכט אַריבער צו די „פּלשתים“, וואָס מען זעהט זיי פֿון יענער זייט טייך; ווער עס שטעהט אויפ׳ן פּלויט און קוקט אין „שפּאַקטיוו“. און דאָס „הויז“, דער זקן, האָט אַראָבגעוואָרפֿען פֿון זיך די חרפּה, שפּילט זיך מיט די יונגלעך, שטיפֿט מיט. אָט איז עס זיך נוקם אָן אַ קונדס און גיט איהם אַ שטעק אַריין אַ נאָגעל אין די נייע, שבת׳דיגע קאַפּאָטע; אָט רייסט עס איינעם די קלאַפּע אַראָב. די יונגלעך געהען צוריק צו דער מאַמע מיט די פּאָלעס אין דער האַנד, נור דערנסטמאָל זייט זיי נישט מקנא, חברים...

ביי־נאַכט איז דאָס גאַנצע געסעל איינגעטיקט פֿון קאָפּ ביז צו די פֿיס אין שלאָף, די הייזלעך שטעהען איינגעטוליעט איינס ביים צווייטען און זעהען אויס ווי שלאָפֿעדיגע היהנער, וואָס זיצען אויף די אייער. נור דאָס „הויז“ שטאַרט אַרוים ווי אַ אומגעלומ־פּערטער גולם מיט זיין הויכען קאָפּ פֿון צווישען די אַנדערע הייזלעך און שאָקעלט זיך איבער זיי, ווי עס וואָלט זיי דערצעהלט, אָנגעזאָגט איין גאָט ווייסט וואָס, און זיין לאַנגער אונפֿאָרמדיגער שאָטען שפּרייט זיך אויס איבער דער גאַס, קריכט אַריבער אויף די געגענאיבערדיגע הייזלעך. און זיי ביידע, דאָס „הויז“ מיט׳ן

דעם היינטיגען פריץ, איז אוועק דערנאך אין די פרעמדע לענדער, נאך א לאנגער צייט געקומען צוריק און זיך בעזעצט אונטער דער שטאדט און געלעבט זיך אליין. ער זאל האבען מיטגעבראכט מיט זיך, זאגט מען, פון די וויטע לענדער פופצען האהר און פינף נעגעל פון זעהר א בעריהמטע זינגערין, וואס דאס זאל האבען פאר אמאטארען זעהר א גרויסען ווערט. יודען אבער אלס א פראקטיש פאלק האבען זיך אויף קיין האהר און נעגעל נישט פערשטאנען און געלד אויף דעם וואלטען זיי נישט געבארגט...

די דריי בעלי־בתים, יעדער מיט זיין בעזונדער גאוה, האבען שפאצירט יעדער פאר זיך אין געסיל.

אנקומענדיג צו'ם „הויז" צו, האבען זיי דערהערט א קלאפעריי פון העק אין אלטע פערפוילטע באלקעס. זיי האבען זיך אבגעשטעלט, ארומגעקוקט און האבען דערזעהן, ארבייטער שטעהען אויף דעם אלטען דאך פון „הויז", און זייערע שארפע העק טיקען זיך אין די אלטע, פערפוילטע שינדלען, וועלכע זענען אזוי צוזאמענגעוואקסען ווי א שארבען פון א זקן. די בעלי־בתים, וואס האבען ביז איצט מתרעם געווען אויף די פאליציי, וואס זי לאזט איבער אין געסעל אלטע הייזער, וועלכע קאנען ברענגען אנ׳אומגליק, האבען זיך צוגעקוקט, ווי זייער פערלאנג ווערט אויסגעפיהרט, און האבען שטיל־געשוויגען. אין זייער בליק איז מעהר געווען שרעק און טרויעריגע ערווארטונג איידער נייגיעריגקייט;

וואס איז דאס אזעלכעס דאס „הויז"?

פון דורות־לאנג איז געשטאנען א „הויז" אין געסעל. אנ׳אלט, האלב פערפוילט הויז פון איין שטאק, וואס בשעת א ווינד, האט זיך געדאכט, אז דאס דאך פון הויז שאקעלט זיך אויך אינאיינעם מיט די צווייגען און בלעטער פון די בוימער, וועלכע זענען געשטאנען פאר די הייזלעך. גערופען האט מען עס דאס „הויז" סתם. צו קיינעם האט עס נישט געהערט: די בעלי־בתים האבען נישט געוואלט, ווייזט אויס בעצאהלען פאדאטקעס פאר א הויז, וואס ברענגט נישט איין, האבען זיי זיך דערפאר אבגעזאגט פון זיין אייגענטום. און דאס „הויז" איז געווארען צו א „הכנסת־אורחים"־שטיבעל פאר די נאקעטע יונגען, וואס וואלגע=

יעדען טאָג אין איין צייַט איז דורכגעגאַנגען דורך דאָס געסעל דער אַלטער פריץ מיט זיַין הונד.

דעם אַלטען פריץ, וואָס וואוינט איינער אַליין אין דעם געל-געפאַרבטען הייַזעל מיט די שטענדיג פערמאַכטע לאָדען, אויפ'ן וועג קיַין קראָשענוויץ, האָט דאָס געסעל נישט געקענט. דער פריץ האָט זיך געהאַלטען פאַר זיך, מיט קיינעם האָט ער נישט געלעבט און איז תמיד געווען בעהאַלטען אין זיך. קיינער האָט נישט געוואוסט, פון וואַנען ער איז געקומען, און וואָס פאַר איינער דאָס איז. נאָר קודם כל איז עס אַ פריץ, האָבען איהם דערפאַר אַלע אַ לאַנגע צייַט געגריסט. ער אָבער האָט אויף די גריסען נישט אָבגעענטפערט. האָט מען איהם דערנאָך אויפגעהערט צו גריסען. צום סוף האָט זיך דאָס שטעדטיל צו איהם צוגעוועהנט: עפּעס דאָרט אַנ'אָבגעקומענער פריץ! און מען האָט איהם אָנגעהויבען צו בענוצען אָנשטאָט אַ זייגער, ווארום ער האָט זיך אַזוי פינקטליך, צו דער מינוט, יעדען טאָג געוויזען אין געסעל, אַז דאָס שטעדטיל האָט אָנגעהויבען צו צעהלען די שעה'ן לויט זיַין ווייַזען זיך: „אַ האַלב שעה פאַר'ן פריץ'ס אָנקומען"... הינטער די אויגען האָט מען געלאַכט פון איהם. אַ נאָמען האָט מען איהם געגעבען: „דער מלך אביון" און זיַין הייַזעל: דעם מלך אביונ'ס גיטער". נאָר טרעפענדיג זיך מיט איהם „סאַם נאַ סאַם", האָט דאָך אַ יוד (חאָטש ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז דער פריץ איז אָרים) נישט געקאָנט זיך אייַנהאַלטען, אַז ער זאָל נישט פאַר איהם דאָס היטעל אַראָבנעהמען און בויגען זיך: פאָרט דאָך עפּעס אַ פריץ. זיַין האַלז און געמבע, וואָס די וואָרצלען פון די האָר זענען פון פיעל גאָלען זיך אַזוי פערהאַרטעוועט געוואָרען אין זיי, אַז זיי האָבען דעם אייַנדרוק געמאַכט פון אָבגעברענטע פעדער-וואָרצלען אויף אַ פעטער גאַנז, האָבען זיך תמיד געריבען אָן שטייַפען וויַיס געפּרעסטען קאָלנער, אַז עס איז געווען אַ גרויס רחמנות צו צוקוקען. דאָס נישט צוטרעטענקייַט צו איהם האָט בעשאַפען וועגען איהם פערשידענע לעגענדען; מען האָט געזאָגט, אַז ער האָט צו טהון מיט די נישט-גוטע, וועלכע בעזוכען איהם יעדע נאַכט צוועלף אַ זייגער. די אַלטע בעלי-בתּים האָבען אָבער איהם גאַנץ גוט געקענט און געוואוסט, אַז דאָס איז דער אַלטער פריץ פון „דאָבראָוואָקע", וואָס האָט זי פערקויפט

און פֿאַר וועָן. די גענוואַלדעָן זענען דאַן ביז אונטער'ן הימעל. נאָר עס ווײַזט אויס, אַז זי האָט עס נעדאַרפֿט. וואָרום וואָס מעהר גאָספּאָדין איוואַן איוואַנאָוויטש האָט זי געשלאָגען, איז יאַדוויגע געוואָרען אַלץ דיקער. דאָס פּנים איהר'ס איז געוואָרען גלײַך, ווי אַ געשוואָלענער, אָנגעבלאָזענער פּענכער, אין וועלכען עס האָבען געטיקט צווײַ אויגען, ווי צווײַ פּערעלעך... קײַן קינדער האָבען זיי נישט געהאַט, אָבער דערפֿאַר האָבען זיי געהאָדעוועט אַ שען רעשטעל קעץ, הינד, פֿויגעל און אַזאַ מין ווײַסע מײַז, וועלכע זיי האָבען געהאַלטען אין אַ שטײַג. די ווײַסע מײַז האָבען שטאַרק דערעסען ר' נחום'ן, זומער פֿאַר נאַכט, ווען ר' נחום וויל זיך אָנטהון תּענוג, זעצט זיך אַנידער פֿאַר דער טהיר און הײסט זיך אַרויסגעבען דאָס „קלײן מיטאָג", וואָס טהוט דער גוי? נעהמט זיך דער גוי די ווײַסע מײַז אויף די קניע און זעצט זיך אויך פֿאַר דער טהיר, פּונקט געגענאיבער ר' נחום'ן (לְהַכְעִיס אַוַדְאי) און ר' נחום מוז אויפֿהערען צו עסען. ער שפּײַט אוים און קרעכצט אָב: וואָס זאָל מען טהון, אַז מען איז אין גלות!...

איוואַן איוואַנאָוויטש האָט געוואָלט ווערען אוים שטראַזש־ניק און זײַן גלײַך מיט אַלע „ציווילנע", און ער איז שוין טאַקע געוואָרען אַזאַ „ציווילנע", אַז דערזעהענדיג פֿון דער־ווײַטען דעם שטאָדט־סטראַזשניק, האָט ער זיך אויך געחאַפּט פֿאַר'ן בעזעם און אָנגעהויבען אויסצוקעהרען דעם רינשטאָק מיט אַנדערע בעלי־בתּים צוגלײַך. ער האָט זיך אָבער קײנמאָל נישט געקאָנט בעפֿרײַען פֿון די בלאָע הויזען מיט די רויטע קאַנטען. צי ער האָט זיי געהאַט נאָך פֿון די גוטע צײַטען, צי אַ געשמאַק שוין איז געווען ביי איהם אַזעלכער, — אײן גאָט ווייסט איהם. אויך די רעקלעך מיט די היטלעך זײַנע זענען געווען געשניטען אויף אַזאַ מין שניט, אַז חאָטש זיי האָבען אויף זיך נישט געהאַט קײן שום בלעכעל, פֿונדעסטוועגען פֿלעגט יעדער „אָרענטליכער" מענש, וואָס פֿלעגט וועלען זײַן אין „אָרדנונג", פֿיהלען צו זיי אַזאַ שוואַלקײַט, אַז דערזעהענדיג זיי, פֿלעגט ער נישט קאָנען אײַנ־האַלטען דעם יצר־הרע, ער זאָל נישט פֿריהער דאָס היטעל אַראָבנעמען און גריסען: „גוט מאָרגען, פּאַניע נאַטשעלניקו!"

הײליגע ספר אויף זײן ברוסט, און ר׳ נחום שלאָפט שוין רוהיג אײן. בשעת׳ן שלאָף טאָר זיך קײנער פון די קינדער נישט װײזען אויף די שװעל פון דער שטוב: דער טאַטע שלאָפט.

ער לעבט פון װײב׳ס געװעלבעל. נעחע די שװאַרצע (זײן װײב) איז אַ גאַנצען טאָג אין געװעלב. װינטער פריהרט זי און װאָרימט איהרע פערשטײנערטע פינגער, פון װעלכע די הויט איז אָבגעקראָכען פון הערינג און זאַלץ, אַרום אַ טאָפּ גליהענדיגע קויהלען. ר׳ נחום געהט אַרײן נאָכ׳ן שלאָף פאַר מיטאָג אין געװעלב עצות געבען. און אַז ער איז אין גוטען הומאָר, טהוט ער דעם װײב דעם חסד, שפּרײט אויס די הענד און גענעצט הויך אויפ׳ן קול. נעחע די שװאַרצע פרעהט זיך אין האַרצען, װאָס זי האָט אַזאַ אײדעלען מאַן. װאָרום נאָר אײדעלע מענשען שלאָפען פאַר מיטאָג און גענעצען נאָכ׳ן שלאָף...

שפּאַצירענדיג בנעימות׳דיג איבער׳ן געסעל, נעהמט נחום זיך דאָס שנופּטיכעל אַרויס און װיקעלט זיך דעם האַלז אַרום, אַז ער זאָל זיך חלילה נישט פערקיהלען. פלוצלונג דערהערט זיך אַ געשרײ אין געסעל. ר׳ נחום דערשרעקט זיך, נאָר באַלד דערמאָהנט ער זיך, אַז דאָס שרײַט „אויף די צעהן״ יאַדװיגע דעם „ציװילנעם סטראַזשניק׳ס״ װײַב, װאָס דער מאַן שלאָגט זי אויס יעדען פריהמאָרגען. דאַן שפּײַט ער אויס דרײַ מאָל, אַז דער שרעק זאָל איהם נישט שאַדען און געהט זיך װײַטער, צעהלענדיג די טריט.

---

אין געסעל האָט זיך געװיזען דער צװײטער בעל־הבית פון שטעדטעל, גאָספּאָדין איװאַן איװאַנאָװיטש. אַמאָל איז ער געװען אַ סטראַזשניק אין װאַרשוי. אויף דער עלטער, אַז ער איז געקומען צו געלד, האָט ער די שטעל אַװעקגעװאָרפען, האָט חתונה געהאַט מיט אַ דיקער פּוילישער יאַדװיגע און איז אַרויסגעפאָהרען אויף דער פּראָװינץ, געקויפט זיך אַ הײַזעל און לעבט זיך בשלום ושלוה. מיט די בעלי־בתים לעבט ער גוט, אַ פאַן בראַט מיט יעדען. האָט ער עפּעס צו זאָגען, גיט ער באַלד אין טאַטען אַרײַן. נאָר די בעלי־בתים האָבען זיך שוין צוגעװאָהנט דערצו — עס איז בײַ איהם אַזאַ מין לשון. װײַטער האָט ער אַ טבע יעדען אין דער פריה אויסצושלאָגען דאָס װײַב, אײן גאָט אַלײן װײסט פאַר װאָ־

נאָכ׳ן טהײַ, צווישען „מַה טוֹבוּ״ און „קָרְבָּנוֹת״. פאַר וואָס דען נישט? אַ גאַנץ געזונדע זאַך, און עס קאָסט קײן געלד נישט.

און נישט אַזוי מחמת דער ברוסט אַלײן נעהמט זיך אַ יוד צײַט צום שפּאַצירען אין געסעל (שוואַך איז ר׳ נחום פּונקט אַזוי אויפ׳ן האַרץ, ווי אויף די ברוסט, און די „לעבער״ איז אויך נישט אינגאַנצען אין אָרדנונג), נאָר דערהויפּט דערפאַר, וואָס ר׳ נחום האָט בְּטֶבַע ליעב „וויגאָרעס״. אַ יודעל איז עס אַ רונדיגס, אַ פּולס, מיט אַ רויטען קאַרק און אַ פּוּל בײַכעל, וואָס די קאַפּאָטע, דאַכט זיך, וואַקסט בײַ איהם מיט, ווי בײַ אונזערע עלטערן פאַרצײַטען אין דער מדבּר. אַ יוד, וואָס ווײסט זײַן ווערט, און וויל זיך נישט אַלײן „רוצען״. האָט ער צו זאָגען, לְמָשָׁל, אַז מען זאָל איהם דערלאַנגען אַ גלאָז טהײַ, וועט ער נישט זאָגען פָּשוּט „מיר״, נאָר מען זאָל „איהם״ דערלאַנגען, בְּלָשׁוֹן נִסְתָּר. נחום איז זעהר ריהרעוודיג, האָט זיך אַ הֲנָאָה פון אַלץ וויסען, אַ סך הערען, נאָר רײדען — אַ מכּה! רעדט ער שוין אַמאָל מיט זײַן חסד, איז יעדעס וואָרט אָבגעוואויגען, אָבגעמאָסטען און געצעהלט: אַ וואָרט — אַ רענדעל. צום אָנבײַסען גיט ער זיך אַ זעץ אַנידער בײַם טיש און שנײַדט זיך די שטיקלעך ברויט פון לעבעל, בעשמירט מיט פּוטער, זין, נאָר דינינטשקע, אַז עס זאָל נאָר האָבען דעם טַעם פון פּוטער. אַזוי פּײַניגט ער דאָס פינגערהוט פּוטער, צוציהט עס אויף פופציג דינע פּעדעמלעך, אַז עס זאָל איהם גענוגען פאַר דאָס גאַנצע ברויט. דערנאָך שנײַדט ער זיך די שטיקלעך כּסדר אין מויל אַרײַן, רוהיג, נישט געאײַלט, און טרינקט זיך צו צום עסען אַ גאַנצען טשײַניק טהײַ, דערווײַזענדיג דערבײַ דעם קונץ אויסצוקומען נאָר מיט איין שטיקעל צוקער. ער חאַפּט אַרונטער דאָס שטיקעל צוקער הינטער די צונג, אַז עס זאָל איהם נישט צוגעהן בְּשַׁעַת׳ן עסען, און גיט דערמיט אָנצוהערען מיט יעדען זופּ, אַז צוקער, ברידער, איז דאָ... אַזוי עסט ער זיך רוהיג, אַ ביסען ברויט, אַ זופּ טהײַ, נישט צולאָזענדיג זיך בײַם עסען קײן שום עַגְמַת-נֶפֶש, אַז ער זאָל נישט האָבען חָלִילָה בְּחִנָם אַרויסגעוואָרפען. נאָכ׳ן אָנבײַסען לעהנט זיך ר׳ נחום צו אויף דער קאַנאַפּע אין עס-שטוב, נעהמט זיך צום שלאָף דעם „קו הישר״ און לײעֶנט זיך די מעשיות צום שלאָף, ביז דער שלאָף וועבט זיך נישט איבער זײַנע אויגען. דערנסטמאָל רוהט דאָס

מיסט־קאַסטענס, וואָס דער פראָסט האָט זייער חַרְפָּה צוגעדעקט, און דאָס שטעדטעל האָט זיך געבאָדען אין זון און אין בלאָטע...

איבער דעם געסעל האָט זיך איבערגעצויגען אַ יונגער הימעל, וויַיט, רייך, העכער און ברייטער פון מיר; אָבגעריסענע, פּליסענדיגע וואָלקענדלעך האָבען זיך געבאָדען אין זיין טיעפע־ניש, געוועבט זיך פון איהם און פערלאָרען זיך אין איהם, און אַזוי זיך אינאיינעם צוזאַמענגעגאָסען, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז די הימלען זענען צוזאַמענגעוועבט פון ציטערדיגע, צערטליכע מוזיק־טענער, וואָס זענען פערגליוועט געוואָרען אין דורכזיכטיגע רויך־וואָלקענדלעך. די לופט, ווי זי וואָלט זיך בעפרייט פון שווערען בליי, איז געוואָרען אַזוי קלאָר און דורכזיכטיג, אַז מען האָט געהערט און געזעהן די לייכטסטע, דינסטע וואָלקענדלעך רויך, וואָס זענען אַרויסגעגאַנגען פון די קוימער־וואָרצלען, שטעהענ־דיג אין געסעל פאַר די הייזלעך. די שוואַרצע צווייגען פון די בוימער, וואָס האָבען דאָ און דאָרט אין געסעל אַריינגעקוקט פון איבער די וויַיס־אָבגעקאַלכטע פּלויטען, האָבען געציטערט אין אויר פאַר פרישקייט. די ערד אַרום דעם שטעדטעל האָט אַראָב־געוואָרפען פון זיך דעם וויַיסען, ווינטערדיגען דעק, און אַזוי שוואַרץ און אַזוי יונג, האָט זי געוואַרט אויף עפּעס, ווי אַ חָתָן, וואָס וואַרט אויף די כַּלָה... דאָס אַלץ האָט אויסגעזעהן ווי אַ גרוי־סער פרייטאָג פון אַ גרויסען, גרויסען שַׁבָּת, אַ שבת פון פריהלינג. די וועלט איז געווען אַזוי פריש און אַזוי יונג, דאָס עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער אונבעוואוסטער „מע“ פון דעם אונשולדיגען קאַלב, וואָס מָרְדְּכַי קַצָּב האָט געפיהרט אין שְׁחִט־הויז (דער איינ־ציגער טעגליכער שטעדטילשער קָרְבָּן), איז אַ בְּרָכָה אויף דעם יונגען געבאָרענעם טאָג, וואָס קומט אויף דער וועלט...

---

דער ערשטער פון די בעלי־בתים, וואָס האָבען זיך אין געסעל געוויזען, איז געווען ר' נָחוּם רויטהאָלץ.

עס איז קיין וואונדער ניִשט: ר' נחום רויטהאָלץ איז אַ יוד, וואָס ליעבט שעפּען „פרישע לופט“; און וויַיל מאַיאָווע לופט איז אַ מְחַיֶה צו דער ברוסט, טהוט זיך אַ יוד ווי ר' נחום אָן דאָס פערגניגען: אַביסעל דורכשפּאַצירען זיך אין געסעל אין דער־פריה,

# דרײַ בעלי־בתּים.

פריה=מאָרגען. דאָס געסעל האָט זיך געבאָדען אין דער זון. די לאָדען פון די הײַזער האָבען זיך אײנציגװײַז אָנגעהױבען אױפצועפענען. דאָ און דאָרט האָט אָבגעקלונגען אין געסעל דאָס עכאָ פון זײערע אױפגעפּראַלטע זײַטלעך, װאָס האָבען זיך הױך אָן די װענד אָנגעשלאָגען. זײ האָט אָבגעענטפערט דאָס גערױש פון דעם מילכיקער'ס װעגעלע, װאָס איז אַרױסגעפאָהרען פון זאַמדיגען װעג אױף דעם פריש־געברוקעװעטען געסעל. דער מילכיקער, דאָס פערדעל און דער װאָגען מיט די קאַנען זענען געװען פערהױלט אין אַ בלאָען טױ, װי פריה=מאָרגענדיגע פלױמען, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז זײ פיהרען מיט זיך אין שטעדטעל אַרײַן דעם סוד פון די פעלדער און פון דער ערשט=אַװעקגעגאַנגענער נאַכט, װאָס זײ האָבען זי נאָך געמוזט אױפ'ן װעג בעגעגענען...

די אַרױסגעבױגענע קעפּ, בערד און ...אות פון די אױפגעעפענטע לופטשיקעס, האָבען קוקענדיג אױפ'ן שטאָדט=זײגער – װי שפּעט איז עס? – בעגעגענט די זון, און אַ פרעהליכער שטראַהל פון האָפנונג האָט די אָרימע, װינטערדיגע בריסט ערפילט. דאָרט, װאו מען האָט זיך פערשפּעטיגט מיט די לאָדען אױפעפענען, איז זי אַלײן אַרײַנגעדרונגען דורך די לעכער, װאָס זענען געװען אױסגעשניטען אין די לאָדען אין די געשטאַלטען פון הערצלעך, קעזלעך און האַלבע לְבָנוֹת, און זי האָט געזוכט די שלאָפעריגע אונטער די װינטער=דעקען, אין װעלכע עס זענען געװען אָנגעפיהלט פעדער'ן פאַר קינדער'ס און קינד'ס-קינדער'ס אױסשטײַער...

אומגעריכט און אָהן אַ חֶשְׁבּוֹן װי אַ קינד האָט די זון איהרע שטראַהלען פערשפּרײט, נישט קוקענדיג אױף װאָס און װען זײ פאַלען. די שטראַהלען זענען אַרײַנגעדרונגען אין בעהאַלטענע, פערשפּאַרטע לעכער און רינשטאָקען, צולאָזען דעם רעשט פערשװאַרצטען אײַז; עס האָבען זיך אױפגעעפענט די פערבאָרגענע

# אינהאַלט.


| | | |
|---|---|---|
| | | זײַטע |
| (1 | דרײַ בעלי־בתּים | 5 |
| (2 | אין דאָרף | 16 |
| (3 | די שטומע | 21 |
| (4 | אַ גע׳גט פֿאַר פֿאָלק | 28 |
| (5 | קראָקוי | 32 |
| (6 | בײַם ברעג פֿון דער ווײַכסעל | 40 |
| (7 | אַ בערגעל ערד | 45 |
| (8 | אַ בית המדרש׳ל | 49 |
| (9 | תּשעה באָב | 54 |
| (10 | בײַ אַ פֿרעמדען טײַך | 60 |
| (11 | אַ משורר׳ל | 66 |
| (12 | די ערשטע סדר־נאַכט | 69 |
| (13 | אַ שמועס | 77 |
| (14 | אונזער חברה׳לע | 82 |
| (15 | חול־המועד | 86 |
| (16 | שמחת־תּורה אין דער קצבי׳שער חברה | 91 |
| (17 | אַ זווג | 98 |
| (18 | דער גובערנאַטאָר קומט | 102 |
| (19 | צווײַ אַלעען | 108 |
| (20 | הקפות | 116 |
| (21 | באַנקראָט | 121 |
| (22 | דער ליגנער | 130 |
| (23 | אַ פֿערשטעלטער חתן | 138 |
| (24 | אַ יודישער נגיד | 146 |
| (25 | די מאַמע מיט דער טאָכטער | 155 |

LIBRARY
FEB 15 1979
UNIVERSITY OF TORONTO

ТИПОГРАФІЯ Б, ТУРШЪ.
ВАРШАВА НОВОЛИПКИ № 6

# מאטיווען

פון

**שלום אַש.**

---

פערלאַג ב. שימין, וואַרשוי.

BINDING SECT. NOV 25 1981

PLEASE DO NOT REMOVE
CARDS OR SLIPS FROM THIS POCKET

UNIVERSITY OF TORONTO LIBRARY

PJ
5129
A8M75

Asch, Sholem
Motiven

3